STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03640

FUN EYN KVAL

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

געזאמלטע שריפטן

צוואנציקסטער באנד

פֿארלאג „קולטור-ליגע" ווארשע

שלום אש

פֿון אײן קוואל

פארלאג „קולטור-ליגע“ ווארשע

Printed in Poland

צוליב דער איינהייטלעכקייט פון דער אויסגאַבע
געדרוקט מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע

געדרוקט 1928 אין 1000 עקזעמפּלאַרן

SZOLEM ASZ — SZRIFTEN

Copyr. by Sholem Asch, New-York

Wyd. KULTUR-LIGA Warszawa, 1928

Druk. „Di Welt", Nowolipie 7

דער רוף פון שטאָדט

1.

דער שאָפ שפּייזט די פאַרם

דורך די בעזימדיגע צווייגען פון די סאָסנע-בוימער האָט זיך געזעהען, ווי דורך אַ פערלאָפענער שויב, אַ ווייס פערשנייט משופּע׳דיג פעלד. איבער׳ן פעלד איז אַדורכגעלאָפען ווי אַ שוואַרצע שנור, די שינעס פון אַנ׳אייזען-באַהן. מעהר אָבער האָט מען אָנגעזעהן דעם אייזנבאַהן-וועג, פון די טעלעגראַפען-דראָטען, וואָס האָבען זיך געצויגען אין דער הויך איבער די ווייסע פעלדער, אויף וועלכע עס האָט זיך פון צייט צו צייט פערטראָגעז אַ שוואַרצע גאַפּע, אַ מינוט זיך אָבגעשטעלט און אַראָבגעשאַרט די שניי-שנירלעך פון דראָהט מיט איהרע פיסלעך. טהאָל-אַרויף זענען געקראָכען אויפ׳ן באַרג אַ קופּקע קליינע בוימלעך פון אַ סעדיל, וועלכע זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ רויטען צוים. און צוקאָפּענס זיי, איבער די בוימלעך, האָט מען געזעהן די פּאָר הייזלעך פון דער פאַרם. ס׳האָט זיך געקאַלעכט פון שניי אַרויס אַ ווייסע וואַנט מיט בלויע לאָדענס, וואָס האָבען זיך אַרויסגעהויבען פון דער ווייסער איינטאָניגקייט פון שניי-לאַנדשאַפט. ווען מען האָט דערזעהן דאָס ווייס-געקאַלעכטע הייזעל, מיט די בלויע לאָדענס, מיט די נידריגע דעכלעך, האָט עס דערוועקט אַ געפיל פון „היים“. און ברוך מרדכי׳ן, וואָס איז געשטאַנען צווישען די בוימער אין וועלדעל, וואו ער האָט געהאַקט האָלץ, — איז

דאָס ווייסע הייזעל מיט די בלויע לאָדענס פאָרגעקומען אַזוי אַלט-בעקאַנט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען געוואוינט דערינען זיין גאַנץ לעבען פון זיין געבוירען אָן.

און ווער ווייסט, צי די ווייס-געקאַלעכטע וואַנט מיט די בלויע לאָדענס איז נישט שולדיג געווען אין דעם, וואָס ברוך מרדכי האָט נישט שוין לאַנג פערלאָזט דאָס פערשאָלטענע „זילבערטאַן" מיט אַלע זיינע „גליקען" און איז נישט צוריק-געגאַנגען קיין ניו-יאָרק, וואו דער געלער שוואָגער ביינישׂ האָט אים געוואָלט פערזעצען אויף לעבענס-לאַנג אין "שאַפּ". די בלויע לאָדענס האָבען געהאַט אַ קראַפט, וועלכע האָבען מוט געגעבען אַלץ איבערצוטראָגען.

עס איז געווען אַ קאַלטער נאָכמיטאָג. דער הימעל איז געווען פערצויגען מיט אַ געפרוירענעם וואָלקען, און די זון האָט אַדורכגעשיינט דורך דעם וואָלקען, ווי דורך אַ געפרוי-רענער שויב, געקראָכען פאַמעליך, פוילענדיג זיך, און גע-וואָרפען אַ ליכט-שאָטען איבער דעם ווייס-בעשנייטען פעלד. אַרום איז שטיל געווען, נאָר אין דער געפרוירענער לופט האָט זיך געטראָגען דאָס איינזאַמע קלאַפּען פון ברוך מרדכי'ס האַק. אַרומגעוויקעלט אין אַ ווייבערישען צעריסענעם טוך איבער דעם קאָפּ, אַ זאַק „אַניטשעס" איבער די שטיוועל' ווי די גוים אין אין דער היים, — איז ער געשטאַנען צווישען די בוימער-קושאַקעס און אונטערגעהאַקט יונגע סאָסנעלעך פון זיין וועל-דעל. נעבען איהם איז געלעגען אין שניי זיין זעכצעהן יעה-ריג יונגעל אַראָנטשיק, וועלכער האָט געפרובט מיט אַלע מיטלען אונטערצוצינדען אַ פייערעל פון דורכגעפרוירענע צווייגען אויף אַ געפרוירען שניי-פעלד. דער פראָסט האָט געבריהט — ניין, נישט דער פראָסט, נאָר די לופט. קיין פראָסט האָט מען נישט אָנגעזעהן, נאָר די לופט איז געווען אַ שאַרפע. אַ געשליפענע און זי האָט געשניטען ווי מיט אַ שאַרף מעסער די אויערן, די נאָז און די שפּיץ-פינגער פון די הענד מיט די פיס דורך די „אָניטשעס" און דורך די דיקע הענדשקעס.

ברוך מרדכי האָט געסאַפּעט ביים האַקען ווי אַנ'אָבגע-

מאַטערטע חיה. אויפ׳ן שטערן פון אונטער דעם ווייבערישען טוך האָבען געשלאָגען אַנגסטען, וועלכע האָבען קיין צייט נישט געהאַט אַראָבצוקייקלען זיך אויף זיין האָריג בעוואַקסען פנים. זיי זענען אויסגעטרוקענט געוואָרען פון דעם פּראָסט אויף זיין שטערען. פון מינוט צו מינוט האָט ער זיך אָבגעשטעלט, געשפּרונגען פון איין פוס אויפ׳ן אַנדערן, געקלאַפּט איין פוס אין אַנדערען, איינגעטאָטעמט אין די הענד אין געמורמעלט אין באָרד אַריין:

— פאָטער איינציגער, האָב רחמנות, העלף מיר, העלף מיר.

ער האָט געקוקט אויפ׳ן יונגעל זיינעם ווי ער מאַטערט זיך ביים פייער און שפּרינגט אַלע מאָל אונטער פון איין זייט אויפ׳ן אַנדערען, אַזוי ווי עס וואָלט אים ווער אָבגעבריהט... האָט ער רחמנות געקריגען אויף זיין „בלוט און פלייש". ווען ער וואָלט זיך נישט געשעהמט פאַר׳ן יונגעל — וואָלט ער אָנגעהויבען הויך צו בעטען צו גאָט, אַז ער זאָל איהם העלפען, — האָבען די טרעהרען געשלאָגען פון די אויגען, און ער האָט געמורמעלט שוין העכער:

— טאַטע אין הימעל — עס איז מיר שלעכט. — עס איז מיר ביטער, ווי גאַל...

ביי דעם וואָרט „ביטער ווי גאַל" האָט ער אויף זיך נאָך מעהר רחמנות געקריגען. זיין גאַנצע לאַגע איז פאַר זיינע אויגען אויפגעגאַנגען ביי דעם וואָרט, — און אַ נייער שטראָם טרעהרען האָט אַרויסגעזעצט פון זיינע אויגען, וועלכע האָבען אויף אַ מינוט געוואַרעמט זיינע קאַלטע באַקען, אָבער וועלכע זענען באַלד פערטריקענט געוואָרען פון דער קעלט.

דאָס יונגעל האָט איהם געהערט קרעכצען. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזעהן ווי דער טאַטע שטעהט, אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף דער האַק און כליפּעט אין זיין אָרעם אַריין.

— טאַטע, וואָס איז דיר? — האָט דאָס יונגעל געפרעגט דערשראָקען.

— גאָרנישט, — האָט ברוך מרדכי זיך אויסגעפּוישט די אויגען מיט׳ן אַרבעל פון האַנד. — גוט איז מיר! ניקאָלאַיען זאָל זיין אַזוי גוט, וואָס ער האָט מיך מיט מיינע שוואַלבען פערטריבען פון דער היים. — ער זאָל אָנקומען צו דעם, צו האַקען האָלץ ווינטער אין וואַלד, — טאַטע אין הימעל!

דאָס יונגעל האָט געשוויגען. דעם פּאָטערס טרעהרען האָבען איהם גערירט — ער אַליין האָט גישט געוואוסט, אַז עס איז אַזוי שלעכט. דאָס יונגעל האָט געוואָלט דעם פּאָטער טרייסטען — נאָר עס איז אים פאָרגעקומען מאָדנע, וואָס דער טאַטע וויינט. — האָט ער זיך גענומען מיט מעהר חשק צוזאַמענקלויבען דאָס אָנגעהאַקטע געהילץ.

— שוין גענוג געהאַקט האָלץ אין דער קעלט, — קום, וועלען מיר אַהיימגעהן זעהן, וואָס די מאַמע מאַכט. מאָרגען אפשר וועט גאָט געבען און דער פראָסט וועט זיך איינשטעלען וועלען מיר צוהאַקען ביז אַ וועגעלע און פיהרען אין שטאָדט אַריין.

טאַטע און זוהן האָבען זיך גענומען מיט חשק צונויפצוקלייבען די אָנגעהאַקטע סאָסנע-שטאַמען און אויפפּאַקען זיי אויף די צוויי קליינע שליטענס, וועלכע זיי האָבען צונויפגעבונדען און געמאַכט פון זיי איין לאַנגען. ביים צונויפקלויבען די שטאַמען האָט דער אַלטער צוריק געקריגען זיין גלויבען — און די אַלטע האָפנונג פון ברוך מרדכי׳ן צו ווערען אַ בעל-בית „אויף זיין אייגענער ערד״, אין אַ פריי לאַנד, האָט זיך צוריק בעגייט.

— מיין זוהן, עס וועלען נאָך קומען אַנדערע צייטען.

אַז זיי האָבען אַרויפגעלייגט אויפ׳ן שליטען די אָבגעהאַקטע שטאַמען און בעפעסטיגט זיי מיט שטריק, האָבען זיך טאַטע און זוהן אייגעשפּאַנט, אַהיימגעשלעפּט דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ איבער די געפרוירענע, זאַמדיג-גרוביגע פעלדער. זיי האָבעןביידע געשוויצט אונטער זייער מאַסע, דרעפּטשענדיג מיט זייערע שלעכט בעשוכטע פיס אין דעם געפרוירענעם

שניי — געשלעפט דעם שליטען הינטער די שמיץ פון דעם פראָסט.

אין דער לעדיגער, דין-װענדיגער, מיט זומער-פּאַפּיר בע-קלעבטער שטוב איז נאָך געװען קעלטער, װי אין דרויסען. עס האָט זיך געדאַכט, אז דער פראָסט פון נאַקעטען פעלד האָט זיך ארײנגעכאַפּט אין דעם אײנציגען שטיבעל, װאָס שטעהט אין פעלד, אָנצוװאַרעמען זיך... די לײכטע „זומערדי-גע” טאַפּעטען האָבען זיך געשײלט פון די װענד. אין שטוב האָט זיך ארומגעדרעהט חנה, ארומגעװיקעלט אין אלע װינ-טערדיגע מלבושים, סײ װאָס מען נוצט צום אָנטהון און סײ װאָס מען באַנוצט צום צודעקען בײנאַכט — דערבײ נישט זעהר איבערקלײבענדיג, צי זײ בעלאַנגען צום װײבליכען אָדער צום מענליכען מין.

דעם קאָפּ און דאָס פּנים פערהילט אין אַ קאָלדרע, האָט זי זיך געפּאָרעט ארום דעם קיכעל. זי האָט געפּרובט דאָס פײערעל איבערצובעטען מיט אַלערלײ סגולות. צוגעװאָרפען שפּענדלעך און צוגעשאָטען מיט קללות און אויפגעמונטערט עס מיט לופט, װאָס קומט פון איהרע אײגענע לונגען. זי האָט זיך נישט געװאונדערט, װאָס די מענער זענען אהײמ-געקומען אין מיטען טאָג פון דער ארבײט. זי איז געװאוינט געװען דערצו. — זי האָט זיך נישט אומגעקוקט צו זײ, און האָט געזאָגט:

— מײן מאַן האָט זיך פערגלוסט צו װערען א פארמער.

דער מאַן האָט איהר גאָרנישט אָבגעענטפערט. זי, זעהט זיך אויס, האָט געהאַט פערדרוס אויך דערפון, װאָס זי געהט זיך איצט מיט איהם אָברעכענען, ער האָט שוין ס'זײניגע, האָט זי זיך געטראַכט, נאָר אין גאַנצען פערשװײגען האָט זי אָבער נישט געקאָנט.

— אַז אַ װעלט זאָגט, אַז עס טויג נישט — איז עס נישט גוט, אַז אַ נישט װאָלטען דאָך אַלע געװאָרען פאַרמערס, נישט קײן שנײדערס.

ברוך מרדכי האָט געשװיגען. שװײגענדיגערהײט האָט

ער אויסגעטהון אַ שטיוועל, און מיט דער היימישער געוואוינ-הייט האָט ער מיט דער כאַלעווע אויפגעבלאָזען דאָס פייע-רעל אין קיכעל.

— יאָ, עס איז יאָ אַ גוטע זאַך, פאַר גוים, נישט פאַר יודען. דאָס איז נישט קיין יודישע מלאכה, — האָט זי אָבגעמאַכט.

נאָר דאָס האָט שוין ברוך מרדכי נישט געקענט איבער-טראָגען. עס האָט זיך דערוועקט אין איהם דער „משכיל״, און די „השכלה״-בעוועגונג, אין וועלכער ער איז דערצויגען געוואָרען, און צוליב וועלכער ער איז אין דער נייער מדינה געוואָרען אַ פאַרמער:

— דאָס זאָגען פונקט אַזוי אַלע אַנטיסעמיטען, אַז יו-דען טויגען נישט צו קיין ערד-אַרבייט — זיי קענען נאָר בלויז האַנדלען, שאַכער-מאַכער, אָבער נישט אַרבייטען.

פאַר דעם אַרגומענט, אַז זי זאָגט, חלילה, דאָס, וואָס „אַנטיסעמיטען״ זאָגען, האָט זיך חנה דערשראָקען און איז שוין שטיל געוואָרען.

נאָר אַז חנה איז שטיל געוואָרען, האָט ברוך מרדכי אָנגעהויבען צו רעדען:

— מיר מוזען ווייזען די גוים, אַז מיר טויגען זיך צו דער ערד, פונקט ווי זיי. „בזעת אפיך תאכל לחם״ — מיט דעם שווייס פון דיין פנים וועסטו עסען דיין ברויט, — ווי אין דער הייליגער תורה שטעהט — האָט זיך ברוך מרדכי אַלץ נישט געקענט בערוהיגען. — זענען יודען אין ארץ-ישראל נישט געווען אַמאָל קיין ערד-אַרבייטער?

— שוין, דו הויבסט שוין ווידער אָן מיט דיין ארץ-ישראל. — ווער קען זיך פערגלייכען מיט דעם, וואָס ס׳איז געווען אין ארץ-ישראל? אין ארץ-ישראל האָט מען דאָך גאָר-נישט בעדאַרפט אַרבייטען, — אין ארץ-ישראל האָט דאָך גע-רעגענט מיט קאַרטאָפלעס — און דאָ בעדאַרף מען זיי אויס-גראָבען פון דער ערד, — האָט זיך חנה שויז נישט געקענט איינהאַלטען.

אויף דעם האָט ברוך מרדכי גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערען. — ער האָט גענומען טריקענע שפענדלעך און צו-געוואָרפען צום פייער און געזאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַר אַלע יודען געשטאַנען:

— און איך וועל ווייזען די גוים, אַז אַ יוד קען אויך בעאַרבייטען די ערד. עס וועט מיך נישט פּעריאָגען פון דאַ-נען נישט קיין קעלט, נישט קיין היץ, נישט קיין הונגער, גאָרנישט - אונטער־גענומען זיך צו זיין אַ פאַרמער, — וועלען מיר זיין פאַרמערס.

— ווער לאָזט דיך נישט? ביזט דאָך שוין אַ פאַרמער, האָט דאָס ווייב געזאָגט און גענומען זיך פערקנעטען אַ טיי-געל אויף נאַכט-עסען, פון דעם מעהל, וואָס זיינע צוויי טעכ-טער, שטאָדטישע ארבייטערינס אין די שעפער האָבען צוגע-שיקט צו זייער פאָטער — דעם „פאַרמער".

וואָרום ווי ברוך מרדכי האָט נישט געמאַכט צו קליין-געלד די שטעפּערס און כמעט זיי בעצייכענט אַלס בלוט-דורשטיגע עקספּלואַטאַטאָרס, — זענען עס דאָך געווען זיינע צוויי טעכטער „שטעפּערינס", וועלכע האָבען אויסגעהאַלטען די פּאַרם פון אלע צרות.

ברוך מרדכי קומט פון אַ קליין שטעדטעל אין פּוילען. אין דער היים איז ער גאָר געווען, ווי אַלע יודען, אַ תבואה-סוחר נישט קיין תבואה-פערזייהער, נאָר די „שלאַפקייט" (ווי דאָס ווייב האָט גערופען זיין נייגונג צו ערד-אַרבייט) האָט ער בעקומען נאָך פון זיינע בחור'ישע יאָהרען. און דערמיט האָבען איהם אָנגעשטעקט די העברעאישע שרייבער פון דער „הצפירה", פון „המליץ", און נאָך אַנדערע יודישע „משוררים", וואָס ער האָט געלעזען בגנבה אין בית-המדרש. זיי, די „משוררים", האָבען געהאַלטען אין איין בעזינגען די „זיסקייט" פון ערד-אַרבייט. עס איז געווען יענע צייט פון „חיבת ארץ-ישראל", דאָס הייסט יודען זענען געפאָהרען נאָך אַרגענטינאַ בעזעצען זיך אויף דער ערד פון דער „איקאַ". און די העברעאישע צייטונגען זענען פול געווען מיט „מאמרים" וועגען ערד-אַר-

בייט. יעדער „משורר" האָט געזונגען וועגען דער „סאָכע" און „מזל-ברכה". ברוך מרדכי, ווי געזאָגט, איז געווען אַ „משכיל". זיין „השכלה" איז בעשטאַנען אין דעם, אז ער האָט געקענט אַלע נעמען פון די יודישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל פון אויסווייניג, געוואוסט וויפיעל ערד עס איז אַ „דונאַם", גע-וואוסט פון יעדער בהמה, וואָס קומט צו אין אַ יודישער קאָ-לאָניע, און געהאַלטען אין איין רעדען, אז נישט אַנדערש, אז ער פאָהרט אַליין אַראָב קיין ארץ-ישראל און שטעלט זיך אוועק אויף דער הייליגער ערד מיט אַ שאָפעל אין דער האַנד.

נאָר געוואָרען איז ער דאָס, וואָס אַלע יודען זענען געווען אין זיין צייט, — אנ'איידעם אויף קעסט, מיט אַ שיי-נע פּאָר הונדערט רובל נדן, און איז ארויסגעגאַנגען מיט'ן שווער אויפ'ן מאַרק האַנדלען „תבואה". אַזוי האָט ער אָבגע-האַנדעלט אַ יאָהר צוואַנציג און אַלץ גערעדט פון דעם, אַז אין איין שיינעם טאָג וועט ער איבערלאָזען זיין גאַנצען מסחר און אַוועקפאָהרען קיין ארץ-ישראל און ווערען אַ „יגיע-כפּים". געהאַנדעלט מיט תּבואה און געחלומ'ט וועגען פערזייהען תּבואה, וועגען אויפגעקאָפּעטע פעלדער. און האָט ער געזעהן פאָהרענדיג אין די הויפען אַרום, ווי פויערים דר'פּטשען מיט זייערע פערדלעך, איינגעשפּאַנט אין אַקערס איבער דעם נאָ-קעטען שוואַרצען פעלד, האָט ער זיי מקנא געווען:

— עס איז דאָך צוקער-זיס אַזוי נאָכצוגעהן נאָכ'ן פערד, אויפ'ן אייגענעם שטיקעל ערד, אין אייגענעם לאַנד.

און ער האָט זיך שוין געזעהען ערגעץ-וואו, דער ברוך מרדכי, אונטער דעם באַרג „לבנון". און דוקא אונטער דעם באַרג „לבנון", וועלכען ער האָט אַזוי גוט געקענט פון שיר-השירים. און דערמאָהנט מען דאָס וואָרט „לבנון", דערפיהלט מען באַלד אין די חושים אַ געשמאַק פון די גרויסע טענען-בוימער, וואָס וואַקסען דאָרט, די אַרזי-לבנון, און מען דער-זעהט באַלד די „קליינע פיקסעלעך", וואָס לויפען דאָרט אַרום צווישען די טענענבוימער און קיינער כאַפּט זיי נישט, און מען הערט באַלד דאָס שענע אַנגענעהמע געזאַנג, וואָס גיסט

זיך ווי „בוים-אייל" פון די שענע טעכטער פון ציון, וואָס שפּיעלען זיך דאָרט אונטער די טענענבוימער און „כשופ'ן דיך מיט איין אויג און מיט איין שלייף פון זייער צאָפּ", און דאָ און דאָרט, גלאַט אַזוי, נישט מיר און נישט דיר, פליסט זיך אַ טייך פון „מילך און האָניג", פון מילך, וואָס האַלט אין איין רינען פון די פולע אייטערס פון די פעטע שעפּסען און ציגען, און האָניג פון די טריפענדע וויין-הענגלעך און פעטע טייטלען. און ביזטו מיד און דורשטיג, געהסטו דיר צו צו אַזאַ טייך און טרינקסט דיך אָן מיט מילך און האָניג וויפיעל דו ווילסט. אין מיטען דעם גן-עדן, צווישען די שאָטענדיגע טענענבוימער פון באַרג לבנון, וואו קליינע פיקסלעך לויפען ארום, און די שענע טעכטער פון ציון זיצען אין שאָטען און זינגען ציונס געזאַנגען צווישען די טייכען פון מילך און האָניג, שטעהט ברוך מרדכי מיט זיין שעהן פערדעל און אַקערט זיך אויף זיין טייל וויינגאָרטען...

עס וועט נישט פונקט אַזוי זיין, נאָר מעהר אָדער וועניגער...

אין מיטען דער וואָך האָט ער קיין צייט נישט געהאַט דערצו. דער קאָפּ איז איהם געווען שטאַרק פערנומען מיט פרנסה, מיט זעקלעך תבואה, מיט פּריצים, און דער עיקר — וועקסלען... נאָר שבת, נאָכ'ן שלאָף, אַזוי ווי אַמאָל די פרומע יודען האָבען זיך געקוויקט מיט אַ „ברכי נפשי" אין ווינטער, אין וועלכען עס ווערט בעזונגען די גרויסע מעשים פון גאָט, און מיט דער קלוגשאַפט פון „פּרק" אין זומער — אזוי האָט זיך ברוך מרדכי געקוויקט מיט אַ „קאָרעספּאָנדענץ" פון ארץ-ישראל אין די העברעאישע צייטונגען, אין וועלכע עס איז בעשריבען געוואָרען ווי די יודען בעאַרבייטען די ערד, אָדער מיט אַ „מאמר", אין וועלכען דער שרייבער ווייזט אַרויס בע-שיינפערליך, אַז יודען מוזען ווערען ערד-אַרבייטער, אָדער נאָר מיט אַ שיר, וואָס בעזינגט די זיסקייט פון ערד-אַרבייט.

נאָר, אַז עס איז געקומען דערצו, דאָס הייסט, ווען עס זענען אויסגעבראָכען די פּאָגראָמען און אַלע האָבען אָנגעהויב-

בען צו לויפען. און די עלטערע קינדער ביי ברוך מרדכי'ן, דאָס הייסט, די מיידלעך, זענען אויפגעוואַקסען און ברוך מרדכי האָט איינגעזעהן, אַז אָהן נדן איז פאַר זיי דאָ נישט קיין „צוקונפט" — האָט ער בעשטימט אַלצדינג אויסצופערקויפען און אויסצוואַנדלען. ער איז נישט געפאָהרען קיין ארץ-ישראל, וואו זיין אידעאַל איז געווען, נאָר דוקא נאָך אַמעריקאַ. דערצו האָבען פיעל זאַכען מיטגעהאָלפען. ערשטענס, פאַר ארץ-ישראל האָט ער נישט גענוג געלד געהאַט, און דאָס צווייטע אז קיין אַמעריקאַ האָט איהם אַ שוואָגער, דעם ווייבס אַ ברודער, צוגעשיקט שיפסקאַרטען און צוגעזאָגט אין גוטע בריעף די ערשטע צייט אַרויסצוהעלפען, און פאַר די מיידלעך צו בעקומען גלייך אַרבייט... האָט זיך ברוך מרדכי געטראַכט, אפשר איז נאָך נישט די צייט, „אַז משיח זאָל קומען", אפשר בעדאַרף ער צוערשט נאָך אָבריכטען „גלות-אַמעריקאַ". אין אַמעריקא, אַז ער וועט מאַכען גענוג געלד — וואָס איז דאָך געוויס, וואָרום אַ נישט, צו וואָס לאָזט מען זיך אַראָב קיין אַמעריקאַ? — וועט ער פון דאָרט אַראָבפאָהרען מיט'ן גאַנצען האַק און פאַק קיין ארץ-ישראל.

נאָר אין אַמעריקאַ האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז עס איז נישט אַזוי לייכט צו מאַכען געלד. די ענגע שאַפ, אין וועלכער ברוך מרדכי איז אַריינגעפאַלען, נאָך דעם פרייען לופטיגען מאַרק פון זיין שטעדטעל און נאָך די פריצישע הויפען, האָט איהם אויסגעזעהן ווי צעהן גיהינום'ס. טאַקע די קינדער, זיינע טעכטער, די מיידלעך האָבען באַלד בעקומען בעשעפטיגונג. דער פעטער האָט זיי געשאַפט אַרבייט אין „שעפער" ביי ווייבערישע קליידער, און נאָר ברוך מרדכי אַליין האָט זיך באין אופן נישט געקענט צופאַסען צו שאַפ. עס איז נישט געווען בלויז די גרויסע אָנשטרענגונגען, ווי שווער און ביטער זי איז נישט געווען פאַר איהם, אַ יוד אין די טיעפע פערציגער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטהון קיין פיזישע אַרבייט, און שטענדיג געוואוינט געווען אויפ'ן פרייען-צו זיין איינגעשלאָסען אין די פיער איילען. ער וואָלט עס

ביינעקומען. עס איז געווען מעהר די גייסטיגע דערנידערקייט, וואָס ער האָט געפיהלט אין שאָפּ. ער, ברוך מרדכי, א יוד אַ משכיל, וואָס לעזט אַ העברעאיש בלאַט און קוקט אריין אין אַ העברעאיש ספר און שרייבט אַליין אַ שיינעם לשון-קודש, אַ סוחר אין שטאָדט, פון אַ שיינער משפחה. מיט אַ שטיקעל אידעאַל, אַ „חובב-ציון", זאָל טהון אַ פּשוט'ע ווייבערישע אר-בייט, וואָס יעדע שיקסע קען עס טהון, צו וועלכער מען בע-דאַרף נישט קיין קאָפּ, נישט קיין מחשבה, גאָרנישט, נאָר פּראָסטען חומר און הענד. האָט ער זיך דערמאָהנט אין זיין לעבענס-אידעאַל צו ווערען אַ פּאַרמער, איז עס נישט אין ארץ-ישראל, איז עס אין אַמעריקאַ. אַ פריי לאַנד איז עס, און גוט צו יודען. פאַרוואָס נישט אַמעריקאַ, וואו פיעל יודען האָבען געפונען אַ היים פאַר קינדער אין קינדס-קינדער? אַ פּאָר הונ-דערט דאָלאַר האָט ער נאָך געהאַט מיטגעבראַכט פון דער היים, דער שוואָגער האָט אַרויסגעהאָלפען די טעכטער אויך; איז מען אַוועק אין אַ חברה, וואָס האָט די אויפגאַבע צו בע-זעצען יודען אויף דער ערד, אין אַמעריקאַ, און זיי האָבען שוין אויסגעזוכט פאַר ברוך מרדכי'ן אַ פּאַסיגע פאַרם אויף „גוטע בעדינגונגען" אויסצוצאָהלען.

ער האָט געוואוסט, מען האָט איהם אָנגעזאָגט — און ברוך מרדכי האָט געלייענט דערפון אין די „מאמרים", אַז ערד-אַרבייט איז נישט קיין לייכטע זאַך. עס איז אַ שווער שטיקעל ברויט, נאָר דערפאַר אַ זיס שטיקעל ברויט. און ברוך מרדכי האָט זיך אונטערגענומען „צו ליידען"; איבריגענס האָט זיך דאָך ברוך מרדכי געהאַלטען פאַר אַ „מומחה" אין ערד-אַרבייט, כאָטש ער האָט נאָך קיינמאָל קיין רידעל אין האַנד נישט געהאַט, און קיינמאָל מיט אַקער איבער'ן פעלד נישט געגאַנגען — דאָך האָט זיך איהם געדאַכט, אַז וואָס נוגע ערד-אַרבייט ווייסט ער אַלצדינג. ערשטענס האָט ער זיך פון קליי-נערהייט אַזוי פיעל אָנגעלעזען דערפון, און צווייטענס איז ער דאָך כל ימיו אַ סוחר פון תבואה — נור אַזוי שווער האָט ער

נישט געוואוסט, אַז עס איז — ביז ער איז נישט געקומען דערצו.

איבערגענומען די פארם האָט ער אין הערבסט-צייט, מען האָט איהם געמאַכט אַ חשבון, אַז פון בלויזען „קאָרן", וואָס ער האָט שטעהן אויפ'ן פעלד, וועט ער קענען אָבצאָהלען די דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס ער דאַרף נאָך דאָס יאָהר אָב-צאָהלען אויפ'ן היפּאָטעק. דאָס היי איז שוין געווען אַראָבגע-נומען, כמעט אַ האַלבען „ייער פול. מיט די קאַרטאָפּעל אויפ'ן פעלד וועט מען קענען דעם ווינטער דורכ'פטר'ן, ביז צום נייעם שניט. און פון דעם טאַבאַק וועט זיין כלו ריוח. ערשט עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די קאַרטאָפּעל זיינען געלעגען אויף אַ פייכטען אָרט, און מעהר ווי העלפט זיינען פארפוילט געוואָרען, און היי איז דאָס יאָהר געווען אַזוי פיעל, אַז עס איז נישט געווען וועמען צו פערקויפען, און פיעל אייגענע קיה האָט ער נישט געהאַט — איבערגעבליבען איז איהם נור איבער'ן ווינטער צו עסען, פאַר איהם מיט דער איינציגער קוה, וואָס ער האָט געהאַט, קאָרן געטרייד, דעם ווינטער האָט מען געמוזט לעבען פון דעם מעהל, וואָס די צוויי טעכטער, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אין שטאָדט, אַרבייטענדיג אין די שעפּער, האָבען פון שטאָדט אַרויסגעשיקט אויף דער פארם, און דאָס איבריגע האָט ברוך מרדכי זיך געמוזט צו-פאַרדיענען פון דעם געהילץ, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט פון זיין אייגען וועלדעל, ביי וועלכען מיר האָבען איהם געטראָפען אין דעם ברענענדיגען פראָסט, ביים אָנהויב פון אונזער ערצעהלונג.

וואָלט עס געווען אַן אַנדערער, וואָלט ער שוין לאַנג איבערגעלאָזט די קאַלטע פיער ווענט, באַקלעפּט מיט זומער-פאַפּיער, און צוריקגעלאָפען אין שטאָדט אַריין. אָבער נישט ברוך מרדכי. נישט בחינם איז ברוך מרדכי געווען אַ משכיל און אָנגעלעזען זיך פון זיין יוגענד אָן וועגען דער נוצליכ-קייט פון ערד-אַרבייט פאַר יודען, אַז ערד-אַרבייט איז דער איינציגער „ענטפער" אויף דער בעשטענדיגער „יודען-פראַגע", אַז ערד-אַרבייט ביי יודען וועט פאַרשטאָפען די מיילער פון

אַלע וויסטע אַנטיסעמיטען. און ברוך מרדכי'ן האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועט אַוועקוואַרפען די פאַרם און צוריק קומען אין שטאָדט אַריין, וועט עס זיין אָן אָפענער בעווייז פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק — אַז דאָס יודישע פאָלק איז נישט פעהיג צו ערד-אַרבייט, און אַ נייער פתחון-פה פאַר די אַנטיסעמיטען. און אַזאַ חלול השם האָט ער נישט געקענט נעהמען אויף זיך.

און ברוך מרדכי האָט אַלצדינג איבערגעטראָגען. מיט השפלה-עקשנות איז ער איבערגעשטאַנען דעם שווערען ווינטער אין פאַרם, אין קעלט און פראָסט, נאָר כדי צו בעווייזען די „אומות העולם", אַז יודען זיינען אויך פעהיג צו ערד-אַרבייט, פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער...

2.

עס טאָגט ביי ברוך מרדכי'ן אויפ'ן פאַרם

אז עס איז געקומען דער פרילינג, איז ברוך מרדכי אריינגעפאָהרען אין שטאָדט און גענומען פון די טעכטער אויף זריעה. און ווידער איז עס געוועזן די „שאַפ“, וואָס האָט אויסגעהאָלפען, ניין, נאָר „אויסגעבאָרגט“ דער פאַרם מעהל אויף ברויט, קאַרטאָפל און ווייץ אויף צו פאַרזייהען.

ברוך מרדכי האָט אויסגעזוכט דעם אַקער. דעם אַקער, פון וועלכען די פאָעטען זינגען אזוי פיעל. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, ווי עס זעהט אויס אַנ'אַקער, דאָך האָט ער איהם גוט בעטראַכט, איידער ער האָט איינגעשפאַנט צו איהם זיין איינציגע קוה. זיין אינגעל פון דער צווייטער זייט, און ברוך מרדכי האָט צוגעשטופט פון הינטען. חנה האָט געמוזט אַרויסגעהן אין דרויסען און צוזעהן דאָס גרויסע געשעהעניש פון ערשטען מאָל איבערפיהרען דעם- אַקער אויפ'ן פעלד. ברוך מרדכי האָט געמאַכט אַ שהחינו, און ז'ער טאַטע מיט'ן זוהן, מיט דער הילף פון זייער איינציגער קוה, האָבען זיך גענומען אויפצואַקערען דאָס גרויסע שטיק פעלד, וואָס איז געלעגען באַרג אַראָפּ, הינטער זייער הויז.

ווי ביטער און שווער עס איז נישט אָנגעקומען די אַר- בייט — דעם טאָג האָט עס ברוך מרדכי נישט געפיהלט. דאָס פנים צויאַכמעט, דער שווייס רינט פון שטערען, און די

האָר קלעפּען זיך, דאָס העמד איז אויסצודרעהען. ער האָט שוין געוואָרפען די וועסט פון זיך. דער אַקער געהט ארויף און אַראָפּ, און אַמאָל גיט ער אַ זעץ אין האַרץ, און אַנ׳אַנ-דערש מאָל — אין דער לעבער. טייל מאָל, אָדער גאָר אָפּט, גיט ער זיך אַ נאָרע איין אין דער ערד מיט דער נאָז, און דעמאָלסט: „וויאָ אַהין" און „וויאָ אַהער" — די קוה שטעהט און איז מעלה גרה און נעמט אויף זיך די אַלע בייטשען, וואָס ברוך מרדכי איז איהר מכבד, און זי שווייגט, אזוי ווי נישט איהר מיינט מען דאָס און זי וויל זיך נישט ריהרען, ביז ברוך מרדכי עסט זיך אויס די גאַל און אראָנטשיק, דאָס יונגעל, שלעפּט פון זיך די כּוחות ארויס. אָבער ברוך מרדכי איז אין דעם טאָג גליקליך געווען. ער האָט געשאָטען מיט תורה-ווערטליך איבער דעם גאַנצען וועג פון אַקערן. אַזוי ווי ער וואָלט מיט דעם כח פון די פסוקים געוואָלט אונטערשטופּען דעם אייזען, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט וועלען דערמאָנען דער ערד, אַז זי ווערט אויפגעאַקערט פון יודישע הענט, און צוליעב דעם דאַרף זי וייכער ווערען און נאָכגע-בען. האָט ער איהר אויסגערעכענט אַלע שטעלען פון דער תורה, וואו עס ווערט דערמאָנט „בזעת אפּיך", אַלע תפילות פון דאַוונען, וואו מען בעט אויף א גוטען פּרוכטבאַרען יאָהר; אַלע שירים פון די דיכטער, און ס׳האָט געהאַלטען אפילו דערביי, אַז ער זאָל זיך צוזינגען דאָס בעריהמטע ליעד:

„אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה", וואָס ער האָט געקענט פון זיינע בחור׳שע יאָהרען.

די שכנים אַרום, די קריסטליכע פּאַרמערס, האָבען גע-זעהן דאָס מאָדנע פּרעמדע בילד, צו וועלכען זיי זענען נישט צוגעוועהנט געווען: אַז אַ מענש אַקערט די ערד מיט אַ קוה און מיט אַ זוהן — האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די נייע בעלי-הבתים ביי דער אַרבייט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— דער מאַן וועט נישט עסען קיין ברויט פון דעם אַקער — האָט איינער געזאָגט צום אַנדערן.

— פון די שטעדטישע, ווייסט נישט, ווי מיט דעם אומ־צוגעהן. אַ רחמנות אויף דער קוה.

— איידער דאָס בליהעכטס וועט פון די בוימער פאַלען, וועט ער שוין צוריק זיין אין שטאָדט.

און עס האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעוויזען, וואָרום דער אַקער, געשלעפּט פון דער קוה מיט דעם יונגעל, האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט. און דעמאָלסט, ווען ביי די שכנים זענען שוין געווען אַלע פעלדער אויפגעאַקערטע און האַלבּ־פערזייהטע האָט נאָך ברוך מרדכי געהאַלטען ביים ערשטען אַקער, אויף וועלכען ער האָט געדענקט, ווי דאָרט אין דער היים, פערזייהען „ברויט".

און דאָ מיט אַמאָל האָט די זון געגעבען א זעץ אַרויס, און די ערד איז אויפגעבאַקען געוואָרען אין זיינע אויגען.

— הע, דאָס האָסטו בעדאַרפט נאָך פאַראַיאָהרען טאָן, נאָכ'ן שניט, אין הערבסט, — ווילסט היי־יאָר פאַראַקערען און היי־יאָהר פאַרזייען — אַ וויב באַדאַרפט אויך טראָגען ניין חדשים ביז זי האָט דאָס קינד, — האָט מר. דזשאָנסאָן, זיין נאָהנטסטער שכן געלאַכט פון איהם, און דערביי געקייעט טאַבאַק, געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזען־קעשענעס אויף זיין שטיק פעלד און צוגעזעהן ווי דער יוד מוטשעט זיך מיט'ן אייזען.

ברוך מרדכי האָט נאָך נישט געקענט רעדען ענגליש, דאָס יונגעל — אַ פּאָר ווערטער. ברוך מרדכי האָט זיך פאַר־שעהמט פאַר איהם. און כּדי נישט אויסצוזעהן ביים שכן נאַריש, כּדי נישט צו פאַרשעהמען דאָס „יודישע פאָלק" אין די אויגען פון די „אומות העולם", אַז זיי ווייסען נישט ווי מיט'ן אַקער אומצוגעהן, האָט ער געזאָגט צום יונגעל:

— זאָג איהם, אַראָנטשיק, אַז אין אונזערע מקומות אַרבייט מען אַזוי אויף דער ערד, אַז מיר וועלען דאָ זיין אַ שטיקעל צייט, וועלען מיר זיך אויסלערנען בעאַרבייטען די ערד ווי די היגע טוען.

אראָנטשיק, ווי ווייט ער האָט געקענט, האָט דעם שכן,

דעם מיסטער דזשאָנסאָן, ערקלערט דעם טאַטענ׳ס ווערטער. דער שכן האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט, ער האָט גאָר ארויס־געשטאַרצט זיינע גרויסע געזונטע שוואַרצע צייהנער, וועלכע האָבען דערמאָהנט אָן די צייהנער פון א פערד, געכאפּט אַ שטיק טאַבאַק אין מויל אַריין, צוקייט עס און געגעבען אַ שפּריץ ארויס פון מויל אַ געלען סאָס.

— און וואָס רעכענסטו צו פאַרזייען דאָ, אויף דעם שטיק פעלד?

— זאָג איהם, אראַנטשיק, ברויט, — ענטפערט ברוך מרדכי מיט שטאָלץ.

— וואָס, ברויט געהסטו פאַרזייען? — לאַכט דער שכן און שטאַרצט זיינע גרויסע צייהנער אַרויס. — פייגען און באָקסער וועלען דיר גיכער וואַקסען דאָ ווי ברויט.

ברוך מרדכי האָט געמיינט, אז דער גוי לאַכט פון איהם און איז שוין געווען גרייט צו שמייסען די קוה און זי טריי־בען ווייטער.

— זאָג דיין טאַטען, אַז ער זאָל דאָרט, אויף יענעם אַקער, פאַרזייען קאַרטאָפּעל וועט ער האָבען וואָס צו עסען, אַז נישט וועט ער מוזען די צייהן אין בייטעל לעגען. מיר זענען דאָ אין ניו דזשוירזי, נישט אין אילינאי שטאַט — זאָגט דזשאָנסאָן און געהט זיך זיין וועג.

ברוך מרדכי האָט נישט פערשטאַנען וואָס דער שכן מיינט. האָט ער זיך ווייטער גענומען צו אקערען די ערד. יעדען פריהמאָרגען האָט ער זיך געפעדערט אין דער פריה. דערווייל האָבען שוין ביי די שכנים די פעלדער געגרינט זיך. און ברוך מרדכי האַלט נאָך אין איין אַקערען דאָס ערשטע שטיק פעלד.

ער זעהט די שכנים לאַכען פון איהם. יעדעס מאָל ווען ער קומט ארויס מיט זיין קוה און זיין יונגעל, איינגעשפּאַנט צו זיין אַקער, — נאָר נאָכגעבען וועט ער נישט. ער וועט טהון דאָס זייניגע, דאָס איבעריגע וועט גאָט העלפען.

אַז עס איז דורכגעגאַנגען א שטיקעל צייט און די שכנים

האָבען געזעהען, אַז דער יוד קלעפּט צו דער ערד, האָט זיך אין איין שיינעם פריהמאָרגען געפּעדערט צו איהם דער שכן דזשאָנסאָן, מיט צוויי גרויסע פערד ווי די הייזער, גענומען די פערד און איינגעשפּאַנט צו דעם יודענ׳ס אַקער, און אי־בערגעגעבען די לייצעס דעם יונגעל.

— זאָג דיין פאָטער, אַז ביי אונז, אין אונזערע מקומות, אַקערט מען די ערד נישט מיט קיין קוה נור מיט דעם, — ווייזט ער איהם אָן אויף די פערד, — און דיין טאַטע וועט עס באַדאַרפען אויך אַזוי טהון, ווען ער וויל פון דער ערד עפּעס אַרויסקריגען.

דער יוד איז דערשטוינט געבליבען.

— מיינע פעלדער האָב איך שוין צואַקערט, — איך באַדאַרף זיי איצט נישט.

— קענסט זיי האַלטען אַזוי לאַנג ביז דו וועסט האָבען דיין פעלד צואַקערט, — האָט דזשאַנסאָן צוגעלעגט, און גע־כאַפּט אַ שטיק טאַבאַק און מויל אַריין.

— און זאָג דעם אַלטען מאַן, אַז ער זאָל אַלץ איבער־לאָזען און אָט אויף יענעם אַקער זאָל ער פאַרזייען קאַרטאָפעל און דאָס פלינק, איידער די זון צוברענט די ערד. וועט ער אויפ׳ן ווינטער האָבען וואָס צו עסען. אַז נישט וועט ער מו־זען אין וואַלד געהן האָלץ האַקען, — האָט דער גוי געזאָגט און אויסגעשפּיגען פון מויל אַ געלע מאַסע שפּייעכץ.

נור עס האָבען נישט געהאָלפען דזשאַנסאָנ׳ס פערד, און די פאַרזייטע קאַרטאָפעל. דער זומער איז נאָך ערגער געווען ווי דער ווינטער. ווען נישט די שאָף אין שטאָדט, וואָלט מען פּשוט געשטאָרבען פון הונגער. די שאָף האָט געהאַלטען אין איין אַרויסשיקען מעהל אין פאַרם אַריין. דערנאָך איז נאָך צוגעקומען אַ ראַטע צו באַצאָלען אויפ׳ן היפּאָטעק, דריי הונ־דערט דאָלאַר, אַז נישט וואָלט מען די פאַרם צוגענומען, און דאָס גאַנצע געלט און די גאַנצע פראַצע, וואָס מען האָט אריינ־געלעגט וואָלט פאַרפאַלען געוואָרען. ברוך מרדכי איז געלאָפען אין שטאָדט אַריין. און ווידער איז עס געווען די שאָפּ מיט

דער הילף פון אָנקעל, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין אַמעריקע. האָט ער זיך אויסגעבאָרגט אין אַ יודישער ביליגער קרעדיט-געזעלשאַפט דאָס געלט, וואָס נישט די פאַרם נור די שאָפ האָט אויסגעצאָהלט דעם חוב וועכענטליך...

און דאן איז ווידער געקומען א ווינטער. ברוך מרדכי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם ווינטער. דער ווינטער וועט זיין דער לעצטער פרוב, — האָט ער געזאָגט אויף אלע טענות, וואָס מען האָט געהאט צו איהם. דאָס ווייב האָט נישט געקענט צוזעהן דעם צער פון ברוך מרדכי'ס פראצע ביים האָלץ, אין וועלדעל. די הענט זענען אָפגעפרוירען גע-וואָרען, די פיס געשוואָלען פון דער קעלט, און אַז זי האָט געזעהן ברוך מרדכי'ן איינגעוויקעלט די שטיוועל אין „אָנעטשקעס", אַרומגעהילט מיט דער פאטשיילע, געהן מיט דעם יונגעל, — די העק אויף די פלייצעס — אין וועלדעל אַריין, האָט זי אָנגעהויבען צו טעהנה'ן:

— ברוך מרדכי, ברוך מרדכי, דו זעהסט דאָך, אַז עס איז נישט פאַר דיר. וואָס האָסטו זיך גענומען צו אַ גוי'שקער ארבייט? אפשר וועסטו דאָך זוכען עפּעס אַנדערש.

— איצט ווען עס „טאָגט שוין" זאָל איך זוכען עפּעס אַנדערש? ניין, חנה.

„עס טאָגט שוין" האָבען געהייסען די צעהן אַקער ערד, פאַראַקערט און צוגעגרייט פארן פריהלינג צו פארזעצען קאַר-טאָפעל מיט דער הילף פון דזשאָנסאָן'ס פערד, די צעהן אַקער ערד, וואָס האָבען זיך געוואַרימט אונטער דער ווינטערדיגער שניי-דעק. אין שטאַל איז שוין געשטאַנען א חוץ די קוה, אַ יונג פערדעל, וואָס דזשאָנסאָן האָט פאַרקויפט אויף באָרג ביז צו דעם נאָהנסטען שניט.

און ברוך מרדכי האָט רעכט געהאַט. ביי ברוך מרדכי'ן אין דער פאַרם האָט שוין אָנגעהויבען „צו טאָגען". נאָך דעם ווינטער האָט גאָט געהאָלפען און אַ פוטער-סוחר פון דער שטאָדט, וואָס פערקויפט כשר'ע פוטער און היימישע קעז צו פרומע קונים — האָט איהם אריינגעשטעלט אין שטאַל אַריין

נאָך א קוה, און אויסגעבאָרגט איהם געלט אויף היי. אהראָני־טשיק, וועלכער איז געוואַקסען אַ „פויער" אויפ׳ן טאַטענ׳ס אויגען, האָט אָנגעהויבען איינצושאַפען זיך היהנער, אויף וועלכע ער האָט אַכטונג געגעבען אין ווינטער און די מאַמע אין זומער. און דער עיקר, מעהר ווי אַלע האָט נאָך געהאָלפען די שאפ, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין שיקען מעהל פון שטאָדט אין דאָרף אריין.

ברוך מרדכי האָט אָנגעהויבען צוקוקען זיך וואָס די שכנים פאַרזייען. דעם שכן דזשאָנסאָנ׳ס ווערטער: מיר זענען אין ניו דזשוירזי און נישט אין אילנאי שטאַאט — איז איהם גוט אריין אין קאָפ. מיט יודישער חריפות האָט ער באַלד געכאַפט דעם שניט, אַז דער גרונט איז גוט אויף קאַרטאָפלעס. זיינע פעטערס און זיינע זיידעס האָבן נישט דוקא פאַרזייט אויף דעם פעלד קאָרן אָדער ווייצען, אַז ער זאָל זיך האַלטען דערין האָט מען איהם געזאָגט, אז קאַרטאָפלעס לוינט זיך בעסער — האָט ער אָהן טענות זיך גענומען פאַרזייען קאַרטאָפלעס. זיינע עלטערען און זיינע זיידעס האָבען נישט דוקא פאַראַקערט די ערד מיט א הילצערנעם אָדער אייזערנעם אַקער, אַז ער זאָל זיך נישט קענען שיידען מיט דעם אַקער. זיי האָבען נישט געריינינגט די פעלדער מיט די הענט, אַז ער זאָל עס אויך אזוי טאָן. האָט ער געלעזען און געהערט, אַז דער „טראַקטאָר" און דער „קולטיוועיטאר" טהוען דאָס בעסער — איז ער שוין ארומגעגאַנגען און געקלערט, ווי אַזוי זיך איינצושאַפען די כלים. פיעל פלינקער און שנעלער ווי זיינע, די הונדערטער יעהריגע שכנים אויף דער ערד.

צו בעאַרבייטען די ערד אויף אַ געהעריגען אופן איז ברוך מרדכי׳ן געקומען צו הילף זיין בייגונג און זיין ליעבע צו מאַשינעס.

צו מאַשינעס האָט ברוך מרדכי שטענדיג געהאַט אַ שוואַכקייט, נאָך פון זיינע השכלה־יאָהרען אָן, זייט ער האָט געלעזען סלאָנימסקי׳ס מאַטעמאַטיקע און אַנדערע השכלה ספרים. אַז ער האָט געזעהן א מאַשין, האָט ער נישט געקענט

גאַנץ גלייכגילטיג זיין צו איר. געהאַט גרויס חשק זי פאנאנ־דערצונעמען און צו זעהן „דעם שכל דערפון“. אין דער על־טער היים, ווען ער האָט נאָך צייט געהאַט, אַ זומערדיגען פרייטאָג נאָכמיטאָג, אָדער א ווינטערדיגען שבת־צו־נאַכטס, פלעגט ער צענעמען דעם זייגער ביי זיך אין שטוב, גלאַט אַזוי, נור כדי צו באַווייזען, אַז ער קען איהם צוריק־צוזאַ־מענשטעלען... נישט בחנם איז ער געווען א מושלם... נאָך פאַרמעריי איז זיין „אידעאַל“ געווען אַ מאַשין, און ער האָט שטענדיק חשק געהאַט צו פאַרלייגען זיך עפּעס אַ פאַבריקעל, ער איז געווען אַזוי בקי אין „מאַשינעס“, אז טאָמער האָט זיך געמאַכט אין שטעדטעל עפּעס אַ מכשול מיט דער „מאַשינע“ פון סאָדע־וואסער (די איינציקע „מאַשינע“ אין שטעטעל, א חוץ דעם קעסעל־אויוועז אין דער מקוה), האָט מען פריהער פאר דעם גוי׳שקען מעכאַניק גערופען ברוך מרדכי׳ן אויף מבינות. ער האָט שוין אפילו געהאַלטען דערביי אַליין אויס־צוקלערען אַ נייע „מאַשינע“ צו מאַכען סאָדע־וואַסער... איצט, ביי דער פארם, איז זיין דורשט צו מאַשינעס אויך געשטילט געוואָרען. „היינטיגע פאַרמעריי איז נור מאַשינעס“, האָט ער געזאָגט, און גע׳פּטור׳ט די טעכטער׳ס נדן אויף כלים פאַר דער פארם. ער האָט זיך איינגעשאַפט אַלע נייע כלים צו דער ערד־אַרבייט, פיעל פלינקער ווי זיינע שכנים, און זיין טעכנישע קענטשאַפט איז איהם זעהר צוניץ געקומען. ער איז דורך זיי ווייטער געקומען, ווי די אַלטע אויסגעפּרובטע פאר־מערס, וועלכע האָבען זיך געהאלטען אָן די מעטאָדען פון ערד־אַרבייט, וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון זייערע על־טערען דורך דורות, מיט פערוואונדערונג האָבען די שכנים געקוקט, ווי דער יוד פיהרט איין די נייעסטע מעטאָדען אין זיין לאַנדווירטשאַפט. ער ווייסט פיעל פריהער פאַר זיי, וואָס ער בעדאַרף דאָס יאָר פאַרזייען. ער ווייסט פריהער פאַר זיי פון די נייע ערפינדונגען די ערד צו בעאַרבייטען. דער שכן דזשאָנסאָן, קייענדיג זיין טאבאַק, האָט זיך יעדעס מאָל אָפּ־געשטעלט אויפ׳ן פעלד, ווען דער יוד האָט אַרויסגעבראַכט

צום ערשטען מאָל א נייע שטאָטישע מאַשין. דער שכן דזשאָנ-סאָן, קייענדיק דעם טאַבאַק, האָט זיך פערוואונדערט, אויס-געשפיגען פון מויל די געלע שפייעכץ און זיך אָנגערופען:

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ מלאכי הבלה פאַר אַ טייוו-לאָנים, וואָס דו פיהרסט אויפ'ן פעלד אַרויס? און פון וואַנען קריגסטו זיי דאָס?

— זאָג איהם אַראָנטשיק, אַז ערד-אַרבייט איז אין היינ-טיגען טאָג, אין אַמעריקע, נישט מעהר קיין בלויזע הענט-אַרבייט. עס איז שוין נישט מעהר קיין בלויז „עשו", עס איז שוין „יעקב" אויך...

דער שכן דזשאָנסאָן האָט נישט פיל פאַרשטאַנען, וואָס דער יוד האָט איהם געזאָגט, יעדענפאַלס איז דער יוד גע-ווען א גוטער שכן, א מכיר טובה. ברוך מרדכי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסען דזשאָנסאָנען די פאָר פערד, וואָס ער האָט איהם געבראַכט צום ערשטען מאָל צו פיהרען אין הויף אריין — די ערד צו בעאַקערען. ער האָט איהם דאָס דער-מאָהנט ביי יעדער געלעגענהייט. ביי יעדער שמחה אין ברוך מרדכי'ס שטוב האָט דזשאָנסאָן געמוזט זיין, און ברוך מרדכי האָט דערצעהלט, ווי אַזוי דזשאָנסאָן האָט איהם איינגעשפּאַנט די פערד אין אַקער צום ערשטען מאָל, און איז ברוך מרדכי געפאָהרען און שטאָט אַריין, האָט ער נישט פערגעסען צו ברענגען שכן דזשאָנסאָן זיין פונט יודישע טעה, מיט א פאָר פונט צוקער אַ מתנה.

— דאָס איז אלץ פאַר די ערשטע פאָר פערד, וואָס דו האָסט מיר איינגעשפּאַנט אין וואָגען.

— אָבער דו האָסט עס פלינק געלערענט, יוד. איידער מען קוקט זיך אַרום, וועסטו אונז איבעריאָגען.

דער יוד האָט נישט קיין צייט צו וואַרטען, — האָט ברוך מרדכי אָפּגעענטפערט, — ווארום דאָס, וואָס איהר האָט זיך איינגעשאַפט דורך אַ פּאָר דורות — מוז דער יוד דאָס איינשאַפען זיך א פאָר יאָהר.

3.

גרויסער טאָג ביי ברוך מרדכי׳ן אויף דער פאַרם

נישט אַזוי פלינק טהוט זיך ווי עס רעדט זיך פיעל האָט זיך נאָך ברוך מרדכי אויסגעריסען סיי מיט דער פאַרם, סיי מיט די היפּאָטעקען, און סיי מיט די טעכ־טער פון שאפּ, אָבצוצאָהלען כאָטש אַ ווינציגעס, וואָס זיי האָ־בען איהם אויסגעבאָרגט.

קיין געלד האָט ער טאַקע נישט געהאַט זיי צו בעצאָה־לען דערפאַר האָט זיין עלטסטע טאָכטער, ווען זי איז „אויס־געגאַנגען" מיט דעם גאַליציאַנער יונגעמאַן, געקענט איינ־שדכנ׳ען דעם חתן — די פאַרם. דער חתן האָט זיך געקענט ריהמען פאַר זייניגע, אַז דער כלה׳ס טאַטע האָט אַן אייגענע פארם...

די פארם איז געווען אַ צויבער־וואָרט פאַר „חתנים"...

אָבער דאָך, ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ברוך מרדכי געבראַכט דערצו, אַז „היינט", נאָך אַ פּאָר הארטע יאָהר פון שווערער און ביטערער אַרבייט, טאָגט שוין נישט בלויז ביי ברוך מרדכי׳ן אין פאַרם — נאָר עס איז שוין „גרויסער טאָג". צוואַנציג אַקער מיט קאַרטאָפלעס, צעהן אונטער קאָרן — אַ חוץ פעלדער מיט היי און קאָניטשינע — פון גרינסען רעדט מען שוין נישט, דאָס לאָזט מען איבער דעם ווייב. אין שטאַל,

אַ חוץ די אייגענע היימישע „רויטע מלכה“ (יעדע בהמה האָט ביי ברוך מרדכי׳ן געטראָגען — ווי אַ לעבעדיגער מענטש — זיין אייגענעם נאָמען. מיט די נעמען האָט זיי געיודישט חנה נאָך די ווייבער, די שכנות׳טעס פון איהר שטעדטעל, פון וואַנען זי קומט)- און אַ חוץ די אַלטע „תרח׳ניצע“, דזשאָנסאָנ׳ס ערשטע שקאַפע, האָט ער שוין שטעהן צוויי זשרעבאַקעס, וואָס יעדער פון זיי האָט ביי ברוך מרדכ׳ן געטראָגען אַ נאָמען פון חומש אַרויס. דעם „בן יקיר“. ווי ער האָט גע- האַט „געיודישט“ זיין געלען בולאַן, האָט ער געהאַלטען פאַר דעם אויסדערוועהלטען. ער איז געווען זיין בכור, דאָס ערשטע געבוירענע פון זיין שטאַל.

אייגענטלעך איז דאָס נישט געווען זיין פערד, נאָר זיין זוהן׳ס, אַראָנטשיק׳ס. און אַראָנטשיק׳ס פע״ד איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער, אַראָנטשיק האָט איהם געהאָלטען דעם „בן יקיר“ אַרויסשלעפען פון דער מוטער׳ס בויך, און איבערגע- שניטען די שנור פון זיין נאָפעל...

די מעשה פון „בן-יקיר׳ס“ קומען אויף דער וועלט איז געווען אַזעלכע: קיינמאָל, קיינמאָל וועט אַראָנטשיק נישט פערגעסען יענע נאַכט, ווען די אַלטע „תרח׳ניצע“ האָט זיך גע- קליבען צו געווינען. אַ־אָנטשיק איז שוין געלעגען אַ פאָר נעכט פריהער אין שטאַל, ווען די אַלטע „תרח׳ניצע“ האָט זיך געריכט. און אַז עס איז געקומען, האָט זי זיך געוואָרפען אויף אויף דער ערד און אָנגעהויבען צו קוקען מיט די אויגען, פונקט אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ לעבעדיגער מענש. זי האָט זיך געוואָרפען, אין גאַנצן פייכט געוואָרען, אָפגעגאָסען מיט שווייס, אויסגעשטאַרצעט די אויגען, ווי זי וואָלט געוואָלט רעדען דורך זיי. אַראָנטשיק האָט אויפגעוועקט דעם טאַטען. דער טאַטע האָט זיך אויך נישט געקענט קיין עצה געבען. ברוך מרדכי איז געשטאַנען, און זיין האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט פאַר „צער בעל-חיים“ און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. האָט ער געכאַפט די לאַמטערנע און איז געלאָפען אויפוועקען שכן דזשאָנסאָן, איבערגעלאָזט אַראָנטשיקען מיט׳ן פערד, און אי-

דער ברוך מרדכי איז צוריקגעקומען מיט׳ן שכן דזשאָנסאָן, האָט שוין די אַלטע „תרח׳ניצע״ „געהאַט״. אַראָנטשיק האָט עס פּשוט געהאָלפען אַרויסציהען פון דער מוטער׳ס בויך...

— אַז דו האָסט עס געהאָלפען אַרויסציהען, טאָ שנייד שוין איבער דעם נאָפּעל, — האָט שכן דזשאָנסאָן געזאָגט צו אַראָנטשיק׳ן — איז עס דייּנס.

און אַראָנטשיק האָט געהאַלטען דעם „בן-יקיר״ פאַר זיין אייגענעם. ער האָט איהם דערצויגען. ער האָט אַכטונג געגע-בען אויף איהם, ווי מיר ווּלען שפּעטער בעשרייבען.

דאָס צווייטע, וואָס איז געקומען, איז געווען אַ ברוינס — און ברוך מרדכי האָט עס גערופען „יתרו״. און צווישען טאַטע און זוהן איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיגע מלחמה וועגען די צוויי פערד.

דער געלער „בן-יקיר״ איז געוואקסען אַ פערד — אַ פערד גאון-עולם. אַז ער גיט אַ הרזשע פון שטאַל אַרויס, הערט מען עס אין זרויסען אין פעלד ביי דער אַרבייט. אַז מען האָט איהם אַרויסגעפיהרט אין שפּאַן צום ערשטען מאָל, דעם ווינטער, אויפ׳ן יונגען שניי, האָט ער שיער דעם יואָנען נישט צוטראָגען. נור דער ברוינער „יתרו״ איז אויך נישקשה פון אַ פערד. ער געהט טאַקע בנעימות, נור דערפאַר איז ער אַ שלעפּער, איינער אין דער וועלט. אַז ער גיט אַ נעם אַ וואָ-געז מיט מיסט אָדער קאַרטאָפלעס, ריהרט ער איהם גלייך פון אָרט. און דער „בן-יקיר״, שפּרינגט איהם נאָך ווי אַ דאַמעטש-קע. ער איז צום טאַנצען — און מען בעדאַרף איהם האַלטען אין אַ פאַנסקע סאַלאָן נישט אין שטאַל! — האָט די מאַמע-חנה, געזאָגט אויף איהם. נור די מאַמע חנה האָט אויף איהם רכילות אויסגערעדט.. קיין לעבעדיגער נפש האָט זיך אפשר נישט פערדינט אַזוי עהרליך זיין ביסען ברויט דוקא, ווי דער „בן-יקיר״. קוים האָט מען איהם נור אָפּגעוועהנט פון דער מאַמע׳ס ברוסט, האָט ער שוין געמוזט פערדיענען אויף זיין ביסען היי. ביי ברוך מרדכי׳ן איז מען נישט אַרומגעגאַנגען לעדיג: זומער שלעפּען דעם אַקער אין פעלד, פיהרען היי, די

קאַרטאָפלעס אין שפּייכלער, און ווינטער האָט איהם ברוך מרדכי פּערדונגען צוזאַמען מיט׳ן ברוינעם „יתרו" צו אַ שכן צו שלעפּען האָלץ פון וואַלד. און דאָס נאָך איידער ער האָט נאָך זיינע מוילצייהנער אינגאַנצען געקריגען און גענקענט נאָך ריכטיג האָבער צוקייען. דאָס יונגוואַרג, ווי מען האָט גערופען ביי ברוך מרדכי׳ן די נייע אָנגעוואַקסענע משפּחה אין שטאַל,— סיי אין פערד, סיי אין בהמה, — האָבען שוין, ווי געזאָגט, בעלאַנגט צום יונגען פויער, צו אַראָנטשיק׳ן. ער איז אומגע־גאַנגען מיט זיי טאָג-טעגליך, פון ערשטען טאָג אָן פון זייער געבוירען ווערען. ער האָט געזעהען ווי זיי ווערען גרעסער, ווי זיי וואַקסען פאַר זיינע אויגען. געטאַפּט די מיילער, און געהאָלפען אַרויסקראַצען יעדען צאָן פון פּיסק: עס זענען גע־ווען זיינע בהמות, זיינע זשרעבאַקעס, זיינע קיה, און זיין אָקסעל. ווינטער, אַז דער פראָסט האָט נאָך געהאַט צוגעפרוי־רען די שטערען צום הימעל. איז ער שוין מיט דער לאָמפּ אין דער האַנט געווען אין שטאַל, געלעגט פריש היי אין די לייטערלעך, אָנגעגאָסען פריש וואַסער אין די רינעס, און בגנבה גענומען האָבער פון די זעק און אַריינגעשאָטען אין די מולטערס, צי זיי האָבען יאָ געאַרבייט, צי נישט. מיט וואָס פאַר א פרייד האָט ער זיי אין פריהלינג, צום ערשטען מאָל, אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן פעלד! געבונדען די פאָדערשטע פיס פונ׳ם יונגען אָקסעל. אַז עס זאָל זיך נישט וואַרפען אויף די קיה־קעלבער. די יונגע פערד האָט ער פרייגעלאָזט - זאָלען זיי זיך צובריקעווען. מיט פרייד איז ער זיי נאָכגעלאָפען, ווען זיי האָבען זיך געלאָזט גאַלאָפּ, צום ערשטען מאָל איבער דער פייכטער קוים באַגראָזטער לאָנקע. געקריגט זיך מיט׳ן פאָטער איבער יעדען טאָג פון זייער יונגלישער פרייהייט. געשוינט זיי, און זיי נישט געלאָזט צו-פריה איינברעכען צו דער אַרבייט.

— וואָס ווילסטו מאַכען פון זיי „פּאַניענקעס"? — האָט דער פאָטער גע׳טענה׳ט. - אין „פּענסיאָן" זיי שיקן, אויסלער־נען זיי טאַנצען דיינע „כלות"? - האָט דער פאָטער געלאַכט פונ׳ם זוהן.

— אַ פערד, איידער עס ווערט דריי יאָהר אַלט, טאָר מען עס נישט איינברעכען, — די שכנים וועלען לאַכען פון אונז.

— וואָס, בחנם ברויט וועל איך זיי געבען צו עסען? ביי מיר עסט מען נישט קיין בחנם'דיג ברויט.

— זיי וועלען דיר אָפּצאָהלען; פאַר אַלצדינג אָפּצאָהלען.

אין האַרצען האָט ברוך מרדכי'ן הנאה געטהון. ער איז גליקליך געווען וואָס זיין זוהן, וואָס זיין אַראָנטשיק, שטעלט זיך אַזוי איין פאַר די בהמות. אומבאַוואוסט האָט ער דערפיהלט, אַז זיין זוהן איז שוין פערבונדען מיט דער נאַטור, מיט דער ערד — און מיט די בהמות. ער איז נישט אַזוי ווי ער, וואָס סוף כל סוף איז „די נאַטור" ביי איהם אַ מיטעל, אַ לעבען צו מאַכען, אַ פרנסה זאַך. טאַקע אַ שעהנערע אַ גערעכטע און אַ ביבלישע, ווי אין דער תורה שטעהט, ווי אונזערע עלטערען האָבען געלעבט. דאָך אָבער האָט ברוך מרדכי געפיהלט, אַז אָפּטמאָל פערגעסט ער זיין „אידעאַל". ער איז אַזוי אַריינגעטהון אין פערזייען קאַרטאָפּלעס, ער איז אַזוי אויסגערעכענט, וועלכעס עס איז פּראַקטישער און נוצליכער צו פערזייען, פון וועלכען מען קען מעהר געלד פערדיענען, אַז אָפּטמאָל קומט אויס, אַז ער איז דער זעלביגער „סוחר", וואָס ער איז געווען אין דער היים... נור אין זיין זוהן האָט ער געזעהן דעם ריכטיגען אידעאל פון אַן ערד-אַרבייטער, וועלכען ער האָט געטראָגען אין זיך פון זיינע בחור'שע יאָהרען. ער האָט ליעב די בהמות נישט נור דענסטמאָל, ווען ער דערמאָהנט זיך. אַז אַ פאַרמער בעדאַרפט ליעב האָבען זיינע בהמות, נור ער האָט זיי ליעב דערפאַר, ווייל ער האָט זיך מיט זיי דערצויגען, ווייל ער לעבט מיט זיי זיין טאָג-טעגליכען לעבען. אַז עס קומט צו פערזייען די פעלדער קלעהרט נישט זיין זוהן אַזוי ווי ער, וואָס מען וועט בעסער קענען פערקויפען, צושטעלען די „אייגענע קונים" אין שטאָדט. נור ער קלעהרט צוערשט, וואָס מען בעדאַרף האָבען אין שטוב...

אָבער אַראָנטשיק האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז ער טוט עפּיס אַזעלכעס, צוליעב וועלכען מען בעדאַרף אויף איהם

שטאָלץ זיין. די קיה-קעלבער זענען געווען ביי איהם טייער דערפאַר, וואָס ער האָט געהאָפט, אַז זיי וועלען געבען אַ גוטע מאָס מילך, און פעטע מילך. נור די יונגע פערד האָט ער ליעב געהאַט, נישט פאַר דער אַרבייט, וואָס זיי וועלען טהון, נור דערפאַר וואָס זיי זענען פערד. אַז ער האָט זיי איינגעשפּאַנט אין וואָגען און איז געפאָהרען מיט זיי שבת נאָכמיטאָג נאָך „זילבערטאַן" איינצוקויפען פּראָוויאַנט אויף אַ גאַנצע וואָך, האָט ער ליעב געהאַט צו זעהן ווי די שכנ׳ישע פאַרמער קייען טאַבאַק און קוקען אויף זיינע פערד, און איינער זאָגט צום אנדערען:

— דער יוד האַלט גוט זיינע בהמות.

— איך וואָלט נישט פאַרטוישט אזעלכע פּאָר פערד פאַר דעם שעהנסטען אויטאָמאָביל, — זאָגט אַ צווייטער.

אַראָנטשיק, מיט דעם געקרייזעלטען קאָפּ שוואַרצע האָר, וועלכע זיצען ביי איהם ווי די קרייזעלדיגע וואָל אויף אַ שעפּס, גיט אַ שפּרונג אַריין אין וואָגען, אַ נעהם די לייצעס, אַ מאַך מיט דער האַנט צו אַ שכן:

— האלאו, דזשארדזש!

און היידא — איבער דער שטאָדטישער בריק, פאַר׳ן קאַיאָ-פּלאַץ. דאָס איז זיין פערגעניגען...

און דאַן האָט אויך חנה, וואָס האָט אין אָנפאַנג אַזוי געמורמעלט אויף איהר מאַן, וואָס האָט זיך פאַרגלוסט נישט אַנדערש נור צו נעמען זיך צו דער נישט יודישער פרנסה — סוף כל סוף זיך איבערגעבעטען מיט דער פרנסה, אַזוי ווי דער מאַן און איהר זוהן, האָט זי אויך געהאַט איהר ליעבע בעשעפטיגונג אין דער פאַרם. איהרע ספּעציעלע „פאַוואָריטען". איהרע אויסדערוועהלטע, זיינען געווען די הינער, פון וועל-כע זי האָט יעדען טאָג געהאַט צו דערצעהלען אַנדערע מעשות און אַנדערע פלאָטקעס, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען — שכנ׳טעס, און באַלד אַראָפּגעצויגען דעם מוסר השכל פון זייער אויפ-פיהרען זיך אויף דעם מענשליכען לעבען. איינמאָל, אין פריה-לינגס-צייט, האָט זיך געטראָפען, אַז די „געלע דוואָשע" (יע-

דע הוהן האָט ביי איהר געהאַט אַ נאָמען פון אַ בעקאַנטער יודענע) האָט אַוועקגעט־אָגען ערגעץ־וואו די אייער, וועלכע זי האָט געלעגט און מען האָט זיי נישט געקענט געפינען. דערנאָך האָט מען געפונען אַ בערגעל אייער, באַהאַלטען פון טעג לאַנג, איינגעגראָבען ערגעץ־וואו צווישען פעדערען, אין א באַהאַלטען ווינקעל, אויף וועלכען די „געלע דוואָשע" (דאָס מיינט מען די הון) האָט זיך געקליבען אַוועקצוזעצען און אויסבריהען הינדעלעך האָט מען די „געלע דוואָשע" גוט אָנ־געזידעלט דערפאַר, פאַרשלאָסען אויף אַ טאָג אָהן עסען און טרינקען און צוגענומען איהר די אייער, פון וועלכע אַ העלפט זענען שוין קאַליע געווען — באַלד שוין האַלבע הינדעלעך. אָבער די „געלע דוואָשע" האָט זיך נישט געוואָלט בערוהיגען. עס האָט זיך איהר דוקא געגלוסט צו זיצען אויף די אייער. „ווי אַ לעבעדיג נפש", האָט חנה צוגעלעגט, האָט זי גע'גנב'עט די אייער, וואָס זי האָט געלעגט, און יעדען טאָג בעהאַלטען אין אַנ'אַנדער לאָך, אין אַנ'אַנדער ווינקעל — און אַזוי אַרום פערדאָרבען די אייער. אַ שכנ'טע האָט אַנ'עצה געגעבען, אַז מען זאָל נעמען די „געלע דוואָשע" און אַוועקזעצען אויף אַ פאָר אייער אין איהר קעמערעל, פאַרדעקען איהר דעם קאָפּ מיט אַ זאַק, אַז זי זאָל נישט זעהן די ליכטיגע שיין, און נישט געבען עסען, און נישט טרינקען אַ פאָר טעג, וועט זי שוין פערגעסען צו זיצען אויף די אייער. און פון דענסטמאָל אָן קען מען זי נישט מעהר מאַכען, אַז זי זאָל זיצען אויף זיי. זי צוואַרפט זיי וואו זי שטעהט און געהט. אַמאָל, אַז מען האָט זי מיט געוואַלד יאָ שוין געוואָלט אַוועקזעצען, האָט מען די אייער געפונען צוטראָטען מיט איהרע פיס און די הוהן אַליין איז אַרומגעלאָפען פיקען געקרעטשען...

— עס איז פונקט אַזוי, להבדיל, — האָט חנה דערפון געדרונגען איהר מוסר השכל, - ווי אַ לעבעדיגער מענש, ווי די היינטיגע ווייבלעך, איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד. די מענער ווילען נישט, אַז זיי זאָלען האָבען פיעל קינדער, געהען זיי אויס צו אַלדאָס בייז...

לעצטענס איז צוגעקומען אַ נייער יחסן אין דער משפּחה, און דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער „אויטאָמאָביל".

שוין לעצגסט האָט אַראָנטשיק געברומט, ווען ער איז אַהיים געקומען שבת אין אָוונט פון שטאָדט, פון „זילבער-טאָן", אַז די שכנים פּאַרמערס לאַכען פון איהם, וואָס ער פאָהרט נאָך אַלץ אַרום מיט פערד. אַלע פּאַרמערס האָבען שוין אייגענע אויטאָמאָבילען, און ער שלעפּט זיך נאָך מיט'ן „אוי-ניבוס". און נישט אַנדערש, ווי מען מוז אויפ'ן האַרבסט, ווען מען וועט פערקויפען די קאַרטאָפלעס, איינשאַפען זיך אַן אויטאָמאָביל.

אַז מאַמע חנה האָט געהערט דאָס וואָרט „אויטאָמאָביל" האָט זי געמיינט, אַז דער יונג איז משוגע געוואָרען. אַן אייגענער „אויטאָמאָביל"? וואָס איז זי „פּאַן שלאַכטשיץ זאַמויסקי" — האָט זי אָנגערופען אַ נאָמען פון דער אַלטער היים — וואָס מען וועט ביי איהר אַרומפאָהרן מיט אויטאָמאָבילען. פון וואַנען וועט זי נעהמען „כחות" דערויף? און ווי וועט זעס בכלל אויסזעהן, וואָס ברוך מרדכי וועט פאָהרען נאָך י'לבערטאָן אין אַן „אויטאָמאָביל".

— וואָס ווילסטו, מענשען די אויגען אויפרייסען, „מיין גאָס שוואַרץ מאַכען" מיט אַן'אויטאָמאָביל. מענשען ווע'לען דאָך מיינען, אַז מיר שאַרען קורח'ס אוצרות אויף דער פאַרם.

נאָר ברוך מרדכי'ן האָט דוקא יאָ „געקיצעלט" דער געדאַנק וועגען אַן'„אויטאָמאָביל". ערשטענס האָט דאָס גערייצט שרעקליך זיין אַפּעטיט צו „מאַשינעס". שטעל דיר פאָר אַן אייגענע „מאַשינע", וועלכע מען וועט קענען „צונעמען" און אויסגעפינען כל-אַלערליי חכמות, דריידלעך און שרייפלעך, און דערנאָך איז איהם געפעלען בכלל די אידעע פון אַן-אויטאָמאָביל.

— ווייסט וואָס, מיין ווייב, איך מיין אז אַראָנטשיק האָט רעכט, מען בעדאַרף מיטגעהן מיט דער צייט. אַלע פּאַרמערס האָבען אויטאָמאָבילען צו פאָהרען אין שטאָדט אַריין, בעדאַרף

מען אויך האָבען. די פערד זיינען פאַר'ן פעלד. אי עס וועט איינבערענ־גען צייט קאָסטען ביליגער און אי עס וועט זיין שעהן פאַר לייטען.

אויפ'ן הערבסט, נאָך דעם, ווי מען האָט פערקויפט די היי־יאָריגע קאַרטאָפּלעס, האָט דער טאַטע מיט'ן זוהן אַוועק־געלאָזט זיך נאָך „זילבערטאָן" און איינגעקויפט ביי אַנ'איי־זענהענדלער א אָבגעניצטע „מאַשינע".

דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ „מאַשינע". אַלע „עבודה זרות" האָט דער אויטאָמאָביל שוין אויסגעדינט, אין אַלע גלגולים איז ער שוין פערוואַנדעלט געוועז. און בעשטאַ־נען איז ער פון פערשידענע טיילען, פון כל־אַלערליי „טיפען" מאָדעלען. דער מאָטאָר האָט בעלאַנגט צו אַנ'ערשטען טיפ מאַשין, וועלכער האָט נאָך געהאַט די „בעבעכעס" אונטער די רעדער. אַ גאַנצע וואָנשאָל מיט רעדער, אַזוי ווי א לאָקאָמאָ־טיוו מיט צונגען און שיידען האָט ער געהאט אונטער'ן בויך.

די צודעקעכץ איז געווען פון אַ פריה־צייטיגען „פאָרד" און דער אונטערשטער טייל האָט אַמאָל בעלאַנגט צו אַ טראָק. די מאַשינע האָט געקענט אויסטרינקען אַ צוויי פעסלעך וואַסער און האָט נאָך נישט געהאַט גענוג... קיינער האָט נישט גע־קענט וויסען, וואו עס איז אַהינגעקומען אַלדאָס וואַסער, וואָס מען האָט אַריינגעגאָסען אין איהר. עפּעס האָט זי געהאַט פערהוילענע „בעבעכעס", בעהאַלטען אין איהרע זייטען, וואָס האָבען אויסגעטרונקען אַלדאָס וואַסער. און ווען דאָס וואַסער האָט זיך צוקאָכט, האָט עס אָנגעהויבען צו פּאַרען, נישט נאָר בלויז פון מאָטאָר, נאָר פון אַלע פיער רעדער, פון די געזע־סען, ווי אַ פּיפּערנאָטער. די מאַשינע איז געגאַנגען ווען זי האָט געוואָלט, און איז געבליבען שטעהן ווען זי האָט חשק געהאַט. קיין רעגלען האָט נישט עקזיסטירט פאַר איהר. זי איז געווען אַ לעבעדיג נפש מיט אַן אייגענעם ווילען.

אַז ברוך מרדכי האָט אָנגעקוקט דעם אויטאָמאָביל האָט ער זיך בעלעקט, זיין גאַנצער אַפּעטיט צו „מאַשינעס" איז דורך איהר געזעטיגט געוואָרען, און ער האָט זי געגלעט ווי מען גלעט דעם טייערען „בן־יקיר".

— אַ כלי, שוין איינמאָל אַ כלי — האָט ער פּאַסמאַקעוועט, ווי אַ גוטער עסער דערזעהט אַ פעטען טופיק.

נאָר די מאַמע חנה האָט מען באין אופן נישט געקענט ברייגנען דערצו, אַז זי זאָל בעטרעטען דעם אויטאָמאָביל.

זי וועט נישט דער וועלט די אויגען אויפרייסען און נישט „שוואַרץ מאַכען איהר גאַס” מיט אויטאָמאָבילען, אַז מענשען זאָלען האָבען צו ריידען, אַז זי שאַרט קורח׳ס אוצרות אויף דער פּאַרם.

נאָר קוים האָט דער אויטאָמאָביל בעוויליגט צו ריהרען זיך פון אָרט — האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען פון זיך אַזעלכע משונה׳דיגע קולות, ווי גלגולים וואָלטען אַרויסגעשריען פון איהם, ווי עס וואָלטען אינווייניג, אין זיינע פערהוילענע בעבעכעס, ווילדע קעץ געוואויענט. און אַזוי האָבען די קולות בעגלייט די מאַשין דורכ׳ן גאַנצען וועג... ברוך מרדכי האָט עס גערופען אויף זיין שטייגער: „בחצוצרות וקול שופר”.

4.

אַ גאַסט פון שטאָדט

האָט איצט די פארם שוין אָנגעהויבען צוריק אָפּצוצאָהלען דעם „שאַפּ" דאָס, וואָס זי איז איזאַם שולדיג געווען. זומערלעב זיינען די צוויי טעכטער „ארויסגעקומען אין פארם אריין אויף אָפּרוה". איינע פון זיי, די עלטערע, יוכבד, האָט שוין לענגסט חתונה געהאַט, — און איהרע קינדער ציהען זיך אויףביים זיידען אין פאַרם. די יונגערע געהט מיט א גאַליציאַנער בחור, וועלכער האַלט אַ מאַגאַזין פון העמדער אויף „סעקאָנד עווענוי", דאָס יונגע חתן-כלה פּאָר קומט אַרויס פערברענגען די ענדע פון דער וואָך אין דער פאַרם, און דער טאַטע גיט אָנצוהערען דעם בחור, אַז כאָטש קיין „קאַפּיטאַלען" קען מען נישט אַרויסנעהמען פון דער פאַרם, נאָר צו סוף זומער, ווען ער וועט פאַרקויפען די הײַ-יאָהריגע קאַרטאָפּלעס, וועט ער קענען ארויסהעלפען סעראַ'ן (דער נאָמען פון דער יונגערער) אויסמעבלירען די שטובען און דערנאָך וועט מען קענען מאַכען די חתונה — אין דאַן איז די פאַרם אַ שטענדיגע היים. ווען, חלילה, עס וועט זיך עפּעס מאַכען, צו זומער-לעב, אָדער גאָט וועט געבען קינדערלאַך — איז גאָט צוערשט, די פאַרם דערנאָך.

אין זומער-לעב איז טאַקע די פאַרם פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א האַלבע שטאָטישע שטוב. אויף שבת און זונטאָג

זיינען די טעכטער אַרויסגעקומען מיט זייערע מענער און חתנים, מיט די קינדערלאַך, אַמאָל מיטגעבראַכט א פריינד, שטאָדטישע זיידענע העמדער, שטאָטישע הויזען, שטאָדטישע קאָרטען-שפּילען און שטאָדטישע געשפּרעכען. די הויז-מענשען האָבען זעהר ווייניג געהאַט צייט צו זיי. ברוך מרדכי מיט׳ן זוהן זיינען שטענדיג געווען פערנומען אין דרויסען, אין פעלד. די קאַרטאָפלעס, דער קאָרן האָבען שטענדיג פערלאַנגט אַז מען זאָל ארום זיי אומגעהן, אויפקאָפּען די ערד, אַרויס-רייסען דאָס ווילדע קרויט, אראָנטשיק איז געווען גאַנצע טעג איינגעשפּאַנט צום „קולטווירער״. דאָ האָט מען בעדאַרפט באַשפּריצען די שפּראָצען מיט פאַרשידענע סמים, כדי צו פאַריאָגען די אינסעקטען, דאָ האָט מען געדאַרפט מלחמה האַלטען מיט די קראָען און מיט פאַרשידענע פויגלען, וואָס האָבען אויפגעפּיקעט דאָס געזייעכטס, מיסט אַרויספיהרען אויף די פעלדער, אַן אַנדערש מאָל — דאָס היי שניידען און עס אַראָפּצונעהמען פון פעלד, אַרומצוגעהן אַרום די בהמות, חנה איז שוין געווען אינגאַנצען פעריאָגט אַרום איהרע געסט, אויפפּאַסען אויף די קינדער, קאָכען עסען, — און דאַן האָט זי דאָך געהאט איהרע היהנער, אַלע בעקליידט מיט נעמען פון לעבעדיגע ווייבער, איהרע שכנ׳טעס פון דער אלטער היים...

איינמאָל, ווען אַראָנטשיק איז געפאָהרען נאָך זילבער-טאָן אָפּצוּוואַרטען זיין שוועסטער סעראַ, וואָס האָט געזאָלט קומען מיט איהר חתן אויף „שבת״ אין פאַרם אַריין, איז אנשטאט דעם חתן זילבערשטיין אראָב פון וואָגען, נאָך דער שוועסטער אַ מיידעל, וועלכע די שוועסטער האָט פאָרגעשטעלט פאַר איהר ברודער, מיט דעם נאָמען מיס ראָוז האַרטמאַן, אָדער פשוט „ראָזי״ איהרע א חבר׳טע פון שאפּ. אַ פריינדין פון לאַנגע יאָהרען און אַ קוזינע פון איהר חתן.

דאָס ערשטע וואָס אַראָנטשיק האָט דערפילט איז גע-ווען אַ גערוך פון פערפום. די שוועסטער בעגיסען זיך דאָך אויך מיט פערפומען, נאָר דאָך האָט ער קיינמאָל נישט גע-

פיהלט פערפוס געשמאַק פון די שוועסטער, נאָר ערשט פון דער מיס ראָוז. מיס ראָוז איז געווען אַ בלאָנדע. דאָס האָט מען געקענט אפילו אָנזעהן פון אונטער איהר חנ'עוודיגען רונדיגען הוט. קיין געשניטענע האָר האָט מען נאָך דעמאָלסט נישט געטראָגען, האָט אַ וועלע געלאָקטע בלאָנדע האָר ארויס־געקוקט פון איהר קליינעם הוט צוזאַמען מיט איהרע אויגען און איהר דין שאַרף, ווייס נעזעל, וואָס איז געווען אָנגעפּודערט.

— ווי רופסטו דיין ברודער? — פרעגט די מיס ראָוז איהר חבר'טע סערא'ן.

— רוף איהם אַראָנטשיק. מיר אַלע רופען איהם אַזוי, רוף איהם אויך אַזוי.

אַראָנטשיק איז, ווי שטענדיג, אויך דאָס מאָל געקומען צו דער באַהן מיט די פערד. דער „אויטאָמאָביל" איז ווי שטענדיג, אויך דאָס מאָל „קראַנק" געווען...

— אָה, מר. אַראָנטשיק, איך שטאַרב צו זיצען מיט אייך אין פראָנט ביי די פערד. וועט איהר מיך לאָזען? — האָט געזאָגט דאָס מיידעל מיט אַ קאָקעטישען לאַך, דער־זעהענדיג די פערד; מיט איהר קאָקעטישען לאַך, וואָס קומט פון איר לאַנג בלאָנדע האָר, וואָס באַווייזט זיך ווי אַ פּאה אויף איהר ווייסער, ווייסער, נאָר רויט אָנגעפּודערטער באַק.

געוויס וועט ער זי לאָזען, פאַרוואָס נישט? — און אַראָנטשיק ווערט רויט ווי אַ בוריק, און זיינע שוואַרצע האָר ווערען נאָך מעהר געקרייזעלט, ווי פריהער און כאַפּט די צוויי רייזע טעשלעך, וואָס די מיידלעך האָבען מיטגעבראַכט, און לויפט צום וואָגען.

פון קליינערהייט אָן האָט זי ליעב געהאַט פערד, צו האַלטען די לייצעס אין שפּאַן. אַז זי איז געווען אַ קינד אין דער „אַלטער היים" האָט זי שטענדיג ליעב געהאַט צו פאָהרען מיט פערד. חול-המועד אין וואלד אַריין, צו אַ מומע אין אַ קליין שטעדטעל. אַצ ציים זי איז אין אַמעריקאַ, איז

זי נאָך נישט געפּאָהרען מיט געשפּאַן, — שטענדיג אין א „טראַמווי״.

אַראָנטשיק האָט אויפ'ן וועג איהר געמוזט געבען די לייצעס אין די הענד אַריין. אַז זי האָט גענומען די שווערע פּייכטע, לעדערנע לייצעס אין איהרע ווייסע, ווייכע קליינע הענט, האָט זיך אַראָנטשיק נישט ווילענדיק פּאַרקוקט אויף איהרע הענט און עפּעס גרויס רחמנות געקראָגען אויף זיי. די פערד, טאַקע דער „בן־יקיר״. האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען „קונצען״, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס און אָנגעהויבען צו שלעפּען דעם וואָגען אויף איין זייט רעדער. אין אַ מינוט וואָלטען זיי שוין געלעגען אין גראָבען ביים וועג. אַראָנטשיק האָט זיך אויפגעכאַפּט אין לעצטען אויגענבליק, געגעבען אַ נעם אַרויס די לייצעס פון איהרע הענד, און מיט אַ ציה אַ שלעפּ געטהון די פערד צוריק, אַז דער וואָגען האָט זיך אַ שטאַרקען טרייסעל געגעבען און זי, מיס ראָוז, איז געגעבען אַ פאַל אַריין אין זיינע אָרעמס. ער האָט אָנגעריהרט מיט זיין שפּיץ נאָז אָן איהר ווייסער באַק, אפשר אָן איהר לאָק האָר אויך. ער האָט דערפיהלט אַן אנגענעהמע גלאַטיקע קיהלקייט און אַ ריח פון פּערפומ, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפיהלט פריהער, און דער געשמאַק האָט איהם איינגאַנצען אַרומגענומען, אָנגעשכור'ט. אַראָנטשיק איז נאָך מעהר רויט געוואָרען און זיינע האָר זיינען געוואָרען נאָך מעהר געקרייזעלט און ער האָט זיך געטראַכט: פּאַרוואָס האָב איך נישט אָנגעטהון קיין שניפּס, און געוואָרפען עפּעס אַן אומ'חן אויף זיין זעלנעריש אַרבייט־העמד.

נאָר זי, מיס ראָוז, גאָרנישט. זי האָט געלאַכט און בעוויזען דערביי איהרע ווייסע קליינע פּאָרצעלייענע צייהנדלעך, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט אַ שפּאָר ביסעל גאָלד, מיט איהר רויט, רויט צינגל, און געזאָגט:

— סערא, עס איז הימעלדיג, — און פאַרוואָס האָט אַראָנטשיק נישט איבערגעקעהרט דעם וואָגען? זי וואָלט זעהר געוועהן געוואָלט, אַז דער וואָגען זאָל זיך האָבען געוועהן איבער־

געקעהרט, אזוי, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ אז אַלע זאָלען זיך האָבען געווען אויסגעשיט.

— מען קען נישט וויסען, ווי אַזאַ פאַל קען אויספאַלען!— האָט אראָנטשיק געזאָגט מיט געפּריוועטער לעבענס-קלוגקייט.

— „האָב איך א זאָרג, דאָס געניק צובּרעכען, אבי איבערצוקעהרען זיך — זאָגט ראָוז מיט פרייד. זי וואָלט ווייס איך וואָס אוועקגעגעבען פאַר אַזאַ איבערלעבעניש“.

— אַ שאָד דעם וואָגען — זאָגט אראָנטשיק, פערשעהמט איבער דעם, וואָס ער איז נישט אַזאַ „כוואַט“ ווי זי איז.

דאָס צווייטע געשפּרעך צווישען אראָנטשיק'ן און ראָוז איז פאָרגעקומען אין שטאַל ביים מעלקען די קוה.

אראָנטשיק איז געזעסען אויף א קליין בענקעלע, הינטער דער קוה, און האָט מיט זיינע שטאַרקע פינגער אַריינגעמאָלקען פון דער קוה'ס אייטער-וואָרצלען די מילך אין עמער אַריין, וואָס איז געשטאַנען צווישען זיינע קניען. די מילך שפּריצט פון די אייטער-וואָרצלען מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז מען הערט ווי עס קלאַפּט אָן די ווענטליך פון עמער. ראָוז שטעהט אין דער טיר פון שטאַל און לאַכט און ווייזט איהרע ווייסע צייהנדלעך, צווישען וועלכע עס שיינט פיעל גאָלד, מיט איהר רויט, רויט ציינגעל, און די זון בעשיינט גרינע פעלדער און גרינע ווייס-בעבלומטע צווייגען אויף בוימער, הינטער איהר.

זי האָט קיינמאָל נישט געזעהן, אַז אַ מאַן זאָל מעלקען אַ קוה.

— נאָר אַ מאַן, ווייבער זענען שוואַך דערצו. מען בעדאַרף האָבען כחות אין די פינגער.

— אין דער אַלטער היים האָבען נאָר פויערטעס געמאָלקען די קוה.

זי געדענקט, ווען זי איז געווען אַ קינד, איז זי געווען אַזאַ שוואַך קינד, אַז דער דאָקטאָר האָט איהר געהייסען טרינקען „מילך פון דער קוה“. איהר מוטער פלעגט זי אַרויספיהרען הינטער דער שטאָדט צו אַ פויער. די פויערטע האָט גע-

מאָלקען די קוה און זי האָט געטרונקען די געמעלקטע מילך פון דער קוה׳ס אייטער. די מילך איז אַזוי וואַרים געווען, אַז דאָס גלאָז האָט געבריהט די פינגער. פון דענסטמאָל אָן האָט זי נישט געטרונקען קיין „מילך פון דער קוה״. אַ קוה — האָט זי ליעב דאָס לעבען; צו שמעקען דעם געשטאַנק פון אַ קוה איז אַ פערגעניגען איינער אין דער וועלט, און זי וואָלט גע-וואָלט אַליין מעלקען. עס מוז זיין „הימליש״ מעלקען אַ קוה.

— „הימליש״ איז עס נישט, נאָר עס איז זייער שווער.-ער האָט מורא, אַז זי וועט נישט קענען. מען בעדאַרף האָבען קראַפט אין די פינגער.

זי וויל עס פרובירען. זי בעט איהם אַזוי, אַז ער זאָל זי לאָזען מעלקען די קוה. זי וועט נישט אויסגיסען. זי שווערט, אַז זי וועט נישט אויסגיסען. און זי שאַרט זיך שוין אַרויף די אַרבעל פון איהר בלוזקעלע און בעווייזט די ווייסע, מיט בלויע אָדערען דורכגעצויגענע, אָרימס...

ער לאָזט זי אַרונטער אונטער דער קוה, זעצט זי אַוועק אויפ׳ן בענקעל אונטער דער קוה׳ס אייטער, גיט איהר דעם עמער צווישען די קניען און ווייזט איהר ווי אַזוי זי זאָל איבערפיהרען די פינגער איבער די אייטער-וואָרצלען. — און דער פאַרפום שמעקט פון איהר ראָזעווע בלוזקעלע, צווישען דעם געזונטען שטאַל-געשטאַנק — אַז עס פערגעהט אין דער נאָז.

זי זעצט זיך אַוועק, נעהמט אָן מיט שרעק דער קוה׳ס אייטער-וואָרצלען. אין אַ מינוט ארום — דער עמער מיט דער אָנגעמאָלקטער מילך ליגט שוין אַן אויסגעגאָסענער אין מיסט, און זי — איהר גאַנץ פנים, האַלז, בלוזע, נאַקעטע הענד זענען בעשפריצט מיט מילך. איהרע אויגען מוזען זיך פער-מאַכען. — אַריין אין אויג אַריין. אַ רעגען פון מילך האָט אַ גאָס געגעבן — לאַכט זי.

ער מוז איהר העלפען אָפּווישען די מילך פון פנים, פון די אויגען, פון האַלז און פון זיידענעם קאַפּטענדעל. דערביי

דערפיהלט ער, ווי אַ וואַרימקייט נעהמט איהם ארום. אַנגסטען שלאָגען איהם פון צוואַרימטען לייב.

און זי, זי איז אין גאַנצען נאַס, איינגאַנצען בעגאָסען מיט מילך. די גאַנצע בלוזע איז דורכגענעצט.

— שאַ, מען מוז פערשוויייגען, מען מוז עפּעס אויסקלערען אַ תירוץ פאַר דער מאַמען, פאַרוואָס די „רויטע מלכה" האָט היינט אַזוי ווייניג מילך געגעבען.

— עס האָט זי ווער אויסגעמאָלקען אין פעלד, אַ גנב אָדער אַ „טרעמפּ".

עס איז דער ערשטער סוד, וואָס זיי האָבען צווישען זיך...

אין אָווענד, איידער מען זעצט זיך צום טיש, וואַשט זיך שוין אראָנטשיק מעהר ווי אַן אַנדערש מאָל און מיהט זיך טאַקע מיט אַלע מעגלעכקייטען, אַז די געקרייזעלטע האָר פון זיין קאָפּ זאָלען זיך אויסגלייכען, זיי זאָלען ליגען גלייך. און זיי ווילען בשום אופן נישט. וואָס פאַר אַ מיטלען ער נוצט נישט צו זיי: פּעטס, פּאָמאַדע — עס העלפט נישט. זיי קורטשען זיך און קרייזלען זיך. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און טוט אָן דאָס נייע געוואַשענע העמד און זוכט אויס דעם שעהנסטען שניפּס.

עס איז געווען פרייטאָג אין אָווענד. און ביי ברוך מרדכי'ן אויפ'ן דאָרף האָט מען נאָך פרייטאָג אָוונעד גע-פראוועט דעם שבת מיט אַלע קליינקייטען. אויף דער פאַרם האָט ער זיך געקענט דאָס ערלויבען. חנה האָט ליכט געצונדען, חלות געלייגט אונטער אַ טישטוכעל און דעם סידור אויפגעמישט ביי קידוש פאַר די חלות. ראָוז האַלט זיך אין איין באַגייסטערען, אַז אַזעלכעס האָט זי נאָך נישט געזעהן, צייט זי איז געקומען פון דער „אַלטער היים", און געהאָלפען חנה'ן גרייטען צום טיש. זי וויל — זאָגט זי — אַז עס זאָל אויסזעהן, ווי אין דער „אַלטער היים". אַליין זיך אָפּגעוואַשען, איבערגעטאָן אַן אַנ-

דער בלוזקע און לכבוד שבת האָט זי אָנגעטהון רויטע קאַרע־לען, וואָס זי האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער „היים“, פער־בונדען מיט אַ שטיינגעלע, וואָס קומט אויך פון דער „אַלטער היים“.

ערשט ביים טיש, ביי דעם ליכט פון די ברענענדיגע מעשענע לייכטער, וואָס חנה האָט אויך מיטגעבראַכט פון דער „אַלטער היים“, האָט זי אַראָנטשיק ריכטיג בעקוקט. ערשט איצט האָט ער דערזעהן איהרע האָר, בעפרייט פון דעם צו־זאַמענגעפרעסטען הוט, געצוואָגענע פון נעכטען, פערקעמטע לכבוד שבת, זיינען זיי געוועזן געשוואָלען, יעדל האָר ווי בעזונדער אויפגעבלאָזען און וועלענדיג. קיין פיעל האָר האָט זי נישט געהאַט, נאָר בלאָנד ווי גאָלד, שיטער צופלאָכטען אין צוויי דינע צעפלאַך, אַזוי ווי זיי וואָלטען אָנגעהויבען צו וואַקסען פון נאָך אַ קריינק און דאָס האָט עפעס דערוועקט אַ מין „רחמנות“ אויף דער מיידעל, בכלל איז ראָוז געוועזן אַ מיידעל, וואָס אַלצדינג אין איהר האָט דערוועקט, ביי אַ גע־זונטען בחור, רחמנות צו איהר. עס האָט געוואָלט זיך פאַר איהר אָננעהמען... איהרע האָר, איהר דין נעזעל, איהרע אויגען, איהר רויט, רויט מיילעכעל נאָר מייסטענס האָט דער־וועקט רחמנות איהר העלזעל. דאָס פרייע מיידעלשע העלזעל, וואָס האָט איצט אַרויסגעקוקט פון איהר פרייער, אויפגעשני־טענער, זיידענער ראָזעווע בלוזע, איז געוועזן פון אַזאַ ווייסען, ווייסען קאָליר און איז געוועזן אַזוי דין, אַזוי שוואַך, אַזוי טויבען־אַרטיג, אז פאר רחמנות און פאר מורא עס זאָל דעם ווער נישט שלעכטס טהון, גלוסט זיך דיר צוצוגעהן און אָנ־צונעהמען דאָס העלזעל און אראָפּצודרעהען. זאָל עס איינמאָל פאַר אַלע מאָל נעהמען אַ סוף און אויפהערען זיך צו מוטשען... און דערצו האָט זי זיך אויפגעהאָנגען אויפ׳ן העלזעל רויטע קאַרעלען, מיט אַ פויעריש סטיינגעלע, עפּעס אַן אַלט היימיש בענדעלע. און די רויטע קאַרעלען באָמבלען אויפ׳ן דינעם, ווייסען, ווייסען האַלז און דערגרייכען ערגעץ טיפער, ווייטער, וואו עס איז פערשטעלט מיט דער בלוזע. נאָר די קענסט עס

פיהלען אין דיין געדאַנק, אַז די ווייסקייט איז דאָרט אָהן אַ סוף...

אַראָנטשיק האָט שוין גע׳חלומ׳ט א גאַנצע נאכט פון דינעם ווייסען העלזעל... צומאָרגענס האָט ווער פון די שטאָדטישע פאָרגעלייגט, אז מען זאָל צופאָהרען צו „פלעזשור אין“ אָדער צו דעם „פאָנטאַן“ אויף א טאנץ.

„פלעזשיר אין“ און „פאָנטאַן“ זיינען געווען צוויי שכנים פון ברוך-מרדכי׳ס פאַרם, אַ דריי פיער יאָהר שפעטער, ווי ברוך מרדכי האָט זיך בעזעצט ביי זילבערטאָן, זיינען צוגעקומען יודען און האָבען זיך בעזעצט מיט איהם אין שכנות אַ צוויי דריי מייל פון זיין פאַרם. ברוך מרדכי האָט זיך דערפרעהט צו האָבען אין דער נאָהנט יודישע שכנים. נאָר ברוך מרדכי האָט זיך פערוואונדערט, אַז זיין שכן גיט זיך ווינציג אָפּ מיט ערד בעאַרבייטען, ווינטער איז ער אינגאַנצען אין שטאָדט, און לאָזט איבער דאָס פעלד און הויף אויף הפקר. אויפ׳ן פריהלינג איז דער שכן אַרויסגעקומען אויפ׳ן פאַרם, מיטגעבראַכט מיט זיך אַ דריי פיער בעל-מלאכות. אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען אויף דעם פויערשען הויז אַרויפגעצויגען צוויי הילצערנע שטאָק מיט פיעל אָבגעפאַרבטע פענסטער. האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ היינערשטייג. אַ וואָגען איז געקומען פון שטאָדט און אָבגעלייגט אַ פּאָר טוצען אייזערנע בעטלעך מיט מאַטראַצען און ער האָט עס אַ נאָמען געגעבען „פלעזשור אין“, וואָס איז דער טייטש אויף אונזער לשון: די קרעטשמע פון פערגעניגען.

זומער, אַז דער „פלעזשור אין“ איז פול געווען מיט געסט, האָט זיך איינער פון די געסט מתקנא געווען אָן דער גרינגער פרנסה, וואָס דער יוד האָט, געגאַנגען און אָבגעקויפט אַ פאַרם געגענאיבער דעם „פלעזשור אין“, געטהון די זעלבע זאַך, וואָס דער ערשטער, דאָס הייסט אויך אַרויפגעצויגען אויף דער פויערשער הייזקע א 2—3 הילצערנע שטאָק, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען ווי אויף נסים, אַריינגעשטעלט אייזערנע בעטלעך און הילצערנע טישלעך. ער האָט נאָך אויפגעטהון אַן אַנדער זאַך: ביי

זיך אין הויף האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ בעקען מיט וואַסער. אין מיטען בעקען האָט ער אַנידערגעשטעלט אַן אייזען-מעג-שעל, וואָס האַלט אַ שירם, און פון שירם רינט וואַסער. און האָט עס אַ נאָמען געגעבען „פאָנטאַן".

און אַזוי ווי מען איז צוערשט געלאָפען אין „פלעזשור אין", האָט מען אָנגעהויבען דערנאָך צו לויפען צום „פאָנטאַן". דער „פאָנטאַן" איז שטענדיג פול געווען מיט געסט. אַרום דעם מענשעלע מיט'ן שירם, פון וועלכען עס רינט וואַסער, האָט מען אויסגעהאָנגען אַלע האַמאַקעס און די ווייבער האָבען זיך געשלאָגען וועגען אַ פלאַץ אַרום „פאָנטאַן". יעדע יודענע האָט געשלעפט איהרע קינדער, אַז איהרע קינדער זאָלען דוקא זיצען ביים „פאָנטאַן".

— מישא-לעבען, מאָריס, סטעלאַ, סערעה, קום אַהער, צום „פאָנטאַן". וואו לויפסטו אַרום, זיץ ביים פאָנטאַן. — אַזוי ווי דער „פאָנטאַן" וואָלט געשפריצט נישט מיט קיין טראָפּענס וואַסער, נאָר מיט באַלזאַם.

אין די צוויי פענסיאָן-הייזער, וועלכע זיינען געווען אין שכנות מיט ברוך מרדכי'ס פאַרם, פלעגט מען שבת אָוועגד, ווען די מענער זיינען אַרויסגעקומען צו די ווייבער, טאַנצען. ביז איצט האָט מען ביי ברוך מרדכי'ן נישט געוואוסט דער-פון. ברוך מרדכי האָט זיך נישט געוואָלט מישען דערמיט. נאָר צייט דאָס „שטאָדטוואָרג" הויבט אָן אַרויסצוקומען אין פאַרם אַרויס אויף די „שבתים", ווייסט מען אויך ביי ברוך מרדכי'ן, וואָס עס טוט זיך אין די פענסיאָן-הייזער. פון דאָרט פלעגט מען אַרויסקומען אויף שפּאַציר צו ברוך מרדכי'ן אין פאַרם און ברוך מרדכי'ס געסט פלעגען אַרויספאָהרען אָדער אַרויסגעהן אין „פלעזשור אין" אויף טאַנצען.

— איהר וועט זעהן, ברוך מרדכי, איהר וועט מוזען טהון דאָס זעלבע, וואָס מיר. איהר וועט מוזען אַריינגעהמען שכנים" האָבען זיך די בעלי-בתים פון „פלעזשור אין" און „פאָנטאַן" גערייצט מיט איהם.

— איהר וועט עס נישט דערלעבען. מיינע קאַרטאָפּלעס זיינען מיינע בעסטע האָט זיי ברוך מרדכי אָבגעענטפערט.

דער פאָטער און דער זוהן האָבען אָדער קיין צייט נישט געהאַט צו די „פאָנטאַן-הייזער". ווען די שכנים פלעגען צו זיי אַרויסקומען אויף שפּאַציר, האָבען זיי געשטערט אין דער אַרבייט. אראָנטשיק אין אפילו איין מאָל אָדער צוויי מאָל מיטגעפאָהרען שבת אָווענד אין „פאָנטאַן" צוזאַמען מיט זיינע שוועסטער אויף אַ טאַנץ. געטאַנצט האָט ער נישט, האָט ער זיך געלאַנגווייליגט. ריידען האָט ער נישט געקענט מיט די „שטאָדטישע", זיי כאַפּען דיך אַזוי שנעל, און שטענדיג מאַכען זיי געלעכטער האָט איהם מעהר אינטערעסירט אַ נייע פּראָגראַם אין דעם קינאָ אין זילבערטאַן.

דאָס מאָל אָבער האָט ער זיך אויסגעפּוצט, אָנגעטהון דעם שעהנסטען אַנצוג, אין וועלכען ער פלעגט נאָך אַמאָל אין ווינטער פאָהרען נאָך ניו-יאָרק, אַ ניי געוואַשען העמד, אַ נייעם שניפּס — און ווידער געפּרובט גלייך לייגען זיינע געקרייזעלטע האָר, וואָס האָט איהם נישט געגליקט.

ער האָט אפילו איינגעשפּאַנט, און מיט חשק, זיינע צוויי זשרעבעקעס צום וואָגען (דער אויטאָמאָביל איז, ווי שטענדיג, אויך דאָס מאָל „קראַנק" געווען, און ברוך מרדכי האָט גע-האַלטען אין איין מושטערען אין זיינע געדערים) און געפיהרט די שטאָדטישע געסט — זיינע צוויי שוועסטער, דעם שוואָגער און ראָוז — צום „פאָנטאַן".

אין „פאָנטאַן" איז געווען אַ הויכער סעזאָן. אַלע מענער פון שטאָדט ביי די ווייבער, חתן-כלות און קינדער, קינדער, אָהן עין-הרע.

פון גרויסען עס-צימער האָט מען צוגענומען אַלע פּאַפּי-רענע פּאַלמעס, טישען און בענק, אויפגעשטעלט דעם גרויסען גראַמאָפאָן, און יונגוואַרג האָבען געטאַנצט.

ביים טאַנצען האָט ראָוז באַלד פערגעסען אָן אַראָנט-שיק'ן. זי האָט געפונען אין „פאָנטאַן" אַ פּאָר פון איהרע בע-קאַנטע און פריינד, וועלכע האָבען זי נישט אַרויסגעלאָזט פון

די הענד. ראָוז איז געווען אַ גוטע טענצערין, און זי איז גע־גאַנגען פון איינעם צום אַנדערען. די יונגע לייט האָבען זיך געריסען איבער איהר, און אַראָנטשיק איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, אָנגעטהון אין זיין בעסטען אַנצוג, אין זיין נייער העמד, מיט דעם נייעם שניפס, זיינע שוואַרצע האָר האָבען זיך נאָך מעהר געקרייזעלט און זיינע אויגען געבּרענט, און נישט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיינע גרויסע הענט.

ער האָט געזעהן, ווי ראָוז ווערט אַרומגענומען פון די שטאָדטישע פראַנטען, ווי זיי האַלטען זי ענג ביי דער דינער טאַליע, און זי דרעהט זיך ווי אַ ווירבעל אין טאַנץ. איהרע קורצע צוואָקסענע שיטערע האָר פליהען ווי דער ווינט וואָלט געבלאָזען אין זיי, און די רויטע קאַרעלען באַמבלען אויף איהר דינעם ווייסען האַלז. איהר ברוסט הייבט זיך דורך דער זיידענער ראָזעווער בלוזע, און דער שטאָדטישער „דענדי“, מיט די געפּרעסטע ווייסע הויזען און לעדערנעם פּאַסעק דריקט זיך צו צו איהר. זיין זיידען העמד גישט זיך אויס מיט איהר זיידענער בלוזע, און ער האַלט זי פעסט אַרום ביי דער דינער טאַליע, און אַראָנטשיק׳ס אויערען האָבען געגליהט, ווי מען וואָלט זיי אין פייער געבראָטען. זיין קורצע ליפּ האָט ער נישט געקענט צומאַכען איבער זיינע ציין. ער האָט אויפגע־האַלטען דאָס מויל און שווער געאָטעמט, און אַנגסטען האָבען געשלאָגען אויפ׳ן קליינעם שטערען — און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט.

ערשט אויפ׳ן וועג צוריק, ווען זי איז געזעסען אַ צו־וואַרימטע נעבען איהם, אין פראָנט, ביי די פערד, האָט זי זיך דערמאָהנט אָן איהם.

— און איהר, אַראָנטשיק, האָט גאָרנישט געטאַנצט? מען האָט אייך גאָרנישט געזעהן? וואו זיינט איהר דאָס געווען אַ גאַנצען אָווענד?

— איך בין געווען אין זאַל. — האָט אַראָנטשיק אָבגע־ענטפערט.

— און נישט געטאַנצט? — וואונדערט זי זיך.

— ווייס נישט ווי אַזוי.

— וואָס? איהר קענט נישט טאַנצען? איך וועל אייך אויסלערנען. דאָס נעקסטע מאָל, ווען איך קום אַרויס, ברענג איך מיט אַ גראַמאָפאָן. נישט וואָהר, סעריא?

— געוויס, מען בעדאַרף איהם אויסלערנען.

— אַך, איז מיר הייס, — קנעפּעלט זיך ראָוז אויף די ערשטע פּאָר קנעפּלעך פון איהר בלוזע און פאָכעט איבערען צוואַרעמטען האַלז מיט איהר טיכעל.

— הע, הע, איהר וועט זיך צוקיהלען — וואָרענט דער וואַכענדיגער אַראָנטשיק.

5.

אין שפּע פון רעגן...

און ראוז האָט געהאַלטען וואָרט. אומגעריכטערהייט איז זי אַמאָל אַרויסגעקומען מיט דער שוועסטער סאַראַ׳ן, און מיט־געבראַכט אַ גראַמאָפאָן. „מען וועט זי דאָך נישט אַרויסוואַר־פען, וואָס זי איז געקומען אומגעריכט. סאַראַ האָט זי מיטגע־נומען. און איבעריגענס האָט זי געוואָלט אַליין שרעקלעך אַרויסקומען. צייט זי איז געווען צום ערשטען מאָל אין דער פאַרם בענקט זי נאָך איהר, אַז זי קען כמעט שוין נישט לעבען אָן דער פאַרם״.

— ניין, מען וועט זי נישט אַרויסוואַרפען, פאַרקערט, זי איז זייער אַן אָנגעלעגטער גאַסט.

ביי איינעם איז זי יעדענפאַלס עס געווען — ביי אַראָנטשיק׳ן. זיינע אויערען האָבען געגליהט, זיינע האָר האָ־בען זיך געקרייזעלט, און פאַר שמחה האָט ער געכאַפּט דעם „בן יקיר״, אונטערגעבונדען איהם זיין עק, און זיך אַוועקגע־געלאָזט אויף איהם רייטען אין פעלד אַריין, און איז פאַרפאַ־לען געוואָרען אויף אַ פּאָר שעה.

דאָס מאָל איז זי געקומען אויף אַ פּאָר טעג, און ווען מען וועט זי נישט אַרויסטרייבען, וועט זי שטעהן אין דער פאַרם אַ גאַנצע וואָך. זי האָט צייט אַ גאַנצע וואָך. די וואָך איז אַ יום־טוב, און דער „באָס״, וואו זי אַרבייט אַלס פער־

קויפערין אין אַ קליידער-געשעפט, האָט איהר געגעבען „אַפרוי". זי וויל זיך נוצליך מאַכען. „פאַרדינען זיך איהר ברויט". זי וויל זיין אַ ריכטיגע פויערטע, ווי אין דער אַלטער היים. זי וועט דרעהען די פוטער-ראָד, זי וועט פיטערען די הינער.

— ברוך מרדכי, איהר זאָלט מיך לאָזען, איהר הערט, ווי אין דער „אַלטער היים".

— איך האָב עס שטענדיג ליעב געהאַט, — זאָגט זי צו דער אַלטער חנה'ן. — ווען איך בין אַ קינד געווען בין איך אַזאַ שוואַכינקע געווען, אַז אַלע האָבען געמיינט, אַז איך וועל נישט לעבען, האָט דער דאָקטאָר געהייסען מיך אַרויסשיקען אויף אַ דאָרף. און איך בין געווען אַ גאַנץ יאָהר אויפ'ן דאָרף. און געטהון אַלע אַרבייטען, וואָס די עכטע פויערטעס טהוען. און איך ווייס ווי אַזוי צו שוינען די אַרבייט.

אויף דער פאַרם ווער איך גאָר אַן אַנדערער מענש. איך פיהל, ווי איך ווער געזונטער. אַנדערע מיידלאך גלייכען נישט צו זיין אויף אַ פאַרם. זיי האָבען נאָר ליעב די שטאָדט. —

סאַראַ למשל, וויל נישט הערען און געדענקען פון דער פאַרם, און אַז עס איז איהר געקומען אַרויסצופאָהרען האָט זי יענע געמוזט שלעפען. זי האָט נישט געוואָלט פאָהרען, און זי, ראָוז, וואָלט דאָס גאַנצע לעבען פערבראַכט אויף אַ פאַרם, זי האָט ליעב דאָס לעבען.

ברוך מרדכי'ן איז געפעלען אַלץ, וואָס זי זאָגט. אַן אָרים יודיש מיידעל, בענקט נעבעך צו זיין אויפ'ן דאָרף, און ער האָט איהר צוגעטאַקעוועט:

— אויפ'ן דאָרף איז געזונד, יאָ, ערד-אַרבייט איז אַ שווער שטיקעל ברויט, נור אַ בע'טעמ'ט שטיקעל ברויט. אונזערע עלטערען, פאַרצייטענס, האָבען שוין געוואוסט דערפון, אין אונזער תורה שטעהט אויך דערפון געשריבען.

נור חנה'ן איז זי נישט געפעלען. נישט זי און נישט איהרע רייד. פאַרוואָס, האָט זיך די יודענע נישט געקענט

אָפּגעבען קיין רעכענונג. און די יודענע האָט איהר אָפּגע־
ענטפערט:

— עס איז נור לייכט צו זאָגען אַ פּויערטע, אָבער אַז
עס קומט דערצו איז עס שווער אויסצופיהרען.

ראָוז ווייס נישט פאַר וואָס דאָס איז שווערער ווי די
אַרבייט אין שטאָט און טאָמער מיינט מען, אַז די אַרבייט
אין שטאָדט איז אַ לייכטע, האָט מען אַ טעות. אָפּצושטעהן אַ
גאַנצען טאָג אין געוועלב און אָנצומעסטען אַ פערציג־פופציג
קליידער, און איינצורעדען זיי וויבער, אַז די קליידער ליגען
גוט אויף זיי, און צופּאַסען אויף דאַרע טאַליעס ברייטע קליי־
דער, און אויף פעטע טאַליעס שמאָלע קליידער, דאָס איז אַ
שווערע אַרבייט. אַז זי קומט אַהיים, אין אָוועגד — איז זי
טויט־מיעד. וואַרפט זי זיך אויפ׳ן בעט, און האָט נישט קיין
כּוחות צו געהן אפילו אין קינאָ. פאַרקעהרט, אין דאָרף, אַז זי
קומט אַרויס, לעבט זי אויף. זי פיהלט זיך גאָר אַן אַנדער
מענש, ניי געבאָרען ווערט זי.

ברוך מרדכי האָט רחמנות געהאַט אויף איהר. זי קען
שטעהן מיט זיי אויף דער פאַרם ווי לאַנג זי וויל און אַר־
בייטען באַדאַרף זי אויך נישט. עסען אויף דער פאַרם איז
גאָרנישט, אַן איבעריג מויל זעהט מען נישט אָן. און
הלואי וואָלטען זיינע טעכטער געוואָלט אַוועקוואַרפען די
שטאָדט מיט דעם רעש און געפילדער, און געוואָהנט מיט
איהם אויף דער פאַרם, וואָלט ער געווען אַ גליקלעכער, נור
די טעכטער ווילען נישט, זיי האָבען ליעב די שטאָדט.

חנה׳ן איז מיסס ראָוז נישט געפעלען. נאָר זאָגען, אָדער
געבען איהר אָנצוהערען, וועט זי דאָך נישט. זי איז דאָך אַ
פרעמדע, איהר טאָכטער׳ס אַ חבר׳טע, האָט זי זיך אויך אָב־
גערופען:

— אַודאי קען זי שטעהן דאָ, ווי לאַנג זי וויל. עס
טרייבט זי דען ווער? אַז זי וויל בלייבען אין דאָרף, אַז זי
זאָגט, אַז זי האָט עס גערן, זאָל זי בלייבען. פאַר וואָס דען
נישט?

— זי וועט זיך באַלד נעמען צו דער אַרבייט. — מרס. זאַלצמאַן — רופֿט זי צו חנה'ן — וואָס זאָל איך איצט טהון? אפשר די פוטער דרעהען? זי וויל פּרובען די פוטער דרעהען. אַראָנטשיק, איך קען די פוטער דרעהען אין ראָד? איך וועל נישט קאַליע מאַכען...

אַ שמייכעלדיגער און אַ שטראַהלענדיגער, מיט נאָך מעהר געקרייזעלטע האָר, האָט אַראָנטשיק פּאַר איהר צוגעגרייט צו דרעהען די ראָד מיט דער פוטער.

אַ גאַנץ קעסטעל מיט נייע „ראזעווע" בלוזקאַלעך האָט זי זיך מיטגעבראַכט אין דאָרף אַריין, האָט זי זיך אָנגעטהון אַ נייע בלוזקעלע, אַ געפּאַלדעוועטס, מיט אַ קורץ שירצעל ספּע-ציעל צו דרעהען די פוטער...

— אין „פּאָנטאַן" געהט זי נישט מעהר טאַנצען. פּע, עס געפעלט איהר נישט דאָרט. בלויז שטאָדטישע. זי האָט נישט גערן די שטעדטישע. זי וועט אויסלערנען אַראָנטשיק'ן טאַנ-צען ביים גראַמאָפאָן, און וועט טאַנצען אין דער היים — וועט זיין פריהליכער און אינטערעסאַנטער.

און זי האָט זיך גענומען טאַקע אַראָנטשיק'ן אויסלערנען טאַנצען. בייטאָג האָט ער נישט געהאַט קיין צייט. געווען פיעל אין פעלד צו טהון. נאָר אין די אָווענדען האָט זיך אַראָנטשיק יעדען אָווענד אָפּגעוואַשען און אָנגעטהון אַ העמד, אַזוי ווי יעדען טאָג וואָלט געווען שבת. (חנה האָט זיך טאַקע געקלאָגט, אַז יעדען טאָג טהוט איצט אַראָנטשיק אָן אַ העמד, און זי בלייבט אָהן העמד פון דער גרויסער וועש, וואָס זי האָט איצט...) אַז אַראָנטשיק האָט צום ערשטען מאָל זי אַרומגע-נומען ביי דער טאַליע, — ווי די אַנדערע „דענדיס" האָבען געטהון — און דערזעהען פון דער נאָהנט דאָס ווייסע ווייס-קייט, וואָס בעהאַלט זיך אונטער די בלוזע, און געשמעקט דעם פּאַרפום, זענען זיינע אויערען נאָך מעהר רויט געוואָרען. ער האָט אויפגעעפענט די צו קורצע ליפּ און נישט געוואוסט וואָס צו טהון מיט די הענד. ער האָט געהאַלטען די הענד אַרום איהר טאַליע אַזוי לייכט, אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זי קוים

אָנגעריהרט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט וואָס צוברעכען. אַזוי ווי מען האַלט אַן ײ אין האַנט, וואָס די הון האָט ערשט נאָר וואָס געלייגט.

— גיב נאָר אַ קוק, סאַראַ, ווי דיין ברודער האַלט מיך — האָט זי געלאַכט צו סאַראַ׳ן — אַראָנטשיק, מען בעדאַרף אייך אויסלערנען ווי אַ מיידעל אַרומצונעהמען. — און זי האָט גענומען זיינע צוויי שטאַרקע הענט און פעסט זיי אַרומגעלעגט אַרום איהר טאַליע...

— אָט אַזוי!

אַראָנטשיק איז נאָך רויטער געוואָרען.

פון פריהמאָרגען אָן איז געשטיגען אַ דושנעקייט אין דער לופט, נאָר דערשטיקט צו ווערען. דער באַראָמעטער האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ גאַנצען טאָג „זונענשיין" און די „סטאַציע" האָט אויך אָנגעקלונגען: „היינט — זונען שיין!" און חנה האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ רעגען. וואָס ווייסט דאָרט דער „מאַראָמעטער" פון זיינע הענט און פיס. זי האָט אַ „מאַראָמעטער" — זאָגט זי — אין איהר אייגענעם אָרים, אין לינקען אָרים זיצט ער. אַז עס זאָל זיין רעגען — איז עס איהר ווי צאָהן-וועהטאָג. איהר רעמאַטיזם — איז דער בעסטער „מאַראָמעטער". דער הימעל איז קלאָהר ווי גאָלד — און זי שרייט, אַז זי ווייסט, אַז עס וועט היינט רעגענען. און פונקט היינט, ווען די קאַרטאָפלעס וואַרטען אויפ׳ן „קולטיוועיטאַר". די ערד צובאַקט אַרום זיי ווי אַנ׳אויוועז. איין פלאַסטער און דאָס ווילד-גראָז וואַקסט צווישען די בייטשען. דער „קאָרן" ווען מען גיט איהם אַ קראַץ אויף, וואָלט ער זיך מחיה געווען, זאָגט ברוך מרדכי. און פונקט היינט האָט זיך אַראָנטשיק גענומען צום היי, וואָס וואַקסט הינטער דעם יונגען וועלדעל. דאָס היי ווערט פאַרברענט, — טענה׳ט ער — און דערנאָך, אַן עס וואַקסט זיך אויס, ווילען עס די בהמות נישט נעמען אין פיסק אַריין. דער „בן-יקיר" און „יתרו" זיינען זיך מחיה ווען דאָס היי איז גרין, און פול מיט נאָך נישט ענטוויקעלטע בלעטלעך, — שטעהט ער פון מאָר-

גען אָן, ווייט פון הייזעל, הינטער דעם וועלדעל, און שניידט דאָס היי. מיטאָג.צייט. ווען ער איז אַהיים געקומען עסען, האָט די מאַמע געזאָגט: אַראָנטשיק, שנייד נישט קיין היי. עס וועט רעגענען. און אַראָנטשיק האָט געזאָגט: אַז דער באַראָמעטער און די סטאַציע ווייסען בעסער פון דער מאַמע׳ס רעמאַטיזם, צי עס וועט יאָ רעגענען אָדער נישט. קיין איין פלעקעל נישט אויפ׳ן הימעל. און נאָכ׳ן עסען איז ער ווידער אַרויס און גענומען זיך צום היי. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער שוין געקומען פלינק אָנצורייטען אויפ׳ן „בן-יקיר". מען האָט שוין אָנגעזעהן אויפ׳ן הימעל, אַז דער מאַמע׳ס רעמאַטיזם האָט רעכט געהאַט, נישט דער „באַראָמעטער". עס האָט זיך אָנגעהויבען צו קלייבען אויף איין זייט הימעל. אַראָנטשיק האָט פלינק צוזאַמענגענומען די „פלאַכטעס" צוצודעקען די קופּעס היי און איז אַרויסגעפּאָהרען איינזאַמלען דאָס אָפּגעשניטענע. קיין „הענד" האָט ער נישט געהאַט צו העלפען. פּונקט איז היינט ברוך מרדכי געפּאָהרען אין שטעדטעל אַריין, עפּעס אַן אסיפה וועגען א נייער שוהל אופצובויען אין שטעדטעל. (צייט ס׳האָט אָנגעהויבען ברוך מרדכי׳ן בעסער צו גיין, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז נישט „על הלחם לבדו יחיה האדם", און אָנגעהויבען צו מישען זיך אין קהל׳שע זאַכען אין נאָנסטען שטעדטעל). ווער וויל מיטפּאָהרען? ראָוז? א שעהנע העלפערין — אין אַ בלוזקע אין רעגען! אַראָנטשיק האָט נישט קיין צייט געהאַט צו באַלעמוטשען. אין אַ מינוט פינף איז ער שוין דאָרט צוריק ביים היי. און שנעל ווי א שטורם האָט ער אָנגעהויבען צוזאַמענגראַבליען דאָס אָבגעשניטענע היי אין קופּעס. עס איז אָנגעגאַנגען א וועט צווישען איהם און דעם הימעל, ווער ס׳וועט פלינקער זיין: ער מיט׳ן אָנזאַמלען ס׳היי, צי דער הימעל מיט׳ן רעגען? ער האָט נישט קיין צייט צו אָטעמען, אַרומצוקוקען זיך, אויסגעטהון זיך אדם-נאַקעט, ביז די הויזען, שטייט ער מיט דער גראַבליע, און דער שווייס רינט איבער׳ן ברוינעם, גלאַנצענדיגען, אויסגעבויגענעם רוקען און ברוסט און גלאַנצט זיך

שטיקער זון, וואָס רייסען זיך אַרויס פון די צוריסענע וואָל־קענס. און די וואָלקענס קוילערן זיך, אַזוי ווי רויך פון אַ קוימען אַרויס. מען ווייסט נישט פון וואַנען זיי נעמען זיך. און ווער וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגען? ראָזי. זי איז איהם אַרויסגעקומען העלפען, זאָגט זי, זי ווייסט, אַז ביי היי־זאַמ־לען בעדאַרף מען האָבען „הענט״, און אָהן אַ זשאַקעט אָהן אַ טיכעל, נור בלויז די „געפרענזעלטע״ בלוזע מיט גע־פרעסטע קנייטשלעך. זי שאַרט זיך אַרויף די אַרבעל איבער די הענט און צעפלאָשעט די שיטערע בלאָנדע לאָקען איבער׳ן דינעם ווייסען העלזעל. זי איז געקומען איהם העלפען. אָבער ער האָט נישט קיין צייט זיך אַרומצוקוקען אויף איהר. ער זעהט דעם „בן־יקיר״, „יתרו׳ן״, די „רויטע מלכה״ און די אַנדערע בהמות ווינטער אין שטאַל מיט אַרויסגעשטאַרצטע צינגער, און זיינע לאַנגע שטאַרקע הענד גיבען מיט איין ציה אַ זאַמעל צונויף אַ האַלבע שורה אָפּגעשניטען היי. זי קען דערווייל צודעקען די קופּע מיט דער פלאַכטע. ער זעהט ווי זי מיט איהרע ווייסע דינע הענד, שלעפּט די פלאַכטע, שלעפּט, שלעפּט און קען נישט דערשלעפּען. מיט אַ שפּרונג איז ער ביי איהר, ציהט פלאַכטעס, און וואַרפט איבער די קופּעס, און באַלד שוין ווידער מיט דער גראַבליע, און זאַמעלט די שורות אָפּגעשניטען היי.

און דאָ הויבען שוין אָן די ערשטע טראָפּענס צו פאַלען — אַראָנטשיק שרייט. ער פאַרגעסט זיך און שרייט אויף ראָוז׳ן, אז זי זאָל אַנטלויפען. אהיים געהן — עס וועט אַ גרויסע כליאַפּע זיין און זי האָט גאָרנישט מיט וואָס צוצו־דעקען זיך. זי וויל נישט הערען; זי וויל איהם העלפען — זאָגט זי — און פרובט מיט איהרע דינע, ווייסע הענט צוזאַ־מענצושאַרען צו ביסלעך היי, ווי אַ קינד.

און דאָ, מיט איינמאָל, גיט עס אַ גאָס: די טראָפּענס פולער, געדיכטער, עפּטער, פלינקער. דער הימעל ווערט גע־דיכט בעוואָלקענט — עס ווערט טונקעל ווי שפּעט פאַרנאַכט. און דער רעגען גיסט שוין שטאַרק און שטרענג, מיט געביי־

זער. אראנטשיק ווארפט שוין די גראבליע, לויפט צו צום וואגען, כאפט זיין אויסגעטהונענעם ראק און דעקט צו דער־מיט ראזען. איבער זיין נאקעטען לייב — א פלאכטע.

זיי שווייגען ביידע, קוקען זיך אן, זי שמייכעלט. איהרע האר ווערען פייכט און דאס קלייד אונטער דעם ראק פיטש נאס — רינט מיט וואסער דורך איהרע זיידענע זאקען אין די שיכלעך אריין. נעהמט ער זי און שטופט זי ארונטער אונ־טער דעם וואגען.

זי טהוט דאס, קריכט ארונטער אונטער׳ן וואגען און לאכט.

אליין שטעהט ער נאך פאר׳ן וואגען, איינגעהילט אין דער פלאכטע, און זיין געדאנק איז צוטיילט צווישן דעם היי, וואס ווערט נאס און עפיס אנדערש... וואס ער ווייסט נישט וואס דאס איז. פלוצים הערט זיך איהר שטים פון הינטער׳ן וואגען, לאכענדיג:

— אראנטשיק, קום אויך ארונטער — וועסט פייכט ווערען.

דער רעגען ווערט שטארקער, פעסטער און שמייסט ווי בייטשען־שמיץ.

און זי לאכט פון אונטער דעם וואגען.

— זי האט עס ליעב א שרעק! — זי וואלט אוועקגעגע־בען אלצדינג פאר אזא איבערלעבעניש.

אראנטשיק ענטפערט גארנישט. דער רעגען שמייסט איהם ווי מיט ריטער, דאס וואסער רינט שוין פון די הויזען אין די נאקעטע שיך אריין, און דער זאק איבער דעם נא־קעטען לייב פיטש־נאס.

— קום ארונטער, אראנטשיק. — זיי נישט נאריש. וואס, דו האסט מורא?

— ניין, מורא האט ער נישט. פארוואס זאל ער מורא האבען?

אראנטשיק קריכט ארונטער אונטער דעם וואגען. זי טו־ליעט זיך צו צו איהם. עס איז איהר קאלט, אז עס פרירט איהר.

אַראָנטשיק פערגעסט שוין דאָס אָבגעשניטענע היי, דעם „בן־יקיר“, און זיינע אויערען גליהען שוין אין פייכטען רעגען.

זי איז דורך און דורך נאָס, אַלץ קלעפּט זיך אויף איהר, און זי דעקט אויף אַראָנטשיק׳ס ראָק, מיט וועלכען זי איז אַרומגעהילט, און ווייזט אַראָנטשיק׳ן ווי נאָס זי איז.

ער זעהט עס. דאָס קלייד און די בלוזע קלעפּען זיך אויף איהר לייב. די זיידענע בלוזע איז אינגאַנצען דורכגעווייקט און איז צוגעקלעבט צו איהר, אזוי ווי עס וואָלט געווען די נאַקעטע לייב. עס ענטפּלעקען זיך אַלע ליניעס פון איהר קערפּער... פון דער פייכטער, צוגעקלעפּטער בלוזע שניידען זיך אַרויס איהרע צוויי קליינע ברוסטען, ווי צוויי באַרנעלעך, און זיינען נאָך מעהר נאַקעטער ווי זיי וואָלטען געווען נאַקעט.

אַראָנטשיק קען זיך שוין מעהר נישט איינהאַלטען, און ער נעהמט אָן מיט זיין פייכטער האַנט איינע פון די „באַרנעס“, וואָס שטאַרצען אַרויס פון איהר נאַסער בלוזע. זי גיט איהם אַ פּאַטש איבער דער האַנט.

ער ווערט בייז, גיט זיך אַ וואָרף אויף איהר און בייסט זיך איין מיט זיין מויל אין איהר קליינע, קליינע רויטע צונג און ציין.

צוערשט פערגעסט זי זיך, גיט זיך נאָך־ זי קאָרטשעט זיך צו צו איהם, און גיט איהם אַ נעהם אַרום מיט׳ן גאַנצען כח. ער ווייסט נישט פון וואַנען עס נעמט זיך ביי איהר אַזאַ קראַפט? — ווי אַ צוואַנג וואָלט איהם געהאַלטען. ער פיהלט פייכטקייט, — דאָס נאַסע קלייד, דאָס נאַסע העמד און דאָס קאַלטע לייב איף זיין נאַקעטער ברוסט. נאָר מיט איינמאָל דערמאָנט זי זיך, גיט איהם אַ שטופּ אָפּ פון זיך מיט קראַפט.

— אַראָנטשיק, דו ווייסט, וואָס דו טהוסט?

ער ווייסט, ער ווייסט... — אַראָנטשיק ענטפערט נישט מיט׳ן מויל, נאָר מיט די פער׳חלש׳טע רויטע פעטע אויגען, וואָס גליהען איצט. מיט זיינע גלאַנצענדיגע געקרייזעלטע האָר,

מיט זיין פֿער׳חלש׳טען, ביינערדיגען נאַקעטען לייב. אלץ ציט זיך צו איהר.

ווידער גיט זי איהם אַ ציה צו זיך, אַ דריק צו צום נאַקעטען נאַסען קלייד מיט׳ן גאַנצען כח. ער פיהלט די גלאַטיגקייט, די קאַלטקייט, און באַלד גיט זי איהם ווידער אַ שטופּ אָפּ פון זיך און אַ פליסטער אין אויער מיט אַ וואונק פון איהרע בלאָנדע האָר, וואָס זיינען איצט אין גאַנצען פייכט.

— נישט איצט, אַראָנטשיק, עס איז טאָג, מען קען אַרויסקומען.

דערווייל ווערט דער רעגען וואָס שטאַרקער, פעסטער, געדיכטער און פלינקער. עס ווערט אַ קאַלוזשע פון וואַסער אַרום דעם וואָגען, אַרום זיי. דאָס אָרט, אויף וועלכען זיי זיצען, האַלב ליגענדיג אונטער דעם וואָגען, איז שוין אויך פייכט. אַראָנטשיק גיט זי אַ הויב אויף, ווי מען הויבט אויף אַ קליין קינד, און אַ לייג אַרויף אויף זיך.

דערפיהלט די אָנגענעמע, גלאַטיגע, קאַלט-וואַרימע מאַסע אויף זיך, גאָרעט ער זיך ווידער מיט זיין וואַרעם פנים און נאַסען מויל אין איהר ברוסט צו־ריין, און קלעמט זי מיט זיינע קניִען.

— נישט איצט, האָב איך געזאָגט, אַראָנטשיק. מען וועט אַרויסקומען... — שטופט זי איהם אָפּ פון זיך.

— ווען דען ? — פרעגט אַראָנטשיק, שוין ווייזענדיג זיינע פער׳חלש׳טע ציין פון זיין צו־קורץ צוגעהענדע ליפּ.

— שפּעטער, אין אָווענד — פליסטערט זי צו איהם.

— וועסט אַרויסקומען ?

— איך וועל אַרויסקומען, איך וועל אַרויסקומען. — קרייזעלט זי מיט די פינגער זיינע געקרייזעלטע האָר.

אַראָנטשיק שווייגט.

באַלד הערט דער רעגען אויף. זיי קריכען אַרויס פון אונטער׳ן וואָגען. זי מאַכט זיך גלייך דאָס נאַסע קלייד, ווארפט אַראָפּ פון זיך אַראָנטשיקס ראָק, און אָהן אַ וואָרט

אויסצורעדען, אַנטלויפט זי אין פייכטען פעלד מיט איהרע נאסע שיכלעך און פייכטע זיידענע זאָקען.

שפעטער, ווען אַראָנטשיק איז געקומען אהיים פון פייכ־טען פעלד, האָט ער זי שוין געזעהן אַ טרוקענע, איבערגע־טהון אין אַן׳אַנדער קליידעל, אין אַ פריש־געפלעט בלוזעלע. דער רעגען האָט זי געכאַפּט אין פעלד — האָט זי דערציילט — איז זי געשטאַנען די גאַנצע צייט אונטער אַ בוים.

אַראָנטשיק גייט שוין אַרום ווי אַ גנב, שעמט זיך אָנ־צוקוקען אַ מענשען אין פנים אַריין, מיידט אויס די שטוב־מענשען, ווערט פערפאַלען ערגעץ אין שטאַל, צי אין שפייכ־לער. צום עסען מוז איהם די מאַמע זוכען איבער׳ן גאַנצען הויף.

אין אָווענד איז שוין געווען טרוקען און לבנה און שטערען האָבען געשיינט איבער׳ן הויף.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט פאַר דעם הויז, ווי אַ גנב, בעהאַלטען זיך ערגעץ אין די ווינקעלעך און אויסגעשפירט. אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך נישט בעוויזען פון הויז אַרויס. זי איז מיט עפעס געווען פערנומען. מיט סאַראַן געניית קלייד־לעך. נאָר אַראָנטשיק איז ווי אַ הונט געלעגען אין אַ ווינקעל און זי אָבגעהיט. פלוצלינג, ווען עס האָט זיך איהם שוין גע־דאַכט, אַז אַלצדינג איז פערפאַלען, אַז זי וועט שוין נישט אַרויסקומען, האָט זי זיך פלוצלינג בעוויזען אויף דער שוועל פון הויז, אין שיין פון דער לבנה האָט ער געזעהן דאָס ווייּ־סע שירצעל, וואָס זי האָט עפעס היינט אָנגעטהון. זי איז גע־שטאַנען אויף דער שוועל און האָט עפעס אָבגעוואַרט. אַז זי האָט נאָר געמאַכט אַ פאַר טריט אין הויף אַריין, האָט זיך אַראָנטשיק אונטערגע׳גנב׳עט אין דער שטיל, ווי אַ גנב, וואָס געהט גנב׳ענען היהנער, און אַ כאַפּ געגעבען זי אויף זיינע הענט, און גלייך געטראָגען זי אין שפייכלער מיט היי אַריין.

זי האָט גאָר נישט געזאָגט, נור געלאָזט זיך טראָגען...

דערנאָך, אַז ער האָט זי אָבגעלאָזט און זי האָט זיך

אָבגערייניגט דאָס קלייד פֿונ'ם היי, אויף וועלכען זי איז געלעגען האָט זי געפרעגט אַראָנטשיק'ן:

— דו ווייסט, אַראָנטשיק, וואָס דו האָסט געטאָן?

— איך ווייס — האָט שוין אַראָנטשיק אָבגעענטפערט מיט אַ פֿול מויל — און איך גיי מיט דיר חתונה האָבען אויך.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נור איז פֿלינק אַריינגעלאָפען אין שטוב אַריין.

ס.

חתונה געהאַט און צוטהיילט די נחלה

אין אַ פּאָר טעג אַרום, איידער ראָוז האָט בעדאַרפט אָבּ־פאָהרען אין שטאָדט אַריין האָט אַראָנטשיק פלוצלינג געלאָזט וויסען זיינע עלטערען, אַז ער געהט חתונה האָבען מיט מיסס ראָוז. זיינע עלטערען זיינען דערשטאַנען געבליבען און די מאַמע האָט זיך אָבגערופען:

— וואַס עפּעס אַזוי פלוצלינג, דו ווייסט ווער זי איז? וואָס זי איז? וואָס האָסטו קיין צייט נישט צו וואַרטען, ביז מיר וועלען עפּעס געוואָהר ווערען וועגען איהר?

אַ ווײַלע האָט אַראָנטשיק געשוויגען, געדרעהט זיך, ווי אויף אַן אָפּצאַס — ביז ער האָט פלוצלינג אַרויסגעפלאַצט:

— איך מוז מיט איהר חתונה האָבען, — און געקוקט ערגעץ אין אַ ווינקעל אַריין.

— וואָס הייסט דו מוזט? — פרעגט די מאַמע פערוואונדערט.

אַראָנטשיק האָט נישט געענטפערט.

מאַן און ווייב האָבען זיך איבערגעקוקט, און חנה האָט זיך אָנגעהויבען צו קנייפּען די באַקען.

ברוך מרדכי האָט געקנייטשט דעם שטערן. און ווי זיין געוואָהנהייט איז, אַראָבגעלאָזט דאָס קאָפּעל איבער זיין שטערען.

— וואָס פערשטעהסטו נישט, — ער רעדט דאָך קלאָרע

דבורים. ער זאָגט ער מוז. מן הסתם ווייסט ער דאָך וואָס ער זאָגט.

חנה האָט זיך געגעבען אַ ביס אין דער ליפּ און זיך אָבגערופען:

— און אַז מען מוז, טהוט מען שוין? איז דאָך נאָך צייט, מען וועט זעהן...

— חנה, וואָס רעדסטו? אַ יודישע טאָכטער! האָט שוין ברוך מרדכי זיך געבייזערט — און וועגדענדיג זיך צו זיין זוהן, זאָגט ער: וואָס איז דער חילוק — אַז דו מוזט, מיין זוהן, מוזטו! הכלל, מזל טוב!

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב, וואו מיס ראָוז איז געזעסען, און האָט שוין אויף עפּעס וואָס געוואַרט, און זיך אָבגערופען צו איהר:

— זאָל זיין מיט מזל, מיסס ראָוז, — זאָל זיין מיט מזל.— דאָס יונגע פּאָר-פּאָלק וועט דאָך וואָהנען מיט אונז אויף דער פאַרם. ווי אַנדערש? — זי האָט דאָך ליב דאָס דאָרף, זאָגט זי דאָך.

— איך וועל זיין גליקליך מיין גאַנץ לעבען צו וואָהנען אויפ׳ן דאָרף. — ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד אין דער „אַלטער היים“, — האָט ראָוז אָנגעהויבען צו דערצעהלען — און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען, און זי איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעבויגען ברוך מרדכי׳ן אונטער דער באָרד.

— הכלל, מיין ווייב, שטעל לעקעך און בראָנפען — האָט געזאָגט ברוך מרדכי און געגלעט זי אין קאָפּ.

מוטער חנה האָט נישט געוואוסט, וואָס ס׳טהוט זיך דאָ.

דאָך, אַז עס איז געקומען צו דער חתונה, האָט ראָוז נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר אַז עס זאָל זיין אין שטאָדט, אין אַ שעהנעם זאַל און נישט אַנדערש, נאָר אין „פּראַקס“. פון צערעמאָניעס האָלט זי אפילו נישט, זי איז אפילו אַ גאַנץ

פשוט'ע פערמערין, וואָס האָט חתונה מיט אַ פּראָסטען פּאַרמער, און זי וועט דאָס גאַנצע לעבען פערברענגען אין דאָרף. נאָר איהר חתונה האָט זי זיך שטענדיג פאָרגעשטעלט – וועט זיין אין אַ שעהנעם זאַל, און עס וועט זיין אין פראַקס און אין באַל־קליידער.

און ווען מען האָט אַראָנטשיק'ן געפיהרט, אָנגעטהון אין פראַק אונטער דער חופּה, אין דעם בעלויכטענעם זאַל, אין דער גרויסער שטאָדט, איז אין דרויסען געגאַנגען אַ שטורם שניי – און דער קליינער וואַלד, וואָס געפינט זיך אויפ'ן ראַנד פון ברוך מרדכי'ס פאַרם, פון וועלכען דער יונגער אַראָנטשיק האָט אַמאָל בוימער געהאַקט, האָט געברומט אין אַן אונפער־שטענדליכער שפּראַך. אויך דער „בן יקיר" איז אין שטאַל נישט רוהיג איינגעשטאַנען. ער האָט מיט זיין פוס געקאָפּעט אין דער וואַנד, און עפּעס אומפערשטענדליך געהירזשעט...

ראָוז האָט נאָך פאַר דער חתונה – ווען זי איז געווען מיט אַראָנטשיק'ן אין דער גרויסער שטאָדט – געגעבען אָנ־צוהערען איהר בעשערטען – אַז טאַקע אַ פאַרמערין, נאָר היינ־טיגע פעז־מערס לעבען מענשליך, נישט אַזוי ווי די פויערים אין דער אַלטער היים, און ביי איהר אויף דער פאַרם וועט איהר וואָהנונג מוזען אויסזעהען ווי אַ פּאַלאַץ. אַביסעל געלט האָט זי אין דער „באַנק" אָנגעזאַמעלט — זאָגט זי,– וועט זי עס אויסגעבען אויסצומעבלירען די צוויי צימערען, וואָס ברוך מרדכי האָט אָבגעגעבען דעם יונגען פּאָר, און זי האָט אָנגעהויבען אַראָנטשיק'ן אַרומצופיהרען איבער מעבעל־געשעפטען. וואו זי האָט שוין געהאַט איהר שלאָף־צימער, איהר שיינעס צימער און איהר סאַלאָן אויסגעקליבען פון לאַנג אָן. זעהט אויס, אַז זי האָט נישט איין בחור שוין געהאַט אַרומגעפיהרט איבער די מעבעל־געשעפטען. די בעלי־בתים האָבען זי געקענט, און יעדערער האָט געוואוסט וואס זי וויל... נאָך דער חתונה האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז איהר געלט איז נישט גענוג אויף מעבעל. זי האָט עס אויסגעגעבען אויף חתונה־קליידער און אַראָנטשיק האָט געפאָדערט פון פאָטער געלט. ברוך מרדכי

האָט געהאַט אָװעקגעלעגט פֿון לעצטען „שניט" אַ פינף־הונדערט דאָלאַר, מיט דעם געדאַנק אָפּצוקױפען ביי שכן דזשאָנסאָן די זעקס אַקער גוטע קאַרטאָפעל־גרונט. די זעקס אַקער האָט ער שוין געװאָלט קױפען אױף אַראָנטשיק׳ס נאָמען.— זאָל ער אױך אָנהױבען פאַר זיך – האָט ער געזאָגט צו חנה׳ן.

— סיי װי סיי איז עס אַראָנטשיק׳ס געלט; דאָס יונגעל האָט שװער געאַרבייט דאַרױף, און אַ יונג פאַר פאָלק קען טאקע נישט לעבען װי מיר, אַלטע. פאַר שלום בית װעל איך עס איהם געבען, אפשר װעט גאָט העלפען, מען װעט קענען קױפען די פאַר אַקער פֿון די נייע קאַרטאָפלעס.

עס האָט זיך אָבער אַרױסגעװיזען, אַז ראָוז האָט זיך געקליבען אױסצומעבלירען נישט נאָר די צװיי צימער. זי האָט פאַר זיך צוגענומען כמעט דאָס גאַנצע פאַרם־הױז, און פאַר די אַלטע האָט זי איבערגעלאָזט צװיי שטובען — שױן מיט דער קיך, אַ װאָגען מיט מעבעל, װעלכע מען האָט גענומען האַלב פאַר מזומן, האַלב אױסצוצאָהלען, ריכטיג „עפּאָקע־מעבעל" בעטען, טישען בענק, טוהלען, בעשלאָגען מיט האַלבע זיידענס, איז אַרױסגעקומען אױף דער פאַרם, װעלכע מען האָט אַריינגעשטעלט אין די נייע אױסגעפּוצטע זומער־שטיבלעך. און די אַלע „קװין אַנעס". „טשיפענדעיל" און „רענעסאַנס" שטיקער האָבען זיך באַלד אָנגעהױבען צו שיילען פון דער היץ פֿון קליינעם אױװענדעל, װאָס האָט געברענט אין די זומער־שטיבלעך.

עס איז נאָך װינטער געװען, װען די נייע בעל־הבית׳טע איז אַרױסגעקומען װאױנען אין דער פאַרם. די ערשטע פאַר װאָכען איז זי געװען פֿאַרנומען מיט אױסריכטען זיך איהר „פּאַלאַץ". אױסגעשפּרייט פערשידענע אױסגעהאַפטענע סער־װעטקעס און טישטעכלעך אױף די טישען; אָנגעהאָנגען פאַר־הענגלעך אױף די פענסטער. בעפוצט די שפּיגלען מיט פּאַ־פּירענע בלומען, און אָנשטאָט די אמת׳ע, האַלב־געפרױרענע בלומען־טעפּ, װאָס האָבען געװאַרט צוזאַמען מיט דער גאַנצער נאַטור אױפ׳ן פריהלינג, װעלכע ראָוז האָט געפונען אין איה־

רע שטובען און אַרויסגעוואָרפען), האָט זי אַוועקגעשטעלט אין איהר סאַלאָן די צוויי פאַפירענע „פאַלמעס" וואָס דער מעבעל־סוחר האָט איהר צוגעגעבען, אַ חתונה־מתנה, צו די מעבעל... די פאַפירענע פאַלמעס זענען גרין געווען — ווען די גאַנצע נאַטור אַרום, די בוימער, די פעלדער דער וואַלד — אַלץ, אַלץ איז נאָך געפרוירען געווען און בעשאָטען מיט שניי... ווינטער איז עס געווען. אויף דער פאַרם איז געווען ווענינ־וואָס צו טהון — איז דאָס יונגע פאָר פאָלק געלעגען אין בעט ביז נאָך האַלבען טאָג. חנה האָט געמורמעלט, נאָר ברוך מרדכי האָט פערענטפערט: אַ יונג פאָר־פאָלק, נאָך דער חתונה – זאָלען זיי לעבען אַ „גוטען טאָג", און ברענגט — ווי זיין געוואוינהייט איז — אַ ראיה פון דער תורה: אַ יונגערמאַן, דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה, גייט נישט אין מלחמה אַריין... און ברוך מרדכי האָט אין פיל זאַכען אַרויסגעהאָלפען דעם יונגען „בעל־הבית". אַ פערד איז געווען אין שטאַל, אַ גוטער שליט־וועגס אויך, האָט אַראָנטשיק איינ־געשפאַנט דעם „בן־יקיר" אין שליטען, און איז זיך דורכגע־פאָהרען נאָך „זילבערטאָן", אַ צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך, אַ „קינאָ"; פאַרפאָהרען אין אַ ווייטערע שטאָדט, וואו עס איז געווען עפטער אַ „קינאָ". חנה האָט געמורמעלט און געקרומט זיך: וואָס „ראַמפעלט" מען אַזוי פיל אַרום? — און אַז מען איז שוין נאָך דער חתונה – מוז מען שוין אַזוי פיל אַרומ־ראַמפלען? אָבער ברוך מרדכי האָט געהאַלטען אין איין פאַר־ענטפערען זיי, און געבראַכט אַלס עדות יענע שטעל פון דער תורה, מיט וועלכער ער האָט חנה'ן דאָס מויל פאַרמאַכט.

צייט אַראָנטשיק האָט אַזוי אומגעריכט חתונה געהאַט און צייט ראוז איז אין שטוב אַריינגעקומען און צולעגט איהר סאַלאָן איבער דעם גאַנצען הויז, און פאַר דער אַלטער נאָר איבערגעלאָזט אַ שטיבעל מיט דער קיך, איז אַראָנטשיק גע־וואָרען מעהר בעל־הבית אין שטוב, ווי ברוך מרדכי. ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט. פריהער, אַז מען האָט עפעס געדאַרפט אין שטוב האָט מען געוואוסט איין וואָרט: „אַראָנטשיק"!

אַראָנטשיק״! אַז מען האָט בעדאַרפט האָלץ אָנהאַקען, אָדער וואַסער אָנפּלומפּען פון קלײנעם פּלומפּ און אַרײנלאָזען אין דער רעהר — אין דער קיך אַרײן, האָט מען גערופען אַראָנטשיק'ן. נאָר צײט אַראָנטשיק האָט חתונה געהאַט, צײט עס האָט איהם אָנגעהויבען אײנצעלנע האָר צו שפּראָצען אויף דער געמבע, האָט מען עפּעס אויסגעמיטען צו רופען אַראָנטשיק'ן, אַז ער זאָל טהון די אַרבײט. מײסטענס איז דאָס געשעהן, ווען ראוז איז געווען דערבײ. און אַז די מוטער האָט צום ערשטען מאָל נאָך גערופען אַראָנטשיק'ן, אַז ער זאָל צוהאַקען האָלץ — האָט זיך ראוז פאַר אים אָנגערופען:

— וואָס, עס איז נישטאָ קײן אַנדערער צו האַקען האָלץ? נאָר אַראָנטשיק? אַז עס איז נישטאָ — דינגט מען אימיצען.

איז געגאַנגען ברוך מרדכי און גענומען די האַק, און פאַר שלום-בית וועגען אַלײן צוהאַקט האָלץ פאַר'ן גאַנצען הויז.

אָבער אַראָנטשיק האָט זיך דערנאָך אַרויסגע'גנב'עט פון שטוב, אַז ראוז זאָל נישט זעהן, אַרויסגענומען בײם טאַטען די האַק פון דער האַנד, און צוהאַקט דאָס האָלץ אַלײן.

אָבער פון דעמאָלס אָן מײדט מען אויס צו רופען אַראָנטשיק'ן, אַז ער זאָל טהון שטוב-אַרבײט.

דער ווינטער איז באַלד אַוועק. און דאַן איז ראוז, נאָך אײדער דער ווינטער איז געווען אין גאַנצען פערבײ — געפאָהרען אין שטאָדט אַרײן אויף אַ צווײ וואָכען, אויף אַ וויזיט — און די ווײבער האָבען ווײניגער געלעגענהײט געהאַט זיך צו „רײבען״. טאַטע און זוהן האָבען קײנמאָל זיך נישט געקריגט. ברוך מרדכי האָט דעם זוהן מעהר געשאַנעוועט ווי פריהער. דערנאָך איז געקומען דער פריהלינג. אַרבײט איז געווען אַ סך. אין פריהלינג האָבען פאַרמערס נישט קײן צײט זיך צו חשבונ'ען אײנער מיט'ן אַנדערען אין קלײניגקײטען. די אַרבײט האָט אַלעמען פערנומען. חנה איז געווען פאַריאָגט מיט די היהנער, און ראוז'ן האָט מען סײ ווי סײ שוין געמוזט שאַנעווען... אַראָנטשיק האָט זיך דעם פריהלינג

גענומען מיט מעהר ענערגיע און ברען צו דער אַרבייט. מיט פרייד האָט ברוך מרדכי צוגעזעהן ווי די קאַרטאָפּעל גייען אויף. „אַ גוט יאָר וועט זיין, גאָט זאָל נאָר געבען רעגען אין צייט”. אַראָנטשיק איז געפאָהרען נאָך זילבערטאן און געבראַכט פון דאָרט „הענט” און אַכטונג געגעבען, אַז זיי זאָלען טהון די אַרבייט. גאָט האָט געהאָלפען און עס איז געווען אַ גוט יאָהר אויף קאַרטאָפּלעס. אַראָנטשיק האָט זיך נישט געשוינט. דאָס יאָהר האָט מען איהם שוין נישט בעדאַרפט וועקען אין דער פרי. ער האָט זיך שוין אַליין אויפגעכאַפּט און איז דער ערשטער געווען אין פעלד — מיט'ן „קולטיוועטאָר”. מיט פערגעניגען האָט ברוך מרדכי בעמערקט ווי דער זוהן גיט זיך וועניגער אָפּ מיט'ן „בן יקיר” און טראַכט מעהר וועגען תכלית, אַז אַלצדינג זאָל זיין אין דער צייט: דאָס היי געשניטען אין דער צייט, געטריקענט און געזאַמעלט אין דער צייט, — צו די קאַרטאָפּלעס. קאָרן און אַנדערע תבואות אָפּגעגעבען זיך מיט'ן גאַנצען ברען. און געזאָגט האָט ברוך מרדכי צו חנה'ן: חנה, מיין ווייב, דו זאָלסט וויסען: קיין זאַך לערנט נישט אַזוי אויס, ווי אַן אייגען ווייב, — און געוויזען מיט אַ מאַך מיט'ן קאָפּעל אויף דער צוגעמאַכטער טיהר פון די אַנדערע שטובען, וואו דאָס יונגע פאָר-פאָלק האָט זיך געפונען.

אַז די קאַרטאָפּלעס זיינען שוין אויפגעגאַנגען, האָט דאָס יונגע ווייבעל פון הויז, ראוז, אנגעהויבען צו ריידען מיט'ן מאַן, אַז זי וואָלט אייגנטליך געוואָלט וויסען ווער ער איז אין שטוב — אַ שותף, אַן אייגנטימער, צי אַן אָנגעשטעלטער

— וואָס הייסט ווער איך בין? — איך בין אַ זוהן — האָט אַראָנטשיק ערשטוינט אָפּגעענטפערט.

— וואָס איז אַ זוהן? אַזוהן איז גאָר נישט. עס זענען נאָך דאָ אַנדערע קינדער. וואָס ביזטו? פאַר וועמען אַרבייטסטו? — פאַר דיר צי פאַר יענעם?

ביז אַיצט האָט זיך אַראָנטשיק קיין רעכנונג נישט אָפּגעגעבען דערפון. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ זוהן, און

די פארם איז „זייערע". אלע ארבעטען. איז א גוט יאהר — קלערט מען צום ערשטען אפצאהלען א היפאטעק, אדער צו־צוקויפען נאך א פאר אקער, פארגרעסערט מען דעם אינווענ־טאר, קויפט מען נאך א קוה, פיהרט מען איין א נייע מאשין, קלערט מען וועגען א „טראקטאר", אז מען זאל נישט דארפען אליין ארויסשלעפען פון זיך די קישקעס. איז נישטא — לעבט מען אויך דורך. אבער וואס הייסט „מיין" און וואס הייסט „דיין" — עס איז אונזערס.

— אין אמעריקא איז נישטא קיין „אונזערס" — אדער עס איז מיין, אדער עס איז דיין — עס איז נישט ווי אין דער „אלטער היים". —— האט די ווייבעל געזאגט.

און כאטש קיינער האט זיך נישט צוגעהערט צום גע־שפרעך, וואס דאס יונגע פארפאלק האט געפירט צווישען זיך אין זייערע „סאלאנען", (ווי חנה האט גערופען דעם יונגען פאר־פאלק'ס שטובען) און דער זוהן האט קיין אייןווארט דערפון נישט דערמאנט דעם טאטען, דאך האט ברוך מרדכי עס דערשמעקט. אזעלכע זאכען „דערשמעקט" מען שוין, — זאגט ברוך מרדכי. — און איינמאל, ארויסגעהענדיג מיט'ן זוהן א שבת נאכמיטאג אין „פעלד" ארויס בעזעהן די קארטאפלעס (שבת האט מען ביי ברוך מרדכי'ן נישט געארבייט — אזוי האט ער איינגעפיהרט און אזוי פיהרט מען זיך. שבת איז ער נאר ארויסגעגאנגען באקוקען די פעלדער) און געזעהען ווי די פעלדער געהען שיין אויף, זיי בלומען שוין, אהן עין הרע — רופט ער זיך אפ צום זוהן:

— הער נאר, מיין זוהן, איך האב געמיינט, אז ביי מיר וועט אנדערש זיין ווי ביי אנדערע. איך האב געמיינט, כל זיין ווי איך לעב, וועט עס זיין אינאיינעם. מיר אלע ארביי־טען, מיר אלע עסען דערפון ברויט, נאך הונדערט און צוואנ־ציג יאהר וועט דאס אלץ באלאנגען צו דיר. דו האסט מיט מיר דורכגעמאכט די שווערע יאהרען, דו האסט עס געהאלפען מיט גאט'ס הילף, אויסוואקסען — באלאנגט עס צו דיר, כאטש

די מיידלאך האָבען זייער טייל דארין, אַז נישט זיי — וואָלטען מיר דאָך אונטערגעגאַנגען. דו דערמאָנסט זיך דאָך די ערשטע יאָהרען — אין וועלדעל, האַ? — ווען זיי אויסצאָהלען זייער חלק, און די נחלה — אַזוי ווי גאָט האָט געגעבען — וועט איבערגעהן צו דיר. איך זעה דאָך אָבער, אַז די ביזט אונגעדולדיג. איך פערשטעה עס גאַנץ גוט. אַ יונג ווייבעל — אַז דו ווערסט, מיט גאָט'ס הילף, אַליין באַלד ווערען אַ טאַטע — וויל זי וויסען: וואָס עס איז איהר'ס. עס איז נישט מעהר ווי רעכט, דער סדר עולם איז אַזוי — אין דער תורה שטעהט אויך אַזוי: על כן יעזוב... אַלזאָ, וויל איך דיר זאָגען, מיין זוהן, אַזוי:

לאָמיר דורכגעהן דאָס פעלד און אָפּמעסטען עס. די זעקס בייע אַקער, וואָס מיר האָבען צוגעקראָגען — נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך בעזעצט אויף דער פאַרם — זייגען דיינע. עס איז דיין אַרבייט, און מיט דיין הילף האָב איך עס געקויפט. די אַלטע פאַרם אָבער וועט באַלאַנגען — אַזוי ווי זי איז געווען ביז איצט — צו מיר. נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועסטו האָבען דיין חלק אין איהר, פונקט אַזוי ווי די אַנדערע קינדער. דאָס גאַנצע פעלד אָבער וועלען מיר בעאַרבייטען, ווי ביז יעצט, ביידע צוזאַמען, און אַלץ וואָס וועט אַריינקומען דערפון — וואָס גאָט וועט געבען — וועלען מיר זיך טיילען — העלפט און העלפט — ביזטו צופרידען, מיין זוהן?

אַראָנטשיק האָט צוערשט גאָרנישט געענטפערט. זיינע אויגען זענען רויט געוואָרען, פונקט אַזוי ווי דענסמאָל, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל זיך בעגעגנט מיט ראוז'ן. ער האָט זיך געצופּט די ערשטע הערעלעך פון זיינע וואָנצעס, און געברומט ווי פאַר זיך:

— איך ווייס נישט, איך וויל גאָר נישט, איך בין צופרידען אַזוי ווי ס'איז געווען ביז איצט.

— איז אָבער דיין ווייבעל אויך צופרידען? — איך גלויב נישט מיין זוהן. עס איז בעסער אַזוי, פאַר שלום בית

וועגען — נאָר זאָג נישט דער מאַמען. וואָס דאַרף אַ יודענע פון אַלצדינג וויסען?

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז עס האָט זיך צייט געמאַכט, האָט אַראָנטשיק איינגעשפּאַנט דעם „בן־יקיר” צום וואָגען, און טאַטע און זוהן זיינען געפאָהרען נאָך זילבערטאַן צום נאָטאַריוס.

7.

אַראָנטשיק ווערט אַ טאַטע און ראָוז בענקט

עס איז געקומען הערבסט. האַלב קאַרטאָפלעס האָט מען פערקויפט, און די איבעריגע האָט מען בעהאַלטען אויף שפּעטער, ווען מען וועט קענען נעמען אַ בעסערען פּרייז. ראָוז איז שוין דאַן געווען אין די הויכע חדשים און זי האָט זיך געקליבען אין דער גרויסער שטאָדט „צו געווינען“.

אַראָנטשיק האָט גענומען פון טאַטען זיין חלק געלד, אויך אויסגעבאָרגט אויף דעם טייל קאַרטאָפלעס, וואָס מען האָט געהאַלטען אויף שפּעטער, און איז מיט ראָוזן געפאָהרען נאָך ניו יאָרק.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ראָוז האָט נאָך צייט... און זי האָט אויסגעפיהלט די צייט מיט דעם, וואָס זי האָט אַראָנטשיק'ן גענומען אין יודישען טעאַטער, געפיהרט איהם אין אָוענד אין רעסטאָראַנען, געמאַכט מיט איהם וויזיטען צו איהרע אַלטע חבר'טאָרינס און בעקאַנטע און געוויזען אַראָנטשיק'ן, ווי מען לעבט אין דער „גרויסער שטאָדט“, נישט מיט קיה און פערד, ווי אויף דער פאַרם.

וועגען צוקויפען די פּאָר אַקער גוטען קאַרטאָפעל-גרונד פון שכן דזשאָנסאָן, אויף וועלכע ברוך-מרדכי האָט געהאַט אַן אויג שוין פון לאַנגע יאָהרען, איז איצט נישט געווען מעהר וואָס צו רעדען, כאָטש עס איז געווען אַ גרויסער שאָד, ווייל

די פּאָר אַקער גרונד זיינען געווען זעהר גוטע, שוואַרץ-ערדיגע און זיי גיבען מעהר קאַרטאָפעל אַרויס ווי אַ האַלבע פּאַרם. אָבער ראָוז׳ס קינד האָבען, און אויך די צייט וואָס זי האָט פּער-בראַכט אין ניו יאָרק, האָט אויפגעגעסען נישט נאָר אַראָנ-טשיק׳ס טייל פּערדינסט פון היי-יאָריגען „שניט“, נאָר האָט נאָך פּערצעהרט דעם פּאָטער׳ס א גוטען טייל.

דערפּאַר איז צוגעקומען אַ נייער מיטגליד אין דער משפחה — א יונג, וואָס האָט שיער נישט דער׳הרג׳עט די מוטער, קומענדיג אויף דער וועלט. דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך ראָוז געפּייניגט אין דעם געבורט-אַנשטאַלט. זי איז געלעגען אין אַנגסטען און פּיין, דאָס קינד איז געווען צו גרויס פּאַר איהר שוואַכען, שמאָלינקען קערפּער. עס האָט שיער געהאַלטען דערביי: אָדער דאָס קינד חלילה טויטען, אָדער די מוטער...

אַראָנטשיק האָט יעצט איבערגעלעבט דאָס, וואָס קיינ-מאָל נישט פריהער. צו געבורטען איז ער אייגענטליך געווען צוגעוויינט פון דער פּאַרם... קיין ניי-געבוירען קומט נישט אָן גרינג. נישט ווילענדיג איז איהם געקומען אויפ׳ן זינען דער מאָמענט, ווען ער האָט געהאָלפען אַרויסציהען דאָס קאַלב, להבדיל, פון דער „רויטער מלכה“, דער צער און פּיין, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין שטאַל... אָדער ווען דער „בן-יקיר“ איז געקומען אויף דער וועלט, ווי דאָס פּערד איז געווען איינגעאַנצען פּייכט און האָט געקרעכצט, להבדיל, ווי אַ מענש... און איצט זעהט ער, אַז אַ מענש איז אויך אזוי, נאָר דער צער און דאָס רחמנות איז פיעל ווייטאָגדיקער און מעהר אייגענער, ווייל עס איז אייגען בלוט און פלייש... —

נאָר גאָט האָט געהאָלפען, און עס איז דורכגעגאַנגען בשלום. א גרויסער דאָקטאָר האָט צוגעהאָלפען. ער האָט גע-נומען דערפּאַר אַ שטיק גאָלד — צוויי אַקער קאַרטאָפעל-לאַנד געקענט קויפען פּאַר דעם געלד, אָדער נאָך אַ קוה אַריינ-שטעלען אין שטאַל אַריין... נאָר גאָט צו דאַנקען, וואָס עס איז נאָר אויסגעגאַנגען צו געלד.

דערנאָך, אַז ער האָט דערזעהן ראָוז'ן אין בעט, אַן אָבגעמאַטערטע, אַ בלייכע און אויך, להבדיל, ווי די קוה, אַ פייכטע, און האָט געהאַלטען ביי זיך „דאָס" אין אַ קישען, איז ער צוגעקראָכען „אויף אַלע פיער", געשטעלט זיך ביים בעט און געזאָגט מיט שרעק:

— ראָוז, דו ליידסט?

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר זי האָט זאַכט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַהין און אַהער — אויף נישט. און איהרע אויגען האָט ער דערזעהן טרערען, און זי האָט געוויזען שטילערהייט אויף דעם קינד, וואָס איז געלעגען נעבען איהר.

ער האָט מורא געהאַט צוצורירען זיך דערצו — אודאי. ער איז נור געשטאַנען און געקוקט אויף דעם, אויף די איינציגע שוואַרצע האָר, וואָס האָבען זיך געקלעפּט אָן פייכטען שטערענדעל און שוין אָנגעהויבען זיך צו קריידלען... אַראָנטשיק'ס אויערען האָבען געגליהט, אין זיין האַרץ איז געקומען אַ וואַרימקייט, וואָס האָט אָנגעגאָסען זיין גאַנצען קערפּער.

דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען פון ראָוז'ס צימער, אַרומגעדרעהט זיך איבער די גאַסען, און געפיהלט ביי זיך, אַז ער איז „רייכער" געוואָרען. און נישט ווילענדיג האָט ער אין זיין געדאַנק געמאַכט אַ חשבון, וואָס ער פאַרמאָגט.

ראָוז מיט דעם קינד זיינען זיינס. די זעקס אַקער-באָדען, וואָס דער טאַטע האָט אים פערשריבען, זיינען שוין זיינע. דער „בן-יקיר" איז אודאי זיינער. דאָס „קאַלב" און דאָס יונגע עקסעל...

עס איז געווען נאַכט, אַ טיפע הערבסט-נאַכט, אַ פייכטקייט איז געשטאַנען אין דער לופט און אַ נעפּעל איז געלעגען אויף דער גאַס. אַראָנטשיק האָט אָבער געזעהן זיינע אייגענע זעקס אַקער דאָרטען אין דרויסען... אויפגעאַקערטע, נאַקעטע ליגען זיי. אַ פייכטע ראָסע ליגט איבער זיי און זאַפּטיגט אָן די ערד און מאַכט גרייט אויפצונעהמען די קאַרטאָפלעס אין בויך פון דער ערד...

נאָכדעם ווי ראָוז איז ארויס מיט'ן קליינעם איזאַק (וועלכע ברוך-מרדכי האָט געייִדישט נאָך אַ גרויסען רב פון דער אַלטער-היים) פון דעם געבורטס-אַנשטאַלט, האָט זיך אַראָנטשיק געקליבען אהיימצופאָהרען. די פינגער האָבען איהם געברענט צו נעהמען זיך צו דער אַרבייט. צוצוגרייטען די פעלדער אויפ'ן פריהלינג, איבערצוקוקען די „מאַשינען". ראָוז האָט געזאָגט, אַז עס פאַלט איהר גאָר נישט איין מיט אַ קליינער „בייבי" אַרויסצופאָהרען אין אַ פאַרהאַקטער פאַרם, וואו מען קריגט נישט קיין דאָקטאָר ווען מען דאַרף. אַראָנטשיק האָט געטראַכט: זי, ראָוז, איז אַ שטאָדטיש מיידעל און ווייס בעסער ווי אומצוגיין מיט אַזעלכע זאַכען. און כאָטש עס האָט געקאָסט א שלל מיט געלד צו האַלטען ראָוז'ן מיט דעם קינד אין שטאָדט, און געלד איז געוואָרען וואָס אַ מאָל ווינציגער, און כאָטש ראָוז'ס געלעגען-ווערען האָט אויפגעגעסען דאָס גאַנצע איינקומען, וואָס די קאַרטאָפלעס האָבען דאָס יאָהר געבראַכט, אי זיין טייל און אי דעם טאַטען'ס, האָט אַראָנטשיק דאָך אַרויסגעקריגען געלד פון פאָטער און געהאַלטען ראָוז'ן אין שטאָדט.

די ערשטע זאַך, וואָס אַראָנטשיק האָט געטהון, ווען ער איז אַ היים געקומען, איז געווען דאָס, וואָס ער איז אַריין אין שטאַל און האָט אָבגעצוימט מיט לייטערס זיינע אייגענע בהמות, כאָטש אַלע בהמות האָבען געגעסען פון אַ בשותפות'דיגער קאָרעטע און בשותפות'דיגע היי און האָבער: „לאָמיר וויסען וועלכע עס זענען דעם טאַטענ'ס און וועלכע מיינע". דעם „בן-יקיר", וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר זיינעם, דאָס יונגע עקסעל און די שוין איבער צוויי-יעהריגע קאַלב, וואָס ער האָט געהאָלפען, פונקט ווי דעם „בן-יקיר", אַרויסציהען פון דער מאַמע'ס בויך און אויפגעצויגען, דאָס אַלעס — זיינע בהמות, פון דעם „קאַלב" איז שוין צייט צו מאַכען אַ קי׳ה, האָט זיך אַראָנטשיק געטראַכט, שוין באַלד צוויי און אַ האַלב יאָהר אַלט. די בייבי וועט קומען, וועט זיין א פרישער ס[illegible]גט. און איין פריה-מאָרגען האָט ער אַרויסגעפיהרט דאָס קאַלב

פון שטאַל, אַרויסגעפיהרט אַ קילאָמעטער דריי צו אַ פּאַרמער, וואָס האָט אַ גוטען ביק, פון א גוטער ראַסע, בעצאָהלט און צוגעלאָזט דעם ביק צו דער יונגער קוה...

אַראָנטשיק האָט זעהר געבענקט נאָך ראָווז'ן און נאָך דעם קינד. ער האָט נישט געקענט זיין מעהר אַליין. דאָ האָט ער געאַרבייט, אָבער זיין קאָפּ איז איהם געווען אין שטאָדט, ביי ראָווז'ן און ביי דעם קינד. בייטאָג נאָך ווי ביי-טאָג, געווען פערנומען מיט דער אַרבייט, אָבער עס איז גע-קומען אין די אָווענדען, האָט ער אין שטוב נישט געקענט איינזיצען, זיך אַרומגעדרייט אין די פעלדער, אויסגעגאַנגען אַ פּאָר קילאָמעטער אַנטקעגען דעם פּאָסט-וועגעלע, אפשר קומט אָן אַ בריעף פון ראָווז'ן.

טאַטע-מאַמע האָבען עס צוגעזעהן, און די מאַמע האָט געקרעכצט און אָנגעוויזען צום מאַן אויף אַראָנשטיק'ן, קניי-פּענדיג זיך די באקען:

— דער יונג בלאָנקעט זיך דאָך אַרום ווי אַ יתום, עס איז דאָך א רחמנות צוצוקוקען, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— וואָס ווילסטו? דער דרך-עולם איז אַזוי. נעם צו פון אַ טויב די „זי", בענקט דער „ער" אויך... — האָט ברוך מרדכי אויסגעטייטש אויף זיין דרך.

אַ פּאָר מאָל איז אַראָנטשיק געפאָהרען אין שטאָדט אַריין צו ראָווז'ן. ער האָט זיך דאָס אָבער אָפט נישט געקענט פּאַר-גינען. אַ חוץ וואָס ראָווז'ס זיצען אין שטאָדט האָט פערלאנגט פיל געלד, האָט זיין פאָהרען יעדעס מאָל אויך אָבגעקאָסט עטליכע דאָלער. ראָווז האָט ליעב געהאַט צו זעהן א פּאָר-שטעלונג, און קיין געלד איז נישט געווען. דער טאַטע האָט שוין אויך נישט געהאַט — סיידען נאָר צו פערקויפען אַ קוה אָדער אַ פערד פון שטאַל אַרויס.

אויפ'ן פריהלינג, אַז עס געוואָרען ווארימער, ווען מען האָט שוין בעדאַרפט זיין גאַנצע טעג אויף דער פאַרם, האָט ער קוים גע'פועל'ט ביי ראָווז'ן זי זאָל קומען צוריק אַהיים.

עס איז געווען יום-טוב ביי אַראָנטשיק'ן, ווען ער האָט

איינגעשפּאַנט זיין אייגענעם „בן-יקיר“, מיט אַן אונטערגעבונדענעם עק (דער אויטאָמאָביל איז נאָך אַלץ געווען „קראַנק“, און ברוך-מרדכי האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין מייסטרעווען אין זיינע „בעבע-כעס“) צום וואָגען, און געפאָהרען נאָך זילבערטאָן, צו דער סטאַנ-ציע, אָבנעהמען ראָוז׳ן מיט׳ן קינד. אַראָנטשיק איז שוין געווען אַ מאַן, אַראָנטשיק איז שוין געווען אַ פאָטער, געגאָלט דאָס אונ-טערגעוואַקסענע בערדעל און זיך געלאָזט וואַקסען וואָנצעס...

און ווידער איז געקומען אַ זומער פון הייסער, שווע-רער אויפפּאַסענדער ארבייט. אַראָנטשיק האָט זיך דאָס מאָל גענומען צו דער אַרבייט, ווי קיינמאָל גאָרנישט. מיט אַ גוט-מוטיגען שמייכעל האָט ברוך-מרדכי געזעהן ווי אַראָנטשיק בעאַרבייט זיין שטיק פעלד בעסער, פלייסיגער ווי דעם אי-בעריגען גרונט, כאָטש די פּראָדוקטען פון דער גאַנצער פאַרם זיינען געווען אויף שותפות. „דאָך אייגענס“, האָט זיך ברוך-מרדכי געטראַכט, און אַז אַראָנטשיק איז געקומען אין שטאַל אַריין, האָט ער, קודם כל געגעבען אַ קוק צו זיינע אייגענע בהמות צוגעשאָטען דעם רעשט פון עמער זיינע איי-גענע בהמות. „אייגען בלוט רוהט נישט“, האָט ברוך-מרדכי געשאָקעלט גוטמוטיג מיט׳ן קאָפּ.

ראָוז איז אָבגעהיט געוואָרען נישט נור פון איהר מאַן, נאָר פון אַלעמען, אַז זי זאָל קיין איבעריגען שריט נישט טהון. - זי האָט גענוג דאָס קינד, איז געשלאָפען דערמיט ביז נאָכ׳ן האַלבען טאָג, און אַז זי איז אויפגעשטאַנען, האָבען זי אַלע בעדינט. חנה האָט אָנגעגרייט פאַר איהר דאָס עסען, געוואַשען פאַר איהר דאָס געפעס, און אפילו די וועש פאַר׳ן קינד און ראָוז האָט עס גענומען אלס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך.

נאָך אין מיטען זומער, ווען די אַרבייט האָט געברענט אונטער די הענד, האָט זיך ראָוז געקלאָגט אויף לאַנגוויי-ליקייט, זי האָט זיך דאָס אַלץ גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט, האָט זי געזאָגט, אז נישט וואָלט זי קיינמאָל נישט געווען חתונה געהאַט. נאָר וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט קיינער נישט געוואוסט.

אַראָנטשיק האָט זי אויף יעדען שבת געפיהרט אין דעם שכנה׳דיגען „פלעזשור אין״, וואָס איז געווען דאָס יאָהר די אַטראַקציע פון סעזאָן, נישט ווי דער „פאָנטאַן״ דאָס פאָריגע יאָהר. דאָס איז צוליעב אַ צווייטען „מישע עלמאַן״, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם שכנ׳ס הויז. א יונג אין מאַרינישע מייטקעס, מיט אַ פידעלע אין דער האַנד. כל-זמן ראָוז האָט זיך געפונען אין „פלעזשור אין״ מיט די שטאָדט-מענשען, איז זי געווען גליקליך, און געשיינט און געשמייכעלט, נאָר קוים איז זי אַהיים געקומען, איז זי ווידער טרויעריג געוואָרען, לאַנגווייליג, און האָט נישט געהאַט וואָס צו טהון.

— דאָ ביי אייך אין פארם איז „מאָנעטאָנע״, ווי מען רופט עס אין דער „אַלטער-היים״ — האָט זי געזאגט — אַז איך וואָלט געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי זיין וואָלט איך עס קיינמאָל נישט געוועזן געטהון...

— נו וואָס דען האָסטו געמיינט, מיין קינד, וועט זיין? — האָט זי חנה געפרעגט — וואָס, פייגעלעך וועלען דיר פון הימעל פליהען גלייך אין מויל אַריין? בעלער וועט מען דיר מאַכען דאָ יעדען אָווענד און „פאַנעס״ און „כראַביעס״ וועלען קומען צו גאַסט צו דיר? — האָט זיך חנה דערמאָנט אַ נאָמען פון דער אַלטער היים.

— איך האָב געמיינט, אַז עס וועט גאַנץ אַנדערש זיין, — האָט זי געזאָגט, האַלטענדיג אויף דער האַנד דאָס שיינע קינד אין דעם אויסגעהאָפטענעם ווייסען מענטעלע, און זי איז געווען אָנגעטהון אין דעם שיינעם שלאָפראָק, מיט די טראָלדען, וואָס זי האָט זיך געמאַכט צו דער חתונה, מיט דעם זיידענעם הייבעל אויפ׳ן קאָפּ, וואָס אין אַראָנטשיק׳ס אויגען האָט עס אויסגעזעהן אַזוי חנ׳עוודיג, אַז עס איז געווען אויסצוגעהן. און זי זיצט אַזוי, מיט אַזאַ בענקשאַפט אין די אויגען, אַז דאָס האַרץ צוגייט דיר, און זאָגט זיך אַזוי:

— איך האָב געמיינט, אַז עס וועט גאַנץ אַנדערש זיין, גאַנץ אַנדערש.

און אַראָנטשיק שטייט, די הענד פאַרלעגט, און ווייסט נישט וואָס צו טהון.

נאָר כל-זמן די געסט זיינען געוועזן אין „פלעזשור אין״, און אַראָנטשיק האָט זי געפיהרט יעדע וואָך צום טאַנץ, איז נאָר געוועזן צו דערליידען. נאָר באַלד ווענען זיך די געסט פון „פלעזשור אין״ צופאָהרען, די בלעטער אויף די בוימער זיינען גאָלד-רויט געוואָרען, און קיהלע זאַפטיגע ווינטען בלאָזען אין דעם זונענשיין, ראָוז זיצט און קוקט ערגעצוואו מיט איהרע פאַרבענקטע אויגען:

— איך האָב געמיינט, אַז עס וועט גאַנץ אַנדערש זיין, גאַנץ אַנדערש...

8.

פּאַפּירענע פערדלעך, פּאַפּירענע קיהעלעך

— וואָס האָסטו טאַקע געמיינט, אַז איך וועל פערברייננגען מיין גאַנץ לעבען אויף דער פאַרם? ניין, איך בין צו יונג דערצו, — האָט ראָזי געזאָגט צו אַראָנטשיק׳ן, ווען די ערשטע גאָלדענע, רויטגע׳שוחט׳ענע בלעטער האָבען אָנגעהויבען צו פאַלען פון די בוימער.

אַראָנטשיק איז געבליבען שטעהן. זיין פויערשער קאָפּ האָט עס נישט געקענט בעגרייפען; ער האָט זיך אָנגערופען:

— ראָזי, דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו וועסט שטעהן מיט אונז אויף דער פאַרם דיין גאַנץ לעבען.

— ניין, אַראָנטשיק, איך וועל נישט פערלירען מיין לעבען מיט פערד און קעלבער, איך קען נישט שטעהן דאָ.

— נאָר וואָס דען?

— נאָך די יום-טובים נעהם איך דאָס קינד און פאָהר צוריק אין שטאָדט.

— מיר קענען עס זיך נישט דערלויבען, אַ שלעכט יאָהר געהאַט — זאָגט אַראָנטשיק אין דער שטיל, מיט שעמעוודיגקייט.

— פערקויף אַ קוה.

— וואָס, פערקויפען אַ קוה? וואָס זאָגסטו? די קוה פערקויפען?

— ווילסט נישט פערקויפען, טאָ קום אין שטאָדט, ועסט געפינען ביי וואָס צו אַרבייטען אין שטאָדט אויך.

— איך ווייס נישט וואָס צו טהון אין שטאָדט, איך וועל ווערען פערלוירען.

— אָ, וועסט שוין געפונען. אַזוי פיעל מענשען געפונען ביי וואָס צו אַרבייטען, וועסטו אויך געפונען.

— נו, ראָוז, איך קען גאָר נישט טהון אין שטאָדט; איך בין אַ פרעמדער. איך ווייס וואָס צו טהון אין פעלד, אָבער איך ווייס נישט, וואָס צו טהון אין שטאָדט.

און עס איז טאַקע געווען וואָהר. דוקא דאָס יאָהר, אויף וועלכען אַראָנטשיק האָט אַזוי פיעל כּוחות אַוועקגעגעבען, האָט אַזוי פיעל האָפענונג געלייגט, — דאָס ערשטע יאָהר פון זיין קינד אין געווען אַ שלעכט יאָהר פאַר קאַרטאָפלעס. געגען דער נאַטור האָט אפילו אַראָנטשיק גאָרנישט געקענט מאַכען. פאַר-אַ-יאָהרען איז געווען אַ גוט קאַרטאָפעל-יאָהר, און דאָס יאָהר איז נישט געווען קיין גוטס. זיי האָבען אַראָפּגענומען פון זייערע ערד-פּרוכטען נאָר אויף אַזוי פיל, וויפיל דעם ווינטער איבערצולעבען, די בהמות אויסצוהאַלטען, קוים נאָר די פּראָצענטען צו בעצאָהלען אויף דער היפּאָטעק, וואָס אויף דער פאַרם, וועגען אָבצאָהלען אַ חוב, אָדער צו קויפען נייע ערד, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

און עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, נישט אַראָנטשיק׳ס געבעט, נישט דער מאַמע׳ס געבייזער, און נישט דעם טאַטען׳ס ביטערער שווייגען. קוים איז נאָר געקומען דאָס ערשטע פרעסטעל, האָט ראָוז זיך געפּאַקט און גענומען דאָט קינד — זי געהט פאָהרען צוריק אין שטאָדט.

— איך קען נישט שטעהן דאָ שטעהן אין דער פאַרם, איך בין אַ לעבעדיגער מענש. איך בעדאַרף האָבען אַ טעאַטער, אַ קינאָ.

און אַז אַראָנטשיק האָט געפּרובט זאָגען: מיר קענען זיך דאָס נישט פערגינען.

— האָב איך אַ זאָרג, איך קען מיר פאַר מיר אַליין

פערדינען. מיין אַלטע שטעלע קען איך שטענדיג צוריק קרי-גען. — דער בעל-בית האָט מיר גענזאָגט.

— און מיט'ן קינד וואָס וועט זיין?

— האָסט געהאַט אַ קינד, מוזטו עס אויסהאַלטען.

עס איז אפילו געשמועסט געוואָרען, אַז אפשר וועט ראָזו איבערלאָזען דאָס קינד אויף דער פאַרם, אָבער אַראָנטשיק האָט נישט געוואָלט הערען דערפון. דאָס קינד מוז זיך גע-פונען וואו די מוטער, עס איז צו יונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר אַראָנטשיק'ן אַ ביטערע צייט. קוים איז ראָזו אָבגעפאָהרען מיט'ן קינד אין שטאָדט אַריין, האָט ער זיך מעהר נישט געקענט קיין אָרט געפינען אויף דער פאַרם. עס האָט איהם מעהר נישט אינטערעסירט די בהמות, אפילו דער „בן יקיר" נישט, אפילו דאָס קאַלב נישט. זיין קוה האָט איצט געטראָגען און מען האָט בעדאַרפט אויף איהר ספּעציעל אַכטונג געבען. ער האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעוואַלגערט איבער די פעלדער, דער קאָפּ איז איהם נישט געשטאַנען צו קיין אַרבייט. ווידער האָט די מאַמע נישט געקענט צוקוקען דעם צער פון איהר זוהן, און די לעצטע שווארצע האָר פון ברוך מרדכי'ס בערדעל זיינען גראָה געוואָרען...

ביז אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, האָט זיך אַראָנטשיק אויפגעכאַפּט, געכאַפּט זיך זיין קעסטעל און געזאָגט צום פאָטער:

— כ'בעט דיך, טאַטע, גיב אַכטונג אויף מיינע בהמות, ספּעציעל אויפ'ן „קאַלב" (זיין קוה האָט זיך נאָך אַלץ גערופען מיט'ן נאָמען „קאַלב"). איך קען נישט העלפען, איך מוז זיין וואו ראָזו מיט'ן קינד זיינען.

אין דער גרויסער שטאָדט, זעהט אויס, האָט ראָזו שוין געוואַרט אויף איהם. אַרבייטען איז זי נישט געגאַנגען. זי האָט געוואָהנט מיט'ן קינד ביי איהר טאַנטע פון דער אַלטער היים אַלס שכנטע, דאָרט האָט אַראָנטשיק נישט געקענט שלאָפען, ווייל עס איז קיין פּלאַץ נישט געווען, און פאַר „עסען" איז די שולדיג געווען אַ חודש, און קיין סענט ביי דער נשמה נישט געהאַט.

— און וואָס האָסטו געטהון מיט׳ן „קינד״ — האָט אַראָנ־טשיק געפרעגט אין שרעק — אָהן א סענט?

— די טאַנטע האָט מיר אויסגעבאָרגט אויף מילך. וואָס זאָל איך טהון, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, וואָס קען מיך נישט אויסהאַלטען אפילו, ווען איך שטיל זיין קינד און קען אַליין נישט ארבייטען — האָט זי געזאָגט און אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען.

אַראָנטשיק׳ן האָבען די ווערטער געשטאָכען ווי מיט שפּילקעס. אַראָנטשיק קען נישט אויסהאַלטען זיין ווייב, אפילו ווען זי שטילט זיין קינד. ניין, אַראָנטשיק איז שוין געווען גרייט אויף אַלעס. גוט, אַרבייטען. אָבער צו וואָס נעהמט מען זיך? עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ראָוז האָט שוין עפּעס אויסגעפונען פאר איהם, און זי האָט טאַקע געוואַרט, אַז ער זאָל נאָר קומען. זי האָט איהם נישט געוואָלט שרייבען. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אַליין קומען צו זיין ראָוז און צו זיין קינד.

די טאַנטע האָט געהאַט אַן איידעם, וואָס האָט צו פער־קויפען אַ „טאַבאַק-געוועלבעל״ אין ברוקלין, אויף אַ גוטען פונקט, אין א ווינקעל נישט ווייט פון אַ באַן-סטאַנציע, וואו פיל מענשען געהען דורך, עס איז אַ גאָלדען געשעפט. יענער וואָלט עס קיינמאָל נישט געווען פערקויפט, דערפאַר, ווייל ער שאַרט געלט. ער פערקויפט עס נאָר דערפאַר, ווייל יענער האָט שוין געמאַכט גענוג געלט, און וויל נישט אַזוי שווער אַרבייטען. אויפהויבען זיך פיער פאַרטאָג. ער וויל בייטען אויף אַ רוהיגער געשעפט, וואו מען בעדאַרף זיך נישט אַזוי פריה אויפהויבען. און טהון טהוט ער עס נאָר דערפאַר, ווייל ראָוז איז זיינס אַ משפחה. די גאַנצע „ביזנעס״ בעדאַרף קאָסטען פופצעהן הונדערט דאָלאַר מיט דער סחורה, אַ העלפט גלייך קרן, און אַ העלפט אויסצוצאָהלען. אַראָנטשיק איז סיי-ווי-סיי געוואוינט זיך אויפצוהויבען פריה אויף דער פאַרם, וועט ער קענען גוט אַכטונג געבען צום ביישפּיל און בייטאָג וועט זי, ראָוז אויך קענען צוהעלפען. וועלען זיי זיין צוזאַמען מיט׳ן

קינד אין שטאָדט, וואו אַלע מענשען וואוינען, נישט צו פערשוואַרצען און פערפינסטערן איהר לעבען צווישען „היהנער און קוה" אין אל די העק.

— איך קען דאָך אָבער נישט די אַרבייט, — זאָגט אַראָנטשיק.

— קלייניגקייט, ווערסט זיך אויסלערנען. יענער וועט שטיין מיט דיר אַ מאָנאַט אָדער מעהר, ביז דו וועסט זיך איינבערעכען.

אַראָנטשיק האָט אַ מינוט געקלערט:

— און פון וואַנען וועלען מיר נעהמען געלד? פון דער פאַרם קען מען דאָך קיין סענט נישט אַרויסנעהמען.

— וואָס בעדאַרפסטו אַ פאַרם, צו אַלדי גוטע יאָהר? וועסט פערקויפען דיין טייל, די זעקס אַקער, וואָס בעלאַנגען צו דיר, דאָס „בן־יקיר", דאָס „קאַלב" און וועסט מאַכען אַלצ־דינג צו געלט.

אַראָנטשיק איז געבליבען שטעהן ווי צומישט.

ער וועט פערקויפען דעם „בן־יקיר", דאָס קאַלב, זיינע זעקס אַקער, וואָס איז זיין אייגענס. מיט וואָס וועט ער בע־אַקערען די ערד? אויף וואָס וועט ער פערזייען זיינע קאַרטאָפעל?

— דו קלערסט דען נאָך צוריקצופאָהרען אויף די פאַרם?

— קיינמאָל שוין נישט זיין אויף דער פאַרם? קיינמאָל שוין נישט בעאַרבייטען די ערד? קיינמאָל שוין נישט דורכ־פיהרען אַנ׳אַקער איבער דעם פעלד?

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי מען רוקט אַוועק דאָס שטיקעלע ערד, אויף וועלכער ער שטעהט, פון אונטער זיינע פיס. דער קאָפּ האָט זיך איהם אָנגעהויבען צו מישען. ער האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך.

— ראַוז, דו ווילסט, אַז איך זאָל פערקויפען מיין פאַרם? — האָט ער אויסגעשריען.

— וואָס טויג דיר אַ פאַרם? אַזוי פיל מענשען לעבען אָהן אַ פאַרם, אין שטאָדט, וועסטו אויך לעבען.

— ניין, ראָוז, איך וועל שטאַרבען אָהן אַ פּאַרם, אָהן דעם „בן־יקיר״, און אָהן דעם „קאַלב״. ניין, איך וועל נישט קענען לעבען.

— איז דיר דאָס „קאַלב״ און דער פערד טייערער פון מיר? — פרעגט ראָוז.

— ראָוז! — שרייט אויס אַראָנטשיק.

— נו, זיי נישט קיין קינד, ווערסט זיך צוגעוואוינען, וועסט זעהן, מיר וועלען געהן אַלע נאַכט אין טעאַטער, צו פריינד, פריינד וועלען קומען צו אונז. מיר וועלען לעבען ווי אַלע מענשען לעבען. איך האָב דאָך שוין נישט געזעהן קיין בעקאַנטע זייט איך האָב חתונה געהאַט.

— און וואָס וועט דער טאַטע זאָגען? — האָט אַראָנטשיק פלוצלינג געפרעגט.

— דער טאַטע? וואָס ביזטו, דעם טאַטענ׳ס „קינד״? האָסט דאָך שוין אַליין אַ קינד, און אַ ווייב אויך!

— ניין, ראָוז, איך וועל עס נישט קענען. ראָוז, קום צוריק אַהיים. קום, ראָוז, אין פאַרם — האָט זיך דער גרויסער, שטאַרקער, אומבעהאָלפענער יונג געבעטען ביי איהר ווי אַ קינד.

— קיינמאָל נישט מעהר אין מיין לעבען. איך האָב שוין גענוג.

און עס האָט נישט געהאָלפען. אַראָנטשיק איז צוריקגעפאָהרען אַהיים, איבערגעלאָזט ראָוז׳ן מיט׳ן קינד אין שטאָדט.

און ווידער האָט זיך אַראָנטשיק „אַרומגעבלאָנקעט״ אַנ־איינזאַמער אין די בלאָטעס פון זיינע פעלדער, און געמור־מעלט עפּעס צו זיך. נישט געגאַנגען אין שטאַל אַריין, נישט געקענט קוקען אין די „אויגען״ אריין דעם „בן־יקיר״ מיט דעם יונגען אָקסעל. האָט ער געלאָזט דעם פאָטער אויפפּאַסען אויף די בהמות. דאַן איז אָנגעקומען אַ קליין בריוועל פון ראָוז׳ן, אין וועלכען עס איז געשטאַנען געשריבען מיט איהר האַנד־שריפט: „אַז דו האָסט ליב דאָס קינד און ראָוז׳ן, טהו עס געשווינד, וואָרים עס איז די לעצטע געלעגענהייט.

דער מאַן מוז פערקויפען אַן אַנדערען". און צום סוף בריוועל איז געשטאַנען צוגעשריבען מיט ראָוז׳ס ווייבערשריפט: „די בייבי וויל זיין צוזאַמען מיט׳ן „פאַ" און ראָוז אויך". און מיט אַ סך געדאַנקען־שטריכען.

פראַנטשיק׳ן האָבען די עטליכע ווערטער אָנגעצונדען: „די בייבי וויל זיין צוזאַמען מיט׳ן „פאַ". זיין קינד און ראָוז אויך...

ער איז אַריין אין שטאַל, געזעהן דעם „בן־יקיר" שטעהן מיט׳ן קאָפּ אַראָבגעבויגען צו זער ערד. און דאָס „קאַלב" אויך.

ער איז אַרויס. ער האָט זיי נישט געקענט קוקען, די בהמות, אין די אויגען אַריין... און ווידער האָט זיך פראַנ־טשיק ארומגעדרעהט איבער די פעלדער, געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע און געהאַלטען אין איין רעדען צו זיך: דאָס קינד וויל זיין מיט „פאַ" צוזאַמען... דאָס קינד, זיין קינד און ראָוז אויך... זיין ראָוז. ביינאַכט האָט ער זיך געוואָרפען אויף זיין געלעגער, אויפגעשטאַנען אין מיטען דער נאַכט און איז אַרויס אין די פעלדער איינער אַליין. זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען פאַר בענקשאַפט.

דעם פאָטער האָט ער אויסגעמיטען. ער האָט זיך גע־שעהמט דעם טאַטען צו קוקען אין די אויגען אריין, פונקט אַזוי ווי דעם „בן־יקיר". און ברוך מרדכי, ווי עס האָט אויס־געוויזען, האָט איהם אויך אויסגעמיטען, אַזוי ווי מען מיידט אויס אַ מענשען, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט שלעכטע גע־דאַנקען... נאָר די מוטער, חנה, האָט געלאָזט פאַלען אַ וואָרט ביים טיש — איינס פון איהרע ווערטלעך.

— אַז מען וויל נעהמען די קוה אין שטאַל אַריין, שלעפּט מען דאָס קאַלב. די קיה געהט שוין נאָך אליין...

האָט זיך ברוך מרדכי אַראָפּגערוקט דאָס קאַפּעל איבערן שטערען, און האָט זיך געגעבען אַ בייזער:

— חנה!

און אַראָנטשיק האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַרויס אויף דער גאַס.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, לבנה און שטערען אַרויס, און אַ פרעסטעל האָט גענומען און געגליטשט זיך איבער די פעלדער. אַרום און אַרום איז שטיל געווען, און פון דערווייטענס האָט פון ערגעץ אַ פענסטער אַרויסגעשיינט אַ ליכט. דאָרט מוז זיין פרעהליך...

האָט ער זיך דערמאָנט, אָן ראָוז'ן אָן דעם קינד. זיי זיצען ערגעץ אין אַ הויז, אין דער גרויסער שטאָדט, און וואַרטען אויף איהם.

און דערפאַר וואָס די מאַמע האָט עס אין גאַנצען אַרויס-געזאָגט, איז ער געגאַנגען עס אויספיהרען.

ער איז צוריק אַריין אין שטוב, און אָנגערופען זיך צו דעם נאָך ביים טיש איבערגעבליבענעם טאַטען:

— טאַטע, איך קען נישט אַנדערש. איך מוז זיין וואו ראָוז איז, וואו מיין קינד איז. איך פאָהר אין שטאָדט.

נאָר ברוך מרדכי האָט זיך גאָרנישט אָפּגערופען, גאָר נישט געענטפערט, און דערפאַר, וואָס ברוך מרדכי האָט גאָר-נישט גערעדט, האָט חנה אויך מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדען.

די עלטערענס שווייגען האָט אַראָנטשיק'ן פון געדולד אַרויסגעבראַכט. האָט ער זיך אָבגערופען:

— און וואָס וועסטו טהון, טאַטע, אָהן מיר? וועסט זיך קענען אָהן מיר אַן'עצה געבען?

— גיב נור אַ קוק מיינע העלפערס! איך קען זיך אָהן דיר אויך אַן עצה געבען! געה, געה, אַז דו ווילסט געהן.

אַראָנטשיק איז געבליבען שטעהן און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— אויב אַזוי, איז גוט. אויב אַזוי איז גוט, — האָט ער געברומט פאַר זיך.

נור ברוך מרדכי'ן האָט שוין פאַרדראָסען, וואָס ער האָט זיך

געבייזערט אויפ'ן זוהן. וואָס איז ער, נעבעך, שולדיג? דער דרך הטבע איז דאָך אַזוי: אַ טאַטע איז דאָרט וואו זיין קינד איז... האָט ער גרויס עגמת נפש געהאַט און גרויס רחמנות געקריגען אויף זיין זוהן.

— און דו מיינסט, אַז דו ביזט שוין פאַרפאַלען, וואָס? די שטאָט איז אויך אַ מקום. אַזוי פיעל מענשען וואוינען אין שטאָדט, וועסטו דאָרטען אויך וואוינען. און, ווידער דאָס בלייבט דאָך דאָ. אויף פריהלינג, אז גאָט וועט געבען, וועסטו אַרויסקומען.

אַלע האָבען געוואוסט, אַז זיי זאָגען נישט דאָס, וואָס זיי מיינען. צום מייסטענס האָט עס געפיהלט ברוך מרדכי אַליין. האָט ער נישט געקענט פערענדיגען דעם זאַץ און אָנגעהויבען צו ברומען עפעס אַ נגון'דל, וואָס ער האָט געהאַט ספעציעל אויף אַזעלכע „אָקאַזיעס" — גענומען און אָנגעטהון זיך דעם פּאַלטאָ און איז אַרויס אויף דער גאַס.

דעם אָווענד איז אַראָנטשיק נישט אריין אין שטאַל צו די בהמות — ער האָט עס איבערגעלאָזט דעם טאַטען, — ער האָט זיי נישט געקענט קוקען אין די אויגען אריין...

פּאַר די נעקסטע פּאָר טעג איז ברוך מרדכי פערשוואונדען, און ווען דער שכן איז געקומען בעקוקען די זעקס אַקער גוטע קאַרטאָפעל-גרונט, איז ברוך מרדכי פונקט געווען אין שטאָדט. אַ נויטיגע זאַך געהאַט צו טהון, אין זילבערטאָן אַן אַסיפה אַלץ וועגען דער שוהל, וואָס מען געהט שטעלען אין זילבערטאָן, און ווי בעקאַנט, איז ברוך מרדכי דער גאַנצער אָנפיהרער...

און אַז אַראָנטשיק האָט געפיהרט דעם „בן-יקיר", מיט דער שוין טראָגענדיגער „קאַלב" און דאָס עקסעל, וואָס ער האָט געהאָלפען „אַרויסשלעפען פון די מוטערס בייכער", — צום שכן דזשאָנסאָן אין שטאַל אַריין, — האָט ער געמורמעלט אונטער דער נאָז — ווי זיי וואָלטען געווען לעבעדיגע מענשען אויסמיידענדיג זייער בליק:

— .קען נישט העלפען — די „בייבי“ וויל זיין צוזאַמען מיט „פאַ“.

דעם פריהלינג האָט אַראָנטשיק שוין נישט אַרויסגעפיהרט אַ לעבעדיג פערד מיט אַ לעבעדיגער קוה פון ווינטערדיגען שטאַל אויפ׳ן פרייען פעלד אַרויס. ער איז געשטאַנען אין אַ פאַפיר-געוועלבעל, ערגעץ אין ברוקלין און פאַ־קויפט צו אַ קינד אַ פערד און אַ קוה, אויסגעשניטען פון פאַפיער...

די זון האָט אַריינגעשיינט דורך די אָפענע טהירען פון געוועלב. דאָס העמד האָט געביסען אויף זיין לייב. אַראָנטשיק׳ן האָט זיך אַלצדינג געדאַכט, אַז ער באַלמוטשעט, און טהוט גאָרנישט. אַז דאָרט שטעהען זיינע אַקער און וואַרטען אויף איהם — און ער שפּעלט זיך מיט פאַפּירענע פערדלעך?

דערפאַר האָט דער אַלטער ברוך מרדכי, וועלכער איז געוואָרען דורך דעם ווינטער נאַך מעהר איינגעבויגען צו דער ערד — געפיהרט זיין ברוינעם „יתרו“ און געאַקערט איבער די פעלדער פון דער אַלטער פאַרם, זיין קאָפּ איז געלעגען איבער דעם אַקער, און אַז ער איז אָנגעקומען צום גרענעץ פון דער אַלטער פאַרם, האָט ער שוין געזעהען זיין שכן דזשאָנסאָן שטעהען אויף די נייע זעקס אַקער, אָנגעלעהנט אויף זיין גרויסען פערד, און קייען טאַבאַק. ברוך מרדכי האָט אויסגעמידען זיין בליק. ברוך מרדכי האָט זיך בעטראַכט פאַר דער „כנסת ישראל“, און שכן דזשאָנסאָנען — פאַר די „אומות העולם“. און די כנסת ישראל האָט זיך געשעהמט צו קוקען די אומות העולם אין די אויגען אריין... שכן דזשאָנסאָן איז אָבער בכיוון איבערגעבליבען וואַרטען מיט זיין אַקער-פערד אויף ברוך מרדכי׳ן:

— אַז די יונגע צופליהען זיך, וואָס איז די פעולה, אַז די אַלטע האַלטען אויף די נעסט, שכן ברוך מרדכי? — האָט דזשאָנסאָן געפרעגט אַ קשיא.

— די נעסט מוזען די אַלטע אויף אַלע אופנים אויפהאַל-

טען, — האָט ברוך מרדכי אָפּגעענטפערט, — אַז די יונגע זאַלען האָבען וואו צוריק צו קומען, ווען עס וועט זיי פּאַר־מיאוס׳ט ווערען די פּאַפּירענע פּערדלעך. — נישט אַזוי, שכן דזשאָנסאָן?

— איך דענק, אַז דו האָסט רעכט, שכן ברוך מרדכי! — האָט דזשאָנסאָן אָפּגעענטפערט נאָך אַ לאַנגען נאָכקלעהרען, אויסגעשפּיגען דעם טאַבאַק פון מויל, און די שכנים האָבען זיך גענומען ווייטער צו אָקערען יעדער זיין טייל...

אויף אַ שיף

געטראָפען האָב איך זי אויף איינער פון די שיפען, וואָס קרייזען דעם ים פון אייראָפּא קיין אמעריקא — צווישען די צווייטע קלאַס פּאַסאַזשירען. אין היינטיגער צייט, ווען קיין עמיגראַנטען זענען נישטאָ — פאָהרען נאָר אויסדערוועהלטע אויף די שיפען, אַמעריקאַנער, אָדער אזעלכע אייראָפּעער, וועלכע האָבען עפּעס ספּעציעלעס צו ברענגען קיין אמעריקא. זעלבסטפאַרשטענדליך, די געזעלשאַפט איז געווען א רעכט אינטערנאציאָנאַלע. עס האָט זיך געפוגען צווישען אונז אַ יונגערמאַן אַ רוסישער עמיגראַנט — אַ וואונדערבארער פּיאַנאָ-שפּיעלער, שיער אַ צווייטער פּאַדערעווסקי, נאָר ער האָט נישט די „פּראָטעקציע" פון אַ פּאַדערעווסקי, האָט ער געזאָגט, — וועלכער האָט געפיהרט קיין אמעריקא זיין קונסט. א שפּאַנישער אָקסען-קעמפּפער, עפּעס א וואונדער פון דער וועלט, וועלכער איז געפאָהרען קיין מעקסיקא קעמפּפען מיט ווילדע אָקסען. א וואונדערליכער אלטער דייטש, וואָס האָט אראָפּגעפיהרט קיין אמעריקא א מאָדעל פון א נייעם טראקטאָר, אַנ'אייגענע ערפינדונג, וואָס וועט פאָרד'ן אין אַ יאָהר צייט ברענגען דערצו, אַז ער זאָל זיין פאבריק שליסען. א יונגער פּאָליאַק, וואָס האָט זיך אויס אומבעקאַנטע סיבות גערופען אין דער אינטערנאַציאָנאַ-

לער געזעלשאַפט, וואו ס'האָט אייגענטליך קיינעם נישט אינ־טערעסירט, וואָס איינער איז געווען אין דער היים — מיט אַ מיליטערישען טיטול „קאַפּיטאַן". נאָר געפאָהרען איז ער נישט צוליב מיליטערישע צוועקען קיין אַמעריקא, נאָר צו אַרבייטען אַלס אינזשיניער אויף אַ פאַבריק. אַ פראַנצויזישער קאָך־מייסטער, אַן אונגאַר, און נאָך צוויי־דריי דייטשע משפחות־עמיגראַנטען, פאַרזאָרגטע, מיט פיל קליינע קינדער, וועלכע האָבען געהאָפּט זיך צו בעזעצען אויף ביליג לאַנד ערגעץ אין דער ווענסט.

מיט דער פּערזענליכקייט פון די אַלע רייזענדע, מיט זייערע בעזונדערע צוועקען, וואָס האָט זיי געבראַכט צו פאָה־רען קיין אַמעריקא, האָבען מיר זיך בעקענט ערשט שפּעטער. און טאַקע אַ דאַנק איהר דער, יונגער אַמעריקאַנער מיידעל, מיסס געטרוד זילבערשטיין, וואָס איז צוריקגעפאָהרען מיט איהר פאָטער פון אַן איראָפּעאישער רייזע. צום ערשטען אָבער איז יעדער פון די פּאַסאַזשירען געזעסען בעזונדער, איינגעהילט ווי אין אַ וואָלקען. אין זיינע אייגענע זאָרגען, ווייט איינער פון דעם אַנדערען, ווי די לענדער פון וואַנען זיי קומען. דערצו האָט אויך געהאָלפען דער פערכמאַרעטער ים און דער בלייערנער הימעל פון אַ טריבען נאָוועמבער־טאָג. מענשען פון דער טריקעניש געפינען זיך אויפ'ן ים ווי הילפלאָזע קינדער, ווען די מוטער־זון איז נישטאָ מיט זיי. די זון, וועלכע איז מיטגעגאַנגען מיט די פּאַסאַזשירען פון דער ערד אויפ'ן ים אַרויף, האָט זיך באַלד פון דעם ערשטען טאָג בעהאַלטען און איז נישט מעהר געווען צו געפונען. מענשען זיינען געזעסען פערלוירענע אין די ווינקעלעך פון דער גרויסער שיף און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז אַמעריקא איז אַן אויסגעטראַכטער חלום, וואָס די פאַנטאַזיע האָט אויס־געפונען צו פאַרנאַרען דעם מענשענ'ס בענקשאַפט נאָך אַ בע־סערע און אַ שעהנערע וועלט. אין אמת'ן אָבער פיהרט זיי די טרויעריגע אונהיימליכע שיף מיט איהר זיס־זויערען גערוך פון פאַרלעגערטע סחורות, וועלכע נודזשעט צו ברעכען, אין אַ גראָהע האָפנונגסלאָזע נאַכט אַריין. ווי גראָה און האָפּ־

גונסלאָז עס זעהט אויס דער אָהן-ענד פון ים, אין ווענענס וואַנד עס עגבערט זיך אַריין די נאָז פון שיף. עס איז פער-לוירען געגאַנגען ביי די פאַסאַזשירען דער צוועק, צוליעב וועלכען זיי האָבען אונטערגענומען די ווייטע און שווערע רייזע. זיי זיינען זיך פאָרגעקומען ווי אָפּגענאַרטע און אויסגעלאַכטע, אַריינגעפיהרט אין דעם אונהיימליכען ים. ווי תמיד אין אַזעל-כע פאַלען, גאַרען מענשען נאָך אַ וואָרט פון טריעסט, נאָך ערמוטיגונג און אויסריידען זיך דאָס האַרץ איינער פאַר׳ן אַנדערען. נאָר די, וועלכע האָבען געקענט ברענגען די טרייסט איינער צום אַנדערען, זיינען געווען פאַרפרעמדט און פאַרפיינדעט. די גרויל-שטימונג, אין וועלכער די מענשען האָבען זיך מיטאַמאָל געפונען, האָט אַזוי דערווייטערט איין פאַסאַזשיר פון אַנדערען, אַז זיי האָבען זיך בעטראַכט פאַר שונאים, און אויסגעמידען איינער דעם צווייטען. ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלען, האָבען זיך די רייזענדע גענומען צו שרייבען בריעף צו אייגענע, כאָטש עס איז נאָך געווען אַכט טעג צייט ביז צו דעם אָנקומען פונ׳ם שיף צו דעם פּאָרט — כאָטש אַזוי אַרום אָנצובינדען זיך מיט דער ערד, וועלכע מענשען האָבען שוין געקענט נאָר בלויז פון זכרון.

אַז עס איז געוואָרען געגען אָוונד און דאָס היימישע עלעקטרישע ליכט האָט זיך אָנגעצונדען, האָט די בעקאַנטע בעלייכטונג, וועלכע די מענשען האָבען נאָך געקענט פון דער היים, היימישער געמאַכט און נעהנטער געבראַכט די שיף צו די פאַסאַזשירען. דער ים איז געוואָרען דער אונהיימליכער דרויסען, פון וועלכען מען בעהאַלט זיך אין די שטובער אַריין. עפּעס האָבן ביי דעם עלעקטרישען ליכט אין דעם קליינעם נידעריגען לעזע-זאַל פון דער צווייטער קלאַס, וואו די פאַסאַזשירען האָבען זיך אַממערסטען אויפגעהאַלטען, די רייזענדע יאָ דערפיהלט אַ נאָהענטקייט איינער צום אַנדערען און אַ בעדערפעניש צו רעדען איינער צום אַנדערען. נאָר יע-דער איינער האָט מורא געהאַט אָנצוהויבען דאָס געשפּרעך צום צווייטען. מענשען, איידער זיי קענען זיך, קוקען זיי

זיך אויס ווי שונאים, עס דאַכט זיך נאָר יעדען איינעם, אז דער אַנדערער האלט זיך העכער און קוקט אויף איהם מיט גאוה. אַזוי איז עס אויך דאָס מאָל געווען. זעהר דזשענ־טעלמעניש האָט איינער דעם אַנדערען אויסגעמידען דעם וועג, און ווען ער האָט זיך צופעליג אָנגעקלאַפּט מיט'ן צווייטען דורך אַ וואַקעל פון דער שיף, האָט ער איהם, אין אַן אינ־טערנאַציאָנאַלען אונבעהאָלפענעם שמייכעל, מיט אַן אונפאַר־שטענדליכען ברום, מחילה געבעטען.

ביים טיש, ביים עסען, זיינען די באַציהונגען איינער צום אַנדערען געווען שטייפע, לאַנגווייליגע און אויסמיידענדע: די יונגע לייט האָבען זיך געאיילט וואָס שנעלער אַוועקצולוי־פען פון טיש, און געקוקט מיט חוזק'דיגען ביטול אויף די אויס־געהונגערטע דייטשע משפחות, וועלכע האָבען נישט געוואָלט שענקען קיין איין מאכל, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש. זיי זענען געזעסען לאַנג און שווער אין דעם ענגען שפייז־צימער, כאָטש די לופט איז געווען אַן אונערטרעגליכע, בליי־ערנע, הייסע, און די טעלער האָבען זיך געוואַקעלט און אָנ־געשלאָגען איינער אָן דעם אַנדערען פונ'ם וואַרפען זיך פון שיף. נאָר נאָכ'ן עסען האָט דער עולם זיך אָנגעהויבען צו קלייבען איינציגווייז אין לעזע־זאַל, וואו זיי האָבען זיך אויס־געזעצט אין די ווינקעלעך יעדער פאַרטראַכט אין זיינע איי־גענע זאָרגען. נאָר פלוצים האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ קוויטשענדיגער דזשאַז־שפּיעל פון אַ קליינעם כאָרכעלדיגען גראַ־מאָפאָן.

די בכבודע דייטשען, מעהרסטען נאָך די זאַטע, אָנגע־געסענע, רויט־באַקיגע דייטשקעס, האָבען פיינדליך זיך אומ־געקוקט אויף דער חוצפה'דיגער דזשאַז־שפּיעלערין. זיי האָט אָבער אָפּגעענטפערט אַ שמייכעל פון אַ פּאָר ליכטיגע, איינגע־לאַדענע שוואַרצע אויגען פון אַ יונגע מיידעל, וועמענס שוואַר־צע לאָקענדיגע האָר האָבען צוגעהאָלפען דעם שמייכעל פון איהרע אויגען. מיט איהרע ענטבלויזטע אָרעמס האָט זי גע־מאַכט אַ בעוועגונג צו די בכבוד'דיגע דייטשקעס, איינלאַדענ־

דיג זיי צום טאַנץ, פון וועלכען, זעלבסטפערשטענדליך, די בכבוד׳דיגע מוטערס האָבען זיך מיט אַן אָקסעל־שאָקלען אָב־געווענדעט. אויפגעבראַכט איבער דער שטערונג, האָבען די דייטשע פאַמיליען־פאַטערס אָװעקגעלייגט די ביכער פון זייערע הענד, וואָס זיי האָבען געהאַלטען ביים פאַרלעזען פאַר׳ן קרייז פון זייער משפחות. די ערשטע, וואָס האָבען זיך אָפּגערופען אויפ׳ן קלאַנג פון דעם דזשאַז־גראַמאָפאָן, זענען געווען די קינדער, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט דאָס יונגע מיידעל מיט איהר גראַמאָפאָן. די טוטעוס האָבען אָבער באַלד זיי צוריק־גערופען צו זייערע פלעצער: דאַן האָט געוואָגט זיך צו דער־נעהנטערען צום מיידעל דער שפּאַנישער אָקטען־קעמפער. ער־מוטיגט דורך דעם איינלאַדענדיגען בליק פון איהרע ליכטיגע אויגען, איז אויך צוגעקומען דער יודישער פּיאַנאָ־שפּיעלער נאָך זיי דער פּוילישער קאַפּיטאַן, מיט אַן עלעגאַנטען פאַר־בייג.

קיין בשותּפותדיגע שפּראַך איז נישט געווען צווישען זיי, נאָר צו אַלעמען, ווי אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך, האָט דאָס מיידעל אָנגעהויבען צו רעדען ענגליש. יעדער איינער פון די יונגעלייט האָט זיך געשעהמט נישט צו פאַרשטיין די שפּראַך פונ׳ם לאַנד, אין וועלכען ער פאָהרט, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכעל, מיט אונפערשטענדליכע ענגליש קלינגענדע ווער־טער.

און פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבען די בעקאַנטשאַפט. צום פערדרוסס פון די דייטשען און נאָך מעהר פון די, פון די שיף ביז צום האַלז פאַרקנעפּלטע, דייטשקעס, האָט דאָס מיידעל געטאַנצט מיט איין יונגענמאַן נאָכ׳ן אַנדערען, אַליין זי אויפ־פאָדערענדיג און אַליין זיך אויפזוכענדיג איהרע קאַוואַלע־רען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז געווען אַ שטורם. די וועלען ווי צעיושעטע הינט האָבען זיך געלאָזט פון אַלע זייטען פון ים מיט אַ בייזען געמורמעל צו דער שיף. די שיף, שווער אָטעמענדיג, איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכדיגע

טריט אין גראָהען מאַטען ים, ווי אַן אַלטער, מידער וואַנדע־רער, דרעפּטשענדיג אין איינגעפּרוירענעם שניי. מעהרסטע פון די פּאַסאַזשירען האָבען זיך נישט בעוויזען אויפ׳ן דעק פון דער שיף, און די, וועלכע האָבען זיך יאָ געוויזען, זענען גע־ווען איינגעהילט אין טיכער און שאַלען און געלעגען אויף שטוהלען אין די ווינקלען ווי לעבעדיגע מתים; פאַרמאַכט די אויגען, נישט צו זעהן די גראָהע וועלט, וואָס דער נעפּעל האָט ווי אַ שפּינוועבס איינגעשפּינט דעם הימעל מיט דעם ים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ליידען אַלע פון צאָהן-וויי־טאָג, וואָס דער נערוו שטעקט נישט אין צאָהן נאָר אין האַר־צען... מיט אַמאָל האָט זיך ווידער דערהערט דאָס גרעלענדיגע דזשאַז־שפּיעלען פון דעם קליינעם גראַמאָפאָן, נעבען דעם שוואַרץ־אויגיגען מיידעל.

גאָרנישט ווי דער ווינט מיינט זי אויך, אהן ראָק, אָהן זשאַקעט, נור אין דעם קאָלירטען טאַליע-פאָרמדיגען סוועטער. צום ערשט האָט איהר גראַמאָפאָן-שפּיעלען אַרויסגערופען פאַר־ביטערונג ביי די אין טרויעריגקייט פאַרזונקענע, אין אייגענע צרות אויפגעגעסענע, אין די טיכער איינגעגראָבענע פּאַסאַזשי־רען. „וואָס אַן אַמעריקאַנערן קען זיך דערלויבען!״ „די גאַנצע שיף איז זייערס״. „דער וואָס האָט געלד, דער האָט די דעה״, האָבען די עלטערע געברומט, אויסגעדרעהט זיך אויף דער צווייטער זייט, איבערגעצויגען די קעפּ מיט די שווערע היימיש-געמאַכטע פאַרבענרייכע שאַלען און טיכער, וועלכע האָבען דערמאָנט אָן אַ קליינשטעדטעלישען יאָהר-מאַרק. און זענען געווען די איינציגע פרייד אין די אויגען אויף דער טרויעריגער גראָהער שיף.

די פּאַסאַזשירען האָבען געפּרובט ווייטער דרימלען אין זייערע טיכער, נאָר דער דזשעז-ניגון האָט אַריינגעדרונגען דורך די טיפע וואָלענע שאַלען און האָט געקיצעלט דאָס לעצטע ביסעל חיות, וואָס האָט ערגעץ-וואו דאָרט געצאַנקט צווישען די טיכער און די קאַפּאָטעס:

„איך ליעב דיך אין מאָרגען,

„איך ליעב דיך אין אָוועגד,
„איך ליעב דיך אין זומער,
איך ליב דיך אין ווינטער.

— — — — — — — — — — — —

— אַ שוואַרץ יאָהר אויף איהרע הענד און פיס, געפונען אַ צייט צו שפּילען, — האָט ווער דאָרט געברומט פאַר זיך.

— קיין אויג לאָזען זיי נישט צו טהון, — האָט אַ יודענע געמורמעלט, — ביינאַכט די שיף און בייטאָג דער גראַמאָפאָן.

אָבער דער דזשאַז-ניגון, אַרויסקוויטשענדיג ווי אַ דיבוק פון דעם קליינעם גראַמאָפאָן, האָט נישט אויפגעהערט איינצועגבערען זיך אין די מוחות, און דאָ און דאָרט האָט ווער פון די פּאַסאַזשירען, נאָך איינגעהילט אין זיינע טיכער און שאַלען, מיטגעברומט דעם ניגון פאַר זיך, אין זיין אייגענעם לשון, וואָס ער האָט איהם מיטגעבראַכט פון זיין אייגענער היימאַט:

„איך ליעב דיך אין מאָרגען,
„איך ליעב דיך אין אָוועגד,
„איך ליעב דיך אין זומער,
„איך ליעב דיך אין ווינטער.

און דאָ און דאָרט האָט שוין אַ יונגערמאַן פון זיך אַראָבּגעוואָרפען די קאָלדרעס. אַראָבגעקראָכען פון שטוהל און צו געקומען צום מיידעל מיט'ן גראַמאָפאָן, באַלד האָט זיך גרופּירט אַרום איהר אַ גרופּע פון מענער און פרויען, דער גראַמאָפאָן האָט געשפּילט איין דזשעז-ניגון נאָכ'ן אַנדערען, וואָס יעדער איינער פון די מענער האָט געפּרובט מיטצוזינגען אָדער מיטצוכייפּען איהם אין דער שפּראַך פון זיין אייגען לאַנד. די גרזהקייט פון ים האָט זיך אויסגעבלייכט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בייזע הינט פון די ברויזענדע וועלען שטילען זיך איין, מען האָט זיי נישט מעהר געזעהן. די צאָהן-וועהאָגען, וואָס האָבען געעגבערט אין די מחות, נישט אין די ציינער, האָבען אויפגעהערט, און פון די געמיטער זענען גע-

פּאַלען גאַנצע פּעק פון אונבעקאַנטע מאַסעס, אין ים אַריין, און דאָ און דאָרט האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל אויף אַ פּנים.

— דאַכט זיך, דער ים האָט זיך איינגעשטילט? — האָט ווער בעמערקט מיט פרייד.

— יאָ, ער איז פיל רוהיגער געוואָרען, — האָבען אַנדערע מסכּים געווען...

זי איז דאָ געווען מיט איהר פאָטער, אָבער איך צווייפעל נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג, אויב דאָס איז געווען איהר ריכטיגער פאָטער, אָדער אַן אַנדערע מיסטישע פּערזענליכקייט. זיי האָבען זיך ביידע איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצט. זיי זענען געווען ווי איין פּערזאָן.

דאָס איז איבערהויפּט געווען אַ מאָדנער יודעל. אַ דיי־טשקער, נאָר מיט אַ דיק בייכעל, וואָס האָט איהם געמאַכט אויסקוקען זעהר קאָמיש. אַ בעל-הבּתי'ש שמייכעלע איז איהם שטענדיג געלעגען אויפן פּנים, גרייט יעדען צו דיענען. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע נאַטור. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט זיך בעקענט מיט דיר, איז ער באַלד געווען אין מיטען אין דיר, עפּעס מיט אַ וואונק האָט ער שוין פערשטאַנען אַלצדינג, ער האָט שוין געוואוסט דיין גאַנצע פערגאַנגענהייט, געוואוסט אַלע דיינע פּלענער און געפּרובט דיר צו עצה'ן, כאָטש דו האָסט איהם גאָרנישט געבעטען, זאָרגענדיג זיך וועגען דיין צוקונפט... יאָ, דאָס יודעל איז געווען אַ בעל־תּכלית, יעדענס בעל־תּכלית, אַז ער האָט גערעדט מיט דיר, האָט ער באַלד געפּרובט אַנצוריהרען דעם תּוך פון דער זאַך, וואָס ליגט דיר אַממעהרסטען אין זינען און דו ווייסט אַליין נישט דערפון.

באַלד דערנאָך, ווי דאָס מיידעל האָט דורך איהר גראַ־מאָפאָן צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך די יונגע לייט, און געפּרובט פערוועבען זיי אין אַ געמיינזאַמען געשפּרעך, האָט זיך באַלד דאָס יודעל געוויזען, פּאַראויסשטעקענדיג פאַר זיך דאָס בייכעל, געגלעט זיך מיט איין האַנד דאָס קורצע בערדעל און מכבּד

געווען מיט ציגארען. דאן האט מען איהם געזעהען יעדעס מאל מיט אן אנדערען פון די פאסאזשירען זיצען באזונדער און רעדען מיט איהם פערטרויליך. מיט זיין בעל-הבתי׳ש שמייכעלע, מיט דער קלוגשאפט, וואס האט ארויסגעקוקט פון זיינע אויגען, האט ער דערוועקט סימפאטיע און צוטרויען און איידער וואס-ווען האט יענער פערטרויט שוין פאר איהם דאס הארץ, און מיט איין וואונק האט ער שוין אלצדינג ארום איהם פערשטאנען, און באלד געברובט יענעם צו עצה׳ן. אפשר האט אויך מיטגעהאלפען, וואס דער יוד, אלס אמעריקאנער, האט ביי די פערלארענע עמיגראנטען ארויסגערופען א צו-טרויען, ווי קראנקע מענשען האבען צו א געזונטען, אדער ווי בלאנדזשענדיגע קינדער צו אן ערוואקסענעם. זיי האבען גע-פרובט פון איהם ארויסצובעקומען א הסכמה פאר זייערע פלענער, אזוי ווי אין זיין פערזאן וואלט זיך פערקערפערט דאס אמעריקאנישע פובליקום. ווענען זיי האבען געוואלט דינען מיט זייערע גאנצע נשמות און הע־צער... און שוין ווי גע-זאגט, ווי אן ערוואקסענער וואס לערענט קליינע קינדער, אזוי האט ער זיי געלערענט, ווי אזוי זיי האבען זיך צו האלטען אין אמעריקא, וואס זיי האבען צו טהון, און מיט זיין פראקטישען שכל אנגעוויזען זיי דעם ריכטיגען וועג, אויף וועלכען זיי האבען זיך צו ווענדען.

— קונץ, שמונץ, מיר האבען שוין געהערט די מעשות, — האט ער געזאגט צו דעם רוסישען יונגען מאן, צו דעם מוזי-קער, — איהר מיינט נישט, אז איהר וועט אמעריקא איבער-ראשען מיט אייער מוזיק, אמעריקא בעדארף ביזנעס: און לאזט מיך רעדען מיט אייך ב׳זנעס, וואס וועט איהר זיצען אין ניו-יארק? די אויגען וועלען אייך אויסגעהן, איידער איהר וועט האבען א קאנצערט, און אפילו אז איהר וועט זיך שוין דערשלאגען צו א קאנצערט, וועט איהר אויך גארנישט האבען דערפון. אין ניו-יארק, אז א מוזיקער וויל האבען א סוקסעס, מוז ער האבען די פאר דאלאר, א פאר גוטע ברידער ארויס-צונעהמען אויף א מאלצייט. א קריטיקער אונטערצוקויפען, א

רעדאַקטאָר׳ס אַ ווייב בלומען צו ברענגען, — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט געוואוסט אַלע סודות פון מוזיקאַלישען לעבען אין דער גרויסער שטאָדט. — אין דער עיקר אויף רעקלאַמע, אויף אַ אייגענעם פּרעס-אַגענט, וואָרום אַלצדינג, אין אַמעריקאַ, איז רעקלאַמע. — ניין, עס איז נישט פאַר אייער קעשענע. איהר פאָלגט מיך, אַזאַ יונגער מאַן ווי איהר, פאָהרט אַוועק אין דער מיטעל-וועסט, אין נישט קיין זעהר גרויסער שטאָדט. אַ שטאָדט, זאָגען מיר, מיט אַ זעכציג-זיבעציג טויזענד בע-פעלקערונג. — אפשר מיט הונדערט טויזענד. אַזוי אַרום קענזאַס סיטי, אין אַ מעמפיס, למשל, אין אַזאַ שטאָדט, אַזאַ יונגער מאַן ווי איהר, הויבט אָן צוערשט צו געבען לעקציעס אין פּריוואַטע הייזער, שאַפט זיך בעקאַנטשאַפט צווישען די רייכע ביזנעס-לייט, דערביי דאַרף מען זיין זעהר „אָנגענעהם“ צו ליידיס, דזשענטעלמעניש, — איך בעדאַרף אייך דאָס נישט זאָגען, איהר פערשטעהט עס אַליין וואָס איך מיין. שטענדיג פיין, זויבער זיין אָנגעטהון, מען גיט אַ קאָנצערט אין אַ פּרי-וואַט הויז — אַזוי ביי א „פייף-אָ-קלאָק“, מען זאָגט נישט אָפּ אָן איינלאַדונג צו אַ מיטאָג, ביים מיטאָג פאַנטאַזירט מען אַזוי אַביסעל אויף דער פיאַנאָ — איך בעדאַרף אייך דאָס נישט זאָגען — איהר פערשטעהט אַליין וואָס איך מיין. דורך די ליידיס ווערט מען בעפריינדעט מיט די מענער, העלפען אַרויס אין אַן אונטערנעמונג, למשל, אַזאַ אינסטיטוט פאַר מוזיק, אַ פּריוואַטער קאָנסערוואַטאָריום, ס׳איז אַ ביזנעס אויך, אַ זעהר גוטע ביזנעס, און ביזנעסלייט זאָגען זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון אַ ביזנעס, איהר פערשטעהט וואָס איך מיין? מען בעקענט זיך מיט׳ן רעווערענד פון שטאָדט, אָדער מיט׳ן גלח, מען גיט א קאָנצערט זונטאָג אין דער קירך, דער גלח העלפט אַרויס, — אפשר האָט ער אויך אַ שיינע טאָכטער, ווער קען וויסען? — אין אַ דריי-פיער יאָהר אַרום — אַזאַ יונגערמאַן ווי איהר אין אַמעריקאַ, אין א מעמפיס, האָט איינע פון די ערשטע „פּאָזי-ציעס“ אין דער שטאָדט, זיינע שיינע פאַר טויזענד דאָלאַר אין די בענק, אַן אייגענעם אינסטיטוט, וועלכער ברייננט אַריין

אַ שיינעם איינקונפט. זיין יונג ווייבעל, צוויי קינדערלעך אפשר, און זיין הייזעל, זיין ווילע הינטער דער שטאָדט. ער קומט זיך אַהיים אויף מיטאָג אין זיין אייגענעם אויטאָמאָביל, און די קינדערלעך שפּילען זיך אין גאָרטען, טיו, טיו, טיו.

וואָס ים, וועללען, שטורם? אַ גרינע לאָנקע פאַר דער טיר. בליהענדע בוימער, און ער פאָהרט צו מיט אַנ׳אייגענעם אויטאָמאָביל צו זיין הויז... מיט גלאַנצענדיגע אויגען, דורכ-געזאַפּט פון פרייד. מיט אַ געזאַנג אין האַרץ האָט דער יונ-גערמאַן פערלאָזט דעם יודען.

און באַלד האָט מען איהם געזעהן אין אַנ׳אַנדער וויג-קעל, מיט אַנ׳אַנדערען פּאַסאַזשיר, פאַר וועלכען דער יוד האָט געפּרובט מאַלען מיט רייכע פאַרבען זיין פאַרוויקעלטע צוקונפט.

פאַר די דייטשע עמיגראַנטען האָט ער געפּרובט אויס-מאַלען זייער לעבען אין דער ווייטער וועסט, אויף די פעטע פעלדער, צווישען די אָראַנזשען און די וויינגערטנער, זייערע הייזער זענען באַשטראַהלט מיט די שטראַהלען פון דער שטענ-דיגער זון. אַפילו פאַר דעם שפּאַנישען אָקסען-קעמפער האָט ער געפונען אַנ׳אָרט אין אַ רייכען וואָדעוויל, וואו ער וועט נישט בעדאַרפען איינשטעלען זיין לעבען צו קעמפען מיט ווילדע לעבעדיגע אָקסען, און דערביי מעהר פאַרדינען ווי-פיל דער קעניג פון שפּאַניען בעקומט. דעם פראַנצויזישען קוכער האָט ער פאָרגעשטעלט גליקען פון אַנ׳ערשטען קוך-מייסטער אין אַ גרויסען האָטעל און אָנדערציילט איהם גזמאות וויפיל די קוכערס פערדינען אין אַמעריקאַ.

דעם ערפינדער פון נייעם טראַקטאָר, וועלכען דער יוד האָט געענוי אויסגעפאָרשט און ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, האָט ער נישט געקאָנט פערשפּרעכען, אַז צוליב איהם וועט פאָרד מוזען פערשליסען זיינע פאַבריקען, דאָך האָט ער איהם פער-זיכערט, אַז אין אַמעריקע איז דאָ גענוג פּלאַץ אי פאַר איהם, אי פאַר פאָרד׳ען. אַפילו דעם פוילישען קאַפּיטאַן האָט ער פער-שאַפט אַ שטעלע אין איינער פון די גרויסע קוילענגריבער.

ביי זיינעם אַ פריינד, וואָס וואוינט מיט איהם צוזאַמען אין איין שטעדטעל, מיט דער אויסזיכט, אַז מיט דער צייט וועט ער ווערען אַ בעטייליגטער אין דער אונטערנעהמונג, ווען נישט אַלס פרעזידענט פון די קוילענגריבער, איז כאָטש אַלס וויצע-פרעזידענט. וואָרום די פרעזידענטשאַפט האָט ער שוין אַוועקגעגעבען אַנ׳אַנדערען — דעם אונגאַר.

אַזוי האָט ער אַראָבגעקייקעלט די שטיינער פון די הערצער, די שווערינקייט פון די געמיטער, וועלכע האָט זיך געלעגט אויף די פּאַסאַזשירען ביים אָנהויב פון דער רייזע אויפ׳ן ים. אין אָווענד האָט שוין אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג געהערשט. אין דעם שפּייזע-זאַל דאָ און דאָרט האָט שוין אויפגעברויזט דאָס געזונטע לאַכען פון די דייטשע פרויען, אונטערגעצונדען דורך די גראָבע וויצען פון זייערע מענער, און ווען די טאָכטער אין דעם לעזע-זאַל האָט געלאָזט אין גאַנג איהר קליינעם גראַמאָפאָן, האָבען זיך די מענער אַרומגעקליבען אַרום איהר, שכור פון דעם גליק, וואָס איר פּאָטער האָט איינגעפלאַנצט אין זייער פאַנטאַזיע...

אַזוי ווי אַ יודענע פלעכט אַ חלה, אַזוי האָט דאָס מיידעל געפלאָכטען די בחורים. אַרום איהר איז שטענדיג געווען אַ ווירבעל פון פרייד, טאַנץ, מוזיק און געלעכטער. אין דעם ווירבעל האָט זי אַריינגעצויגען נישט נאָר בלויז די יונגעלייט, נאָך אַפילו די בכבוד׳יגע, שווער-לייביגע, באַווייבטע און פיל-באַקינדערטע דייטשען. אָבער די ווייבער זענען נישט געווען אויף איהר אייפערזיכטיג, אויך די פון די שיף ביז צום האַלז פאַרקנעפּעלטע דייטשקעס האָט זי אַריינגעצויגען אין איהר טאַנץ און פרייד. מיט איהרע ברענענדיגע אויגען, מיט איהר פליהענדען שוואַרץ-לאָקיגען קאָפּ האָר, מיט איהרע לאַנגע נאַקעטע אָרעמס, מיט איהרע דין געטאָקטע הויכע לאַנגע פיס, איז זי געווען ווי קוועקזילבער. אין יעדען אויגענבליק, אויפטויכענדיג מיט איהר קליינעם גראַמאָפאָן, האָט זי איין גרופּע נאָך די אַנדערע אַריינגעצויגען אין טאַנץ אַריין, דאָ די קינדער, דאָ די ווייבער, דאָ די מענער, אויסמישענדיק

זיי אַלע צוזאַמען אין איין ווירבעל פון טאַנץ און מוזיק.

אָנגעשטעקט פון איהר יוגענדליכקייט, פערפלייצט פון דער פרייד, וואָס האָט געפלאָסען פון איהר וועזען, האָבען זיך די ווייבער אָנגעהויבען צו פוצען פאַר די מענער, זי האָט אַרויסגעשעפּט די גוטמוטיגקייט פון די שווערע דייטשען. זיי זענען גוט געוואָרען צו זייערע ווייבער, זיי האָבען זיך געפרעהט מיט זייערע קינדער. פון אַלעמען האָט זי, ווי מיט אַ געטליכער האַנד, אָבגעווישט דעם טרויער, און אין דער צווייטער קלאַס, צי אין שטורם, צי אין זונענשיין, האָט פון פריהמאָרגען אָן ביז שפּעט אין אָוונד נישט אויפגעהערט דאָס שפּילען און דאָס לאַכען, דער טאַנץ און די דזשאַז-מוזיק פון קליינעם גראַמאָפאָן.

אָנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער פרייד, זענען מענשען גוט געוואָרען איינער צום צווייטען, און צווישען די פּאַסאַזשירען פון דער צווייטער קלאַס, וועלכע זענען אַזוי ווייט געוועזען איינער פון אַנדערען, פונקט ווי זייערע לענדער זענען ווייט איינער פון אַנדערען, האָט אין פערלויף פון אַ פּאָר טעג געהערשט אַזאַ משפחה'דיגע נאָהענטע שייכות'קייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די מענשען זענען פערבונדען געוועזען איינער מיט'ן אַנדערען פון זייער גאַנץ לעבען אָן איבער זייער גאַנץ לעבען. קיין ערד געפינט זיך נישט אונטער זיי און פאַר זיי, וואָס זאָל זיי צושניידען אין גרעניצען, אין לענדער, אין שפּראַכען, נאָר זיי זענען אַרומגערינגעלט פון איין מענשען-פיינדליכען ים, און די גאַנצע וועלט לעבט אין איין קליינע משפחה אין דעם לעזע-זאַל פון אַ שווימענדיגער שיף, צוזאַמענגעקלעפּט און צוזאַמענבעהאָפטען דורך דעם שטראַהלענדען לאַכען פון אַ שוואַרץ-אויגיגען מיידעל, צוזאַמענגעגליט דורך די דזשאַז-טענער פון איהר קליינעם גראַמאָפאָן אויף אַלע אייביגקייטען.

די פרייד פון דער צווייטער קלאַס האָט אויך אָנגעהויבען אַריינצודרינגען אין די רייכע, אויסגעפוצטע סאַלאָנען פון דער ערשטער קלאַס און האָט אָנגעהויבען אַרויסצו'כשופ'ען

איינזאַמע נפשות, וואָס האָבען זיך ווי שאָטענס פערלאָרען אין די גרויסע רייכע זאַלען, נישט געפינענדיג זיך קיין אָרט, און גערוקט זיך אַרום די ווענד.

יעדער אָווענד האָבען אָנגעהויבען אַריינצוקומען פון דער ערשטער קלאַס אין די צווייטע אייניגע עלטערע אַמע-ריקאַנער, אָנגעטהון אין סמאָקינגס, וואָס איינעם פון זיי האָט דער פאָטער פון דעם מיידעל מכבד געוועזן מיט'ן טיטול „גאָווערנאָר". אַן'אַנדערען האָט ער גערופען „מעיאָר", און גאָר אַ דריטען „יור האָנאָר", צוליב סיבות, וואָס זענען נאָר איהם אַליין בעקאַנט געווען. די אַמעריקאַנער האָבען זיך נישט בעליידיגט איבער די טיטולען, וואָס דער יוד האָט זיי אָנגעקניפּט איבער זייערע פּלייצעס. זיי האָבען נאָר גוטמוטיג צוגעשמייכעלט און זענען איינציגווייז אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעםווירבעל פון אַלגעמיינער פרייד. די אַמעריקאַנער האָבען מיטגעבראַכט נאָך אַנדערע, אויך אייניגע דאַמען, פאַר וועלכע דער יוד האָט אויסגעטראַכט עפּעס מאָדנע נעמען און טיטולען.

און יעדען אָווענד, דורך דער צייט וואָס די רייזע האָט געדויערט קיין אַמעריקא אויפ'ן ים, האָט מען אין לעזע-זאַל, אין דער צווייטער קלאַס, געקענט זעהן פאָלגענדע סצענעס:

אויף איינעם פון די טישען איז געשטאַנען אַ יונג מיי-דעל. איהרע שיינע שלאַנקע פיס האָבען אַ מינוט נישט גע-רוהט. זיי האָבען זיך געהאַלטען אין שטענדיגען בעוועגען צום טאַקט פון אַ דזשאַז-באַנד, וואָס האָט מיט הונדערטער שטימען פוןווילדע רוחות און דבוקים אַרויסגעכאָרכעלט פון אַ קליינעם גראַמאָפאָן, נעבען וועלכען עס איז געשטאַנען איהר פאָטער, אַ דין מיט אַ געל בערדעל יודעל, נאָר מיט אַ גרויס בייכעל, און ער האַלט אין איין אָנדרעהען דעם גראַמאָפאָן.

איהרע נאַקעטע אָרעמס, איהרע צופלויגענע אויף אַלע זייטען שוואַרצע לאָקען, דער צופלאָשצטער בליק פון איהרע אויגען האָבען מיטגעטאַנצט און מיטגעוואָרפען זיך צום טאַקט פון איהרע פיס און איהר געזאַנג. אַרום איר זענען געווען

פערזאַמעלט די נאַציאָנען פון דער וועלט: דייטשען, איטאַליע-נער, אַ שפּאַנישער אָקסען-קעמפער, אַ רוסיש-יודישער מוזיקער, אַ פּוילישער אָפיציר, אַמעריקאַנער, מענער, ווייבער, קינדער און די גוטע יאָהרען ווייסען ווער, און האָבען מיט קלאַטשען פון די הענד מיטגעפּאַטשט און מיטגעזונגען צום טאַקט פון דער דזשאַז-מוזיק!

איך ליעב דיך בייטאָג,
איך ליעב דיך ביינאַכט,
איך ליב דיך אין ווינטער,
איך ליב דיך אין זומער.

אַז דאָס מיידעל האָט אויפגעהערט צו טאַנצען, האָט דער פּאָטער, ווי אַן׳אַלטער יודישער בדחן, אויפגערופען צום פּסוק די אַנדערע נאַציאָנען.

קיין בעטען איז נישט געווען. יעדער איינער האָט זיך געריסען בייצושטייערען אין דער אַלגעמיינער שמחה מיט טענץ און געזאַנגען פון אייגענעם לאַנד. דאָס איז געווען ווי אַן׳אויסשטעלונג פון פריידען פון אַלע לענדער.

עס זענען אַרויף אויפ׳ן טיש אַ בכבוד׳יגער דייטש מיט זיין ווייב, ביי וועלכע דאָס צרות׳דיגע לעבען האָט אויסגע-טריקענט יעדעס גליק און יעדע פרייד פון יאָהרען און יאָה-רען, און זיי האָבען זיך דערמאָנט אָן אַ חתן-כלה-טאַנץ פון זייער שיינעם טיראָל, ביי וועלכען זיי האָבען אפשר באַשלאָסען זייער בשותפות׳דיגען לעבען.

עס איז אַרויף אַן׳איטאַליענער מיט זיין גיטאַרע. דער שפּאַנישער אָקסען-קעמפער האָט מיט זיין ראָק אילוסטרירט פאַר דעם עולם די באַוועגונגען פון אָקסען-קאַמף, דער פּאָליאַק זיין פּאָלקע און דער יודיש-רוסישער מוזיקער זיין קאָזאַק. אפילו די אַמעריקאַנער זענען נישט געוואָרען אויסגעמידען — דאָס יודעל ביים גראַמאָפאָן האָט געהאַלטען אין איין פּאַטשען מיט די הענד:

„קאָם אַן גאָווערנער, קאָם אַן גאָווערנער!”

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דער גראַמאָפאָן געשפּילט

„יענקי דודל". און דאָס שוואַרץ-האָריגע מיידעל איז שוין אַראָב פון טיש און האָט מיט לייכטע פיס און מיט וואונדער-באַרע גראַציעזע באַוועגונגען אַקעגען געטאַנצט דעם „גאָווער-נאָר", אַריינ'כשופ'ענדיג איהם אין ווירבעל אַריין. און עס האָט זיך דערוועקט אין גאָווערנאָר דער יענקי, און עס האָט גע-טאַנצט אי דער „גאָווערנאָר", אי דער „מעיאָר", אי דער „יור האָנאָר". עס זענען אַריינגעצויגען געוואָרען אין טאַנץ די רײַ-כע אַמעריקאַנער ליידעס, וועלכע זענען געקומען פון דער ערשטער קלאַס אין צווייטער צוצוקוקען צום פעבל. און באַלד איז אַלעס געוואָרען איין קניפּ. דער גאָווערנאָר האָט זיך גע-פונען אין די אָרעמס פון אַ פעטער דייטשקע, די רייכע אַמע-ריקאַנער מיס אין די אָרעמס פון שפּאַנישען אָקסען-קעמפער, און די אַלע נאַציאָנען זענען געוואָרען איין וועלט, איין נאַ-ציע, איין משפּחה, איין טאַנץ.

נאָר דאָס ריכטיגע צוזאַמענהעפטען זיך פון די פערשי-דענאַרטיגע מענשען איז ערשט געקומען שפּעטער, ווען אויף די טישען האָט זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען איין פלאַש נאָך דער אַנדערער, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט אויף וועמענס חשבון. די געטראַנקען האָבען זיך אויסגעמישט ווי די מענשען, שווער דייטשעס ביער מיט שוימענדיגער פראַנצויזי-שען שאַמפּאַניער. דענסטמאָל האָט זיך דערוועקט אין די מענ-שען פון די פערשידענע נאַציעס דער חשק אויסצוגיסען זייע-רע געפיהלען אין געזאַנגען און דעקלאַמאַציעס.

און ווידער איז עס געווען דאָס יונגע יודישע מיידעל, אויפגעפאָדערט פון איהר פאָטער, צוגעהאָלפען פון דעם גאָ-ווערנער. זי איז אַרויף אויפ'ן טיש און האָט אָנגעהויבען צו דעקלאַמירען אַ סענטימענטאַל ליעד פון אַן איטאַליענער, ביי וועמען דאָס קינד איז געשטאָרבען, און ער געהט צו אַ בלו-מען-הענדלערין און האַנדעלט איין אַ רויז אַרויפצולעגען אויפ'ן קבר פון זיין געשטאָרבענעם קינד, אויסרעדענדיג פאַר דער בלומען-הענדלערין זיין האַרץ — אין אַ שלעכטען ענג-ליש — זיין ליעבע צו זיין געשטאָרבענעם קינד, פאַר וועל-

כּען ער איז געקומען קויפען די רויז, אַרויפצולעגען אויף דעם פרישען קבר.

דאָס ליעד האָט אַזוי געריהרט דעם גאָווערנאָר׳ס האַרץ, אַז ווי זיין אַנגלאָזאַקסישע נאטור האָט נישט געהאַמעוועט דעם אויסברוך פון זיינע געפיהלען, האָט אָבער פון איין זייט דער ווייך, פון דער צווייטער זייט די אַלגעמיינע שטימונג געטהון זייער מענשליכע שליחות, און דער גאָווערנאר האָט אַרומגענומען מיט איין האַנד די דיקע דייטשע בּכבוד׳יגע פרוי, וועלכע איז געזעסען נעבען איהם, און האָט דערקלעהרט אין ענגליש: „העווג׳ט ווי אַ גרעיט קאָונטרי?״ אויף וואָס דער בּכבוד׳יגער דייטש, וואָס איז געזעסען נעבען זיין פרוי און האָט געמיינט, אַז ס׳איז אַ ליעבעס-ערקלערונג צו איהר, האָט איהם צוגעשמייכעלט. דערנאָך האָט דאָס מיידעל דעקלאַמירט אַ פּאָעמע פון די „סיוויל וואָר״, וועגען צוויי ברודער, וואָס האָבען זיך געפונען אין צוויי קריגערישע אַרמייען. ביי דעם ליעד האָט דער גאָווערנאָר שוין גאָרנישט געקענט זיך קאָנטראָלירען. ער האָט אָפּגעווישט אַ טרעהר פון זיין אויג, וואָס האָט אָנגעשטעקט אַלע אָנוועזענדע נאַציאָנען, כאָטש װעניגע האָבען פאַרשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. די דעקלאַמאַציעס פון דעם מיידעל וועגען די טרויעריגע געשעהענישען האָט אַלעמען אַריינגעבראַכט אין אַ טרויער-פריידיגע שטימונג, וואָס האָט נאָך נאָהענטער צוגעשמידט די מענשען פון די פערשיעדענע נאַציאָנען איינער צום אַנדערען. עס איז אַרויף אַ דייטשקע, וואָס עס האָבען זיך דערוועקט אין איהר די טרויריגע געזאַנגען פון די אַלטע גערמאַנער אין די אורוועלדער, און האָט דעקלאַמירט אַ באַלאַדע פון די ניבעלונגען, וואָס כאָטש וועניגע האָבען פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט, אָבער אַלע האָבען מיטגעפיהלט דעם שמערץ און דעם טרויער פון דעם אַלטען דייטשען וואַלד. דער שפּאַנישער אָקסען-קעמפּער האָט געזונגען אַ מעלאַנכאָלישע באַלאַדע פון אַלטע מורישע צייטען אין שפּאַניען, וועלכע האָט געקלונגען ווי דאָס געזאַנג פון כּל נדרי. נאָך איהם זענען געקומען די רוסישע ציגיינער-

לידער, פוילישע פאָלקס-געזאַנגען, איטאַליענישע סערענאַדעס, אונגאַרישע ראַפּסאָדיעס.

אַזוי האָט די וועלט געזונגען איהרע געזאַנגען, און איז געוואָרען איין געזאַנג, איין מענטש, איין שפּראַך, איין האַרץ. און אַז דער עולם האָט זיך איינגעשטילט אַביסעל פון די געזאַנגען, און יעדער איז געזעסען אין געדאַנקען פערטראַכט, נישט מעהר פון אייגענעם אָרימען ביסען ברויט, נאָר פון אַ העכערען, אונבעוואוסטען געדאַנק פון אַלמענשליך גליק, האָט זיך אָנגערופען דער יוד צום אַמעריקאַנער, וועלכען ער האָט טיטולירט „גאָווערנאָר":

— נו, זאָגט אַליין, „יור האָנאָר", אָט זענען מיר מענשען פון פאַרשיעדענע ערדען, פון פערשיעדענע לענדער, מיט פערשיעדענע שפּראַכען, געט, אָפּען זיך צופעליג אויף איין שיף און מיר לעבען אַלע צוזאַמען ווי איין משפחה, ווי מיר וואָלטען זיך פון אייביג געקענט. מיר רעדען פערשיעדענע שפּראַכען און מיר פאַרשטעהען איינער דעם אַנדערען, מיר הערען פערשיעדענע לידער און מיר האָבען זיי ליעב צו הערען. מיר זעהען פערשיעדענע טענץ און מיר האָבען ליעב זיי צו זעהן — מיר זענען אַלע ווי ברודער און שוועסטער. פאַרוואָס קענען מיר נישט זיין אויף דער טרוקעניש, ווי מיר זענען עס אויפ'ן ים? ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, גאָווערנאָר, דער ים פאַראייניגט אונז — די ערד צוטהיילט אונז.

דער קליינער דייטש

„דער קליינער מענש האָט נאָר דאַן זיין גרויסען ווערטה, ווען ער דערהויבט זיך איבער זיין ערדישעס „דא־זיין" אין אַ העכערע אַטמאָספערע, ווי לעסינג זאגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע"... ווייטער, וואָס לעסינג זאגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע", האָבען מיר איהם שוין נישט געלאָזט אויסרעדען. תמיד האָט איהם א חבר איבערגעהאַקט, און אַזוי איז געבליבען דאָס געזאָגטע פון לעסינג אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע" נישט געזאָגט, פערשטומט דורך זיין גאַנץ לעבען ביז צו זיין טויט.

דער אויבען דערמאָנטער קלוגער שפרוך, איז געווען דאָס לעבענס־וואָרט פון אַלבערט באָרענשטיין, אָדער פראָסט־באָרענשטיין, אָדער נאָך גאָר פראָסטער — דער „קליינער דייטש", ווי מיר פלעגען איהם תמיד רופען, קיינמאָל נישט דערמאָנענדיג איהם ביי זיין נאָמען, אפילו נישט אין זיין געגענוואַרט, און ער האָט זיך קיינמאָל נישט בעליידיגט אויף דעם, נאָר, ווי תמיד, גוט צוגעשמייכעלט און אָבגעענטפערט מיט זיין געוועהנליכען „הערען זי, זי שפאַסען"...

ווער איז ער געווען? וואו האָט ער געוואָהנט? צי האָט ער אַ ווייב, צי האָט ער אַ קינד — נישט מיר האָבען גע־וואוסט, און נישט מיר האָבען זיך פעראינטערעסירט צו וויסען. מיר זענען שטענדיג געוואוינט געווען צו געפינען איהם אין קאַפע־הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויף איינער פון די יודישע

גאַסען אין וואַרשאַ, וואו מיר פלעגען פערקעהרען אין אונזערע יונגע יאָהרען.

עס איז געווען אייגענטליך מעהר אַ מילכיגער רעסטאראַן ווי אַ קאַפע-הויז, און דאָרט פלעגען פערקעהרען אָנגעשטעלטע פון געשעפטען, קליינע סוחרים פון דער פראָווינץ, וואָס פלעגען אַריינקומען אָפּעסען, בעצאָהלען און אַוועקגעהן. דער בעל-הבית פון רעסטאָראַן, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיקעל שרייבער, אַ אידעאַליסט, אַ שיינער מענש, האָט אונז ערלויבט צו-נויפצוקומען זיך אין זיין קאפע-הויז און זיצען דאָרט לענגער ווי אַנדערע. מיר זענען געווען אַ חברה יונגע לייט, אָהן בע-שטימטע בעשעפטיגונגען, געריבען זיך אויף שרייבער, אַנדערע פון אונז זענען געווען פאַרטיי-לייט, אָדער גלאַט אַזוי ליידיג-געהער, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען די מיסיע צו בע-פרייען די וועלט פון אַלע צרות, וואָס לאַסטען אויף איהר: עקסטערניקעס, האַלבע סטודענטען און לעהרער. אין קיין אַנדער רעסטאָראַן אָדער קאַפע-הויז וואָלט מען אונז נישט געווען אַריינגעלאָזט — וואָרום נישט תמיד האָט זיך ביי אונ-זער איינעם געפונען דאָס נויטיגע קליין-געלד פאַר׳ן גלעזעל וואַרימס, וואָס גיט אייך דאָס רעכט אַריינצוקומען און אויפצו-האַלטען זיך אין קאַפע-הויז. נאָך אַזוי ווי דער בעל-הבית, ווי שוין געזאָגט, איז אַליין געווען אַ שטיקעל משלנו, אַ מענש אַ אידעאַליסט, האָבען מיר זיך געמאַכט, ווילענדיג נישט ווי-לענדיג, אונזער נעסט ביי איהם.

אין דעם רעסטאָראַן פלעגען מיר זיצען גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אַדורך, אַנטלויפענדיג פון דער קעלט פון אונ-זערע אָרימע שטובען און פון דער נאַקעטקייט פון דער גאַס. דער רעסטאָראַן איז געוואָרען פערוואַנדעלט אין אַ מין נייעם בית-המדרש, וואו מיר פלעגען ביים טישעל אויסדיסקוטירען אַלע סיסטעמען פון רעגירונגען, אַלע סאָציאַלע פראָבלעמען, קינסטלערישע פּאָרמען פון שאַפען, און וואָס נישט? אַלצדינג וואָלט געווען גוט, גן-עדנ׳דיג, ווען עס וואָלט זיך נור געווען געפונען דאָס „נויטיגע קליין-געלט” פאַר אַ גלעזעל קאַפע.

נאָר דאָס נויטיגע קליינגעלט איז נישט תמיד געווען בנמצא ביי אונזער׳ס אַ ברודער און מיר זענען אַריינגעקומען אין דעם רעסטאָראַן אַזוי ווי אויף גאָט׳ס בעראָט, מיט יאָ געלט אָדער מיט נישט געלט, נאָר שטענדיג מיט דער האָפ-נונג, אַז אויב עס וועט גאָר קיין עצה נישט זיין, וועלען מיר פאָרט געפינען דאָס „קליינע דייטשעל" ביי אַ טישעל.

וואָרים דאָס „קליינע דייטשעל" האָט אונז פון אַלע צרות אַרויסגעראַטעוועט. היינט, אַז איך קלער פון איהם פון דער לאַנגער דיסטאַנץ, דאַכט זיך מיר, אַז ער איז עקסטראַ דאָרט געזעסען ביים טיש און האָט געוואַרט דערויף, אַז ער זאָל אונזערס אַ ברודער אַרויסהעלפען פון אַ צרה. עפּעס אַ מין אליהו הנביא איז ער געווען, וואָס איהם האָט ווער דאָרט אַהינגעשיקט אין דעם קאַפע-הויז. וואָרום, אַז נישט, ווי איז שייך אַז עס זאָל זיך אַמאָל נישט טרעפען ביי אַ מענש, אַז ער האָט פונקט נישט קיין קליין-געלד. דאָס האָט זיך קיינ-מאָל ביי איהם נישט געטראָפען. שטענדיג, ווען מען האָט זיך געווענדעט צו איהם — וואָס ער האָט עס אגב פערשטאַנען בלויז נאָר פון וואונק, פון אַ ברום און מ׳האָט נישט בע-דאַרפט דאָס קלאָר אַרויסזאָגען, וואָס איז בעוואוסט, אז עס איז נישט זעהר אנגענעהם — האָט ער שטענדיג אָבגעענט-פערט דאָס ליכטיגע פריילעכע וואָרט:

— אָבער ביטע זעהר.

און ער האָט אָנגעהויבען צו שלעפּען פון די קעשענעס צווייערס, פירערס, ביז ער האָט צונויפגעקליבען פון אַלע קע-שענעס אַרויס די נויטיגע סומע, וואָס מען האָט בעדאַרפט בעצאָהלען אי פאר׳ן גלעזעל קאַפע און אי אויך פאַר די קעלנערקע׳ס טרינק-געלד.

און טאָמער האָט ווער פון אונז זיך געפּרובט „מענש-לען", שפּילען אַ „קאנטער-אַטאַקע:"

— אפשר בעדאַרפט איהר עס פאַר אייך?

— נישקשה, איך וועל שוין קריגען, האָט זיך דאָס קליינע דייטשעל בעליידיגט:

— אָבער הערען זי, — האָט ער געזאָגט אין זיין דייטשמעריש און עפּעס געגעבען אַ ברום, וואָס האָט געזאָלט הייסען, אַז פאַר זיך האָט ער גענוג, און אַז ער קומט ערשט פון אַ גרויסען רעסטאָראַן, כאָטש פון „בריסטאָל״. און כדי צו־ ראָבצופיהרען דאָס געשפּרעך פון דער אונאַנגענעהמער טע־ מע, האָט ער צוגעלעגט:

– הערען זי, איך זאַגע איהנען: דער קליינער מענש האָט נאָר דאַן זיין גרויסען ווערטה, ווען ער ערהויבט זיך איבער זיין ערדישעם „דאַ־זיין״ אין אַ העהערע אַטמאָספּערע, ווי לעסינג זאַגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע:״

אָבער וואָס לעסינג זאָגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע״ האָט מען שוין נישט אויסגעהערט, וואָרום מען האָט זיך גע־ איילט צו בעצאָהלען דער אונגעדולדיגער קעלנערין.

— יאָ, יאָ, יאָ, — האָבען מיר איהם פון דער ווייַ־ טענס צוגעטאַקעוועט, און איהם איבערגעלאָזט מיט דעם שפּרוך פון „נאַטהאַן דער ווייזע״ און מיט׳ן קאַפּע־הויז.

ער האָט זיך אָבער נישט בעליידיגט. מיט אַ גוטמוטיג שמייכעלע, אַזוי ווי פאַר זיך אַליין, האָט ער זיך ווידער צו־ ריקגעזעצט אויף זיין אָרט, ביי זיין טישעל, און אַרויסגענו־ מען איינס פון די פילע קליינע ביכלעך, מיט וועלכע ער האָט שטענדיג געהאַט אָנגעשטעקט זיינע טאַשען און האָט אַריינגעקוקט דערינען.

עפּעס פון אַ „ברוינשווייגער לאָטערי צעטעלע״ איז גע־ ווען אין דעם דייטשעל, אַ פּערוואָגעלטער אַלטער עקזעמפּלער פון אַן אַנדער אָבגעשטאָרבענער וועלט. אַ קליינטשיגער, אַנ־ איינגעשרומפּענער, מיט אַ דאַרען און איינגעצויגענעם האַלז, וועלכער האָט זיך געקוועטשט און געפּייניגט אין דער ענגער תפיסה, וואָס זיין הויכער גומענער ברוין־קאָלירטער קראַגען האָט איהם אַריינגעזעצט. שטענדיג האָט מען איהם געזעהן אין דעם גומענעם קראַגען מיט די גומענע מאַנזשעטען, וועל־ כע ער פלעגט איבערוואַשען מיט אַ שוועמעל, ווען זיי זענען שמוציג געוואָרען. זיינע צוויי איינגעפאַלענע קיהן־באַקען האָ־

בען זיך דורכגעשניטען דורך אַ רויטער (פון שטענדיגען גאָ-
לען) פערהאַרטעוועטער הויט, — האָט עס אויסגעוויזען, אַז
סוף כל סוף וועלען די שאַרפע געשליפענע קיהן-באַקען אין
איין שיינעם טאָג דורכשניידען די הויט פון זיינע באַקען,
וועלכע איז געווען אַזוי אויסגעטרוקענט, ווי מען וואָלט פון
איהר דורך פייער אויסגעשעפּט יעדען טראָפּען פעטס. ערשט
היינט, ווען איך זעה איהם פון אַזאַ לאַנגער דיסטאַנץ, דער-
מאָן איך זיך אָן דעם ווייכען, כמעט קינדישען שניט פון זיין
קליינעם מויל, און זיינע גוטע בלויע קינדישע אויגען, וואָס
האָבען אַרויסגעקוקט פון אַ נעץ פון קנייטשען. אָבער דענסט-
מאָל — ווער האָט זיך דערויף אַרומגעקוקט, און ווער האָט
עס בעמערקט? ער איז געגאַנגען אָנגעטהון אָרים, נאָר ציכ-
טיג, ווי זיינע קליידער וואָלטען יעדען טאָג געוואַשען גע-
ווען, ווי זיין קראַגען און מאַנזשעטען, מיט אַ שוועמעל...
פון אַלע זיינע קליידער-שטיקער איז מיר איבערגעבליבען אין
זכרון זיין וועסטעל. עס איז געווען אַ געקעסטעלט קאָלירט
ווערסטעל, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן'אַנדער דור, פון אַנ'-
אַנדער לעבען, פון אַנ'אַנדער וועלט... נאָר באַנייהט איז שוין
געווען דאָס ווערסטעל מיט פערשידענע קאָלירטע און פער-
שידענפאַרביגע קנעפּלעך, וואָס האָבען געשטאַמט פון פער-
שידענע קליידער-שטיקער פון דער וועלט און פון דעם לע-
בען... ווינטער, אין די גרעסטע קעלטען, האָט ער געטראָגען
אַ לייכטען ערד-אַשידיגען זומער-ראָק, וואָס האָט איהם דער-
גרייכט ביז צו די קניהען. און דאַן דאָס קאַפּעליושעל. אַ
קאַפּעליושעל ווי יעדער אַנדערעס — נאָר דאָך עפּעס אַנדערש.
דער גאַנצער דייטש איז געלעגען אין קאַפּעליושעל. עס איז
געווען אַ האַרטער רונדיגער הוט, געפאָרמט האַלב-צילינדער-
דיג. אין אונזערע מקומות האָבען מיר נישט געזעהן אַזעלכע
קאַפּעליושען, און עס האָט געמוזט שטאַמען פון יענע מיסטי-
שע מדינות, פון וואַנען דאָס „קליינע דייטשעל" איז געקו-
מען צו אונז. ווי שוין געזאָגט, זיינען קעשענעס פול
געווען מיט קליינע ביכלעך, געבונדענע און אונגעבונדענע,

דייטשע קלאַסישע ווערק, מעהרסטענס שילער׳ס און געטהעס ווערק, אויך העברעאישע השכלה ביכלעך און אַנדערע אַזעל־שריפטען, פון וועלכע ער האָט געהאַלטען שטענדיג אין איין לעזען.

אָפטמאָל פלעגט — ער צוקומען צו אונזער טישעל, איינגעהערט זיך צו אונזער געשפרעך, וועלכעס האָט זיך גע־דרעהט, ווי תּמיד אין אונזערע קרייזען — אָדער איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען, אָדער איבער ליטעראַטור. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און צוגעהערט זיך, עס איז קיינעם פון אונז נישט איינגעפאַלען איהם צו בעטען זיצען, און ער האָט עס נישט דערוואַרט אויך, וואָרים ווער האָט זיך דענסטמאָל אַרומגעקוקט אויף איהם. געשטאַנען און צוגעהערט זיך — און אַז מיר האָבען שוין געהאט גע־ענדיגט, האָט ער זיך איבערגערופען מיט זיין בעקאַנטען שפּרוך:

— הערען זי, דער קליינער מענש האָט נור דאַן זיין גרויסען ווערט —

— ווען ער ערהייבט זיך איבער זיין ערדישע דאַ־זיין אין אַ העכערע אַטמאָספערע, — האָט ווער אונטערגעכאַפּט דעם שפּרוך, אַרויסזאָגענדיג איהם ווי אַ פּזמון אָהן אָטעם.

— ווי לעסינג זאָגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע" — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

דאָס האָט אָבער אונז נישט געשטערט אין אַ פּאָר מי־נוט אַרום צו רופען דאָס דייטשעל אין אַ ווינקעל און איהם עפּעס איינצורוימען אין אויער.

— אָבער, ביטע זעהר, — האָט ער געזאָגט מיט׳ן זעל־בען גוטמוטיגען שמייכעלע און האָט אָנגעהויבען אויסצו־גראַבלען פון זיינע פערשידענע טאַשען „קליין־געלד", און אַריינגעשטעקט הינטען אַרום אין האַנד, אַז קיינער זאָל עס נישט זעהן, האָט ער אָנגעהויבען צו זאָגען, כדי צו פאַר־רעדען די ציין.

— הערען זי, דיעזעס בוך, דא ביטע, נעמען זי דאָס מיט נאָך הויזע און לעזען זי עס דורך. עס איז ריינער גענוס,

הימלישע פרוידע — ביטע, טהוען זי מיר דען געפעלען און לעזען זי דאַס בוך דורך. און אַריינגעשטעקט אין האַנד איינס פון די קלאַסישע דייטשע ווערק, מיט וועלכע זיינע טאַשען זיינען געווען אָנגעשטעקט.

איך ווייס נישט, אויב דאָס בוך האָט פאַרשאַפט דעם לעזער די „הימלישע פרוידע", וואָס דער דייטש האָט צונעזאָגט, נור „ערדישע פרוידע" האָט עס געוויס פערשאַפט, וואָרום עס האָט געגעבען א מעגליכקייט אויסצוטרינקען נאָך אַ גלעזעל קאַפע, אָדער צו בעצאָהלען פאַר נאָך אַ פרישטיק...

אָפטמאָל, ווען מען איז געזעסען אַליין פערזאָרגט אין א ווינקעל פון קאַפע און געקלערט וועגען דעם תכלית פון דער וועלט, אָדער וועגען דעם אייגענעם נעהטערען תכלית, פלעגט זיך פלוצים דאָס דייטשעל בעוויזען, אויפטויכען פון דער העלער-הויט, זיך אוועקזעצען געגענאיבער, און אָנהויבען צו ריידען אין זיין דייטשען דיאַלעקט:

— דירפטע איך וויסען די אורזאַכע וואָס בעטריבט איהר הערץ, יונגער אַפּאָלאָ? — האָט ער געזאָגט אין א שפּראַך, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט פון פיל לעזען די דייטשע קלאַסיקער און שוין נישט געקענט זיך דערפון אָפּגעוועהנען.

— קענט איהר אפשר פאַר מיר בעצאָהלען „דיס און דאס" — וויזט דער יונגערמאַן אויף די פערשידענע ליידיגע גלעזער און טעלער, וואָס שטעהען פאַר איהם.

— אָבער רעכט גערנע, רעכט גערנע — הערען זי, אין דיעזעס ווערק היער ווערדען זי אַנטוואָרטען פינדען אויף אַלע פראַגען. לעצטען אַוועגד, ווען איך עס געלעזען האַבע — שטעקט ער הינטען אַרום אונטערען טיש דעם יונגען מאַן איין דאָס געלד, וואָס ער האָט בעדאַרפט בעצאָהלען פאַר'ן אָווענד-ברויט. — איך ראַטהע אינען לעזען זי עס דורך, זי ווערדען איינע אַנטוואָרט פינדען אויף איהרע פראַגע אויך.

נור די פראַגע, יעדענפאַלס, וואָס האָט געדריקט דעם יונגענמאַן דעם הייניגען אָווענד — האָט דער דייטש שוין געלעזט אויף אַן אַנדערען אופן...

ביז טיעף שפעט אין דער נאַכט אַריין האָט מען געפונען דעם דייטש אין דו׳ם קאַפע-הויז, מען האָט געזאָגט אויף איהם, אַז ער שליסט צו דאָס קאַפע הויז. אין אמת׳ען איז עס טאַקע אַזוי געווען, ווי שפעט מען איז נישט אַריינגעקומען אין קאַפע-הויז, האָט מען איהם געפונען צווישען די צוויי-דריי געסט, פאַררוקט אין אַ ווינקעל, אַ פערלוירענער, איינגעטונקט אין זיינע קליינע ביכלעך. פאַר אונזערע לייט איז עס געווען אַ בעזונדער טובה, וואָס מען קען דעם דייטש געפינען אַזוי שפעט אין דער נאַכט אין קאַפע-הויז. אָפטמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אונזערס איינער האָט נישט געהאַט וואו די נאַכט אַדורכצובעכטיגען, האָט ער געוואוסט, אַז אין קאַפע-הויז קען ער שטענדיג געפינען דעם דייטש, ביי וועלכען ער קען באָרגען אַ נאַכטלעגער. אין די שפעטע אָוועגדען אין קאַפע-הויז פלעגט דער אַלטער ליעב האָבען צו דיסקוטירען איבער „השארת הנפש״, וואָס מען פלעגט צוליב דאַנקבאַרקייט אויסהערען.

— וואָס דענקען זי, גיבט עס איין צווייטענס לעבען, אָדער גיבט עס קיינעס? — פלעגט ער פלוצים אַריינפאַלען מיט אַ פראַגע. — און ווען עס ווידער קיין צווייטעס לעבען גיבט — אַזוי איז דאָך דיעזעס לעבען דאָס ריכטיגע, דאָס איינציגע וואַרהאַפטיגע לעבען — פלעגט ער זיך פילאָזאָפירען, „דאָס איז איינע אַלטע פראַגע, די אימער נוי בלייבט״, ווי היינע זאָגט — פלעגט ער פערענדיגען מיט אַ שמייכעל.

דאַן פלעגט ער שטיל ווערען, און מיט אַמאָל, ווי ער וואָלט פון אַ חלום אויפגעוואַכט:

— און איך זאָגע איהנען, זי הערען: דאָס דער קליינער מענש נור דאַן זיין גרויסען ווערט האָט —

דאָס איבעריגע האָט מען איהם שוין נישט אויסגעהערט ווייל מען האָט איהם פאַרלאָזט אין מיטען...

אַ געוויסע צייט, אין מיטען רעכטען ברען פון ווינטער

און גרויסער קעלט, איז דער דייטש פערשוואונדען. מען האָט עס גלייך בעמערקט, ספּעציעל אונזערע לייט, אַז דער דייטש פעהלט. אַז דער דייטש איז נישט געווען, איז טאַקע נישט געווען ביי וועמען צו באָרגען אויף צו בעצאָהלען דאָס גלע-זעל קאַפע און פון וועמען צו נעהמען אויף אַ נאַכטלעגער. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז היינט — מאָרגען וועט ער צוריקומען און מיר האָבען נישט געוואָלט איהם אויפזוכען. ערשט, אַז ס'איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר טעג און דער דייטש האָט זיך נישט בעוויזען — האָט מען פערשטאַנען, אַז דער אַלטער איז קראַנק געוואָרען, און אייניגע פון אונז האָבען געדענקט, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר אַרויפצוגיין צום אַלטען און צו זעהן, וואָס ער מאַכט. מיר זיינען נאָר אָפּגעקומען מיט ווערטער. ערשטענס, האָט קיינער נישט געוואוסט, וואו דער אַלטער וואוינט. ערשט יעצט האָבען מיר זיך אַרומגעזעהן, אַז מיר האָבען אַזוי וויניג זיך פאַראינטערעסירט מיט איהם, אַז מיר וויסען אפילו נישט זיין אַדרעס. און צווייטענס האָ-בען מיר באַלד פערגעסען אָן איהם אַז עס איז ווידער דורכ-געגאַנגען אַ שטיקעל צייט און דער אַלטער האָט זיך נישט בעוויזען — האָבען מיר זיך אין אַ געשפּרעך דערמאָנט אָן איהם, און עס איז געבליבען נישט אַנדערש, אַז אייניגע פון אונז זאָלען גלייך אַרויסגיין אויסגעפונען, וואָס איז געוואָרען מיט'ן אַלטען.

מיט גרויס שוועריגקייט איז אונז אויסגעקומען דורך דער אַדרעס-ביוראָ אויסצוגעפינען, וואו ער וואוינט — אַזוי האָט קיינער נישט געוואוסט. מיר האָבען איהם געפונען אויף אַ בוידעם-שטיבעל, אין אַ פאַרוואָרפען הויז אויף מוראַנאָוו. געעפענט די טיר האָט אונז אַ פרוי אין א שוואַרץ-שלייפעל אויפ'ן קאָפּ, אַ שכנ'טע, וועלכע האָט פאַר רחמנות זיך אומ-געקוקט אויפ'ן קראַנקען. דעם דייטש אַליין האָבען מיר גע-פונען אין בעט, ער האָט זיך צוגעקיהלט און איז געלעגען די גאַנצע צייט אין פיבער. אין שטוב איז געווען קאַלט, און ס'האָט געהערשט אַן אָרימקייט, וואָס האָט זיך אונז נישט

געוואָלט גלויבען, אַז דער דייטש האָט זיך געקענט פּערגיינען צו באָרגען קליין-געלד יעדעס מאָל ווען מען האָט געווענדעט צו איהם. ער איז געלעגען אויף אַ צובראָכענעם אייזערנעם בעטעל, פון וועלכען די שטרוי פון שעניק, צוגעדעקט מיט דעם זומער-פּאַלטאָ, וואָס ער האָט געטראָגען אַ גאַנץ יאָהר, און נאָך עפּעס שמאַטעס. אויף די פיס האָט די יודענע אַרויפגעלייגט אויף איהם אַ פּאַק מיט אַלטע אילוסטרירטע דייטשע צייטונגען יאָהרגאַנגען פון „המגיד" און אַנדערע זשורנאַלען, וואָס האָבען זיך געפונען אין שטיבעל, כּדי עס זאָל איהם וואַרימער זיין.

איבער'ן בעט אויף די פּאָליצעס זיינען געווען אויסגע-שטעלט די קליינע דייטשע ביכלעך, מיט וועלכע זיינע טאַ-שען זיינען שטענדיג געווען אָנגעשטאָפּט, וועלכע האָבען אונ-זערע ברידער פאַרשאַפט נישט איין פריהשטיק און נישט איין נאַכט-עסען. פאַר זיין בעט איז געהאָנגען אַן אַלטע אָפּבלאַקירטע פאָטאָגראַפיע פון אַ פרוי אין אַ קרינאַלינע, מיט פערלייגטע צעפּ, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ געשטאַלט פון אַן אַנדער דור, און אַן אַנדער וועלט. אין שטיבעל איז געווען קאַלט, די שויבען פאַרפרוירען, דער אייזערנער אויוועז, וואָס איז געשטאַנען אין שטיבעל, וועלכען די יודענע האָט געהייצט מיט נומערען פון אַלטע דייטשע זשורנאַלען און מיט די קליי-נע ביכלעך, וואָס זי האָט אַראָפּגע'גנב'עט פון די פּאָליצעס, האָבען נישט געקענט דעם אויוועז האַלטען וואַרים. דער קראַנ-קער אַליין, וואָס איז געלעגען אין בעט אָנגעטהון אין זיין בעריהמטער געקעסטעלטער וועסט, האָט גאָרנישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ פיזישען קראַנקען. זיין פּנים איז נאָר געוואָרען דורך דער צייט זעהר אָפּגעצעהרט, די קיהנבאַקען האָבען זיך שאַרפער נאָר אַרויסגעשניטען פון זיין לויז געוואָרענער געריג-צעלטער הויט — און עס האָט זיך גדאַכט, אַז דער קער-פּער בעשטעהט שוין גאָרנישט פון קיין פלייש, נאָר בלויז פון קנאָכען און נשמה, און דאָס האָט אַוועקגענומען דעם איינ-דרוק פון פיזישער שוואַכקייט. ער האָט אונז אויפגענומען, ווי

געוועהנליך, מיט זיין גוטען אייגלאַדענדיגען שמייכעל, און ווי מחילה געבעטען, וואָס ער איז קראַנק, האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— די עלעמענטען האָבען מיך ערגריפען און בייגעקו־מען, דאָס איזט דאָס לאָז דעם מענשלעכען דאַזיינס.

ער האָט אונז געבעטען זיצען אויף אַ צוויי־דריי האַלב־צובראָכענע, איינגעפאַלענע פאָטעלען, וואָס פּונקט אַזוי ווי ער, ווי אַלעס, וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב, האָבען בעלאַנגט צו אַן אַנדערען דור, צו אַן אַנדערער וועלט, און צו אַן אַנ־דער לעבען... ער האָט געבעטען די פרוי, אַז זי זאָל מאַכען טיי פאַר אונז. עס האָט זיך אָבער אַויסגעלאָזט, אַז אין שטוב האָט זי נישט געפונען, נישט קיין טיי און נישט קיין צוקער, און דער קראַנקער אַליין האָט די לעצטע טעג געלעבט פון דעם, וואָס די שכנ׳טע, די יודענע, צו וועלכער דער קראַנקער איז זעהר גוט געוועזען, און וואָס האָט אגב געוואַרט נאָכ׳ן טויט פון דייטש צוצונעהמען די פאַר שטיקלעך מעבעל, וואָס האָבען זיך געפינען אין זיין שטיבעל — האָט איהם פון איהר שטוב און פון אַנדערע שכנ׳טעס שטיבער אַריינגעטראָגען אַ לעפעל געקעכטס.

דער קראַנקער איז רויט געוואָרען, פאַרשעהמט זיך פאַר אונז, וואָס ער האָט אונז נישט מיט וואָס מכבד צו זיין. צו־גערופען די יודענע צום בעט, עפּעס איהר איינגערוימט אין אויער אַריין. די יודענע איז אַרויסגעגאַנגען ברענגען טיי פון ערגעץ אַנדערש וואו, און צו אונז האָט זיך דער קראַנקער אָנגערופען:

— זי עראינערען זיך דאָך, מיינע העררען פאָן „פאַוסט" דעם טויפעלס־שפרוך אין דער „גאַרטען סצענע":

„איך שטאַנד אַן זיינעם שטערבע־בעט
„עס וואַר בעסער אַלס פאָן מיסט
„פאָן האַלב־געפוילטען שטראה —
„אַליין ער שטאַרבט אַלס קריסט."

„זעהען זי, מיינע הערען, זאָ געהט עס מיר. איך בין אַן אַרמער טויפעל — האַבע פיליכט פערפושט מיין לע-בען — אָבער איך שטערבע מיט דעם גלויבען אַן דער מענש-הייט."

דאָס מאָל האָבען מיר איהם אויסגעהערט, און דער אַל-טער, אַזוי ווי ער וואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט, וואָס ער האָט פאַר'ן טויט אויסצורעדען זיך פאַר אונז — וואָס מיר האָבען איהם קיינמאָל נישט געלאָזט אין זיין לעבען — האָט ער צוגעלעגט מיט אַ שמייכעל:

— מיינע הערען, פערצייהען זי, וואָס זי טהון, איזט עדעל אונד שעהן, איך ווייס דאָס צו שעצען. אָבער פערציי-הען, מיינע הערען, דאָס איזט קיינע מענשענליעבע, עס איזט איינע אידען-ליעבע — איך בעלאַנגע צו דער אַלטען גענע-ראַציאָן. וויר זינד קיינע אידען-פרוינדע, וויר זינד מענשען-פרוינדע — דאָס לעבען אויף אונזער אַרמען וועלט, אונזער אַרמעס דאַזיין איזט דאָס איינציגע וואָס די אַרמע מענשען האַבען. וויר מוזען דאדורך דאָס לעבען ערהעבען צו איינער העהערען ספערען — ווי לעסינג עס געזאַגט האַט —

אָבער וואָס לעסינג האָט געזאָגט, האָבען מיר אויך דאָס מאָל נישט געהערט, דער אַלטער האָט זיך אַזוי פערהוסט און האָט אַזוי געכאָרכעלט, אַז ער האָט מעהר נישט געקענט קיין וואָרט פון זיין מויל אַרויסברענגען.

מיר האָבען איהם דאַן בעזוכט אָפטער, פיעל צייט איז נישט אויסגעקומען צו באַלמוטשען נעבען איהם. זיין קראַנק-הייט האָט וואָס אַ מאָל אָנגענומען אַן ערנסטערען צושטאַנד, עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ גאַלאָפּירענדע לונגען-ענטצינדונג. דער אַלטער איז געלעגען היץ, אין אויף קיין דאָקטאָר איז נישט געווען, און די יודענע האָט שוין יעצט אונגעשטערט געהייצט דעם אויוען מיט די קליינע ביכלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פּאָליצע — און ווען די לעצטע בענדער פון שילער

און געטהע האָבען זיך געטליעט אין פייער, האָט דער אַלטער אַרויסגעלאָזט זיין לעצטען אָטעם. ער איז געשטאָרבען מיט די ווערטער פון זיין בעריהמטען שפרוך אויף די ליפען:

— הערען זי מיינע הערען, איך גלויבע דער קליינער מענש האָט נור דאַן זיינען גראָסען ווערטה, ווען ער ערהעבט זיך איבער זיין ערדישעס דאַזיין, אין איינער העהערע ספערע, ווי לעסינג זאָגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע"...

נור וואָס לעסינג זאָגט אין זיין „נאַטהאַן דער ווייזע" איז אונז אויך דאָס מאָל נישט אויסגעקומען צו הערען. דער טויט האָט פערשלאָסען זיינע ליפען איידער ער האָט פערענדיגט דעם זאַץ...

נור יעצט, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם קליינעם דייטש מיט זיין בעריהמטען שפרוך, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז נישט געווען קיין אויסגעדראָשענע פראַזע, וואָרום ווי אַלט, בעקאַנט און באַנאַל זי זאָל נישט קלינגען אין אונזערע אינטעליגענטע אויערען, ווערכע האָבען שוין אַזוי פיעל שיינע פראַזען געהערט, איז זי געווען אַ לעבעדיגע מאָטאָ צו אַ מענשען'ס לעבען.

אין שטויב

פון ביידע זייטען זענען געשטאַנען צוויי פאָרצעלאַנענע יאַפּאַנעזישע טייוואלים, וואָס די יאַפּאַנער שטעלען אַוועק פאַר זייערע טירען צו פערטרייבען דעם שטן פון דער שוועל פון זייער הויז; מענשען-געשטאַלטען, מיט אָפענע פערקרימטע מיילער, אַרויסגעשטעלטע צינגער און מיט שאַרפע נעגעל אויף די הענט. אין מיטען טיש איז געזעסען דער דריטער, דער אַנטיק-סוחר, דער אַלטער הער נייפעלד. זיין קאָפּ, ווי די קעפּ פון די יאַפּאַנעזישע טייוואלים, איז געווען בלויז שטערן, און זיין גאַנצע פיגור איז געלעגען אין שטערן. אַ ווייכע, כמעט דורכזיכטיגע הויט, ווי די הויט פון אַן אָבגעפליקטער הוהן, לאָזט זעהן אַלצדינג, וואָס עס טהוט זיך אין די שלייפען, ווי די בלויע אָדערען ציהען זיך, ווי עס אַרבייט דער געהירען אין זיינע קעמערלעך. אויפ'ן פראָנט פון ברייטען, האַלב צילינדערדיגען גאהלען קאָפּ, זענען איבערגעבליבען, ווי אַ זכר, איינצעלנע לאָקען פון זיינע האָר, וואָס שטעלען זיך אויף און ווערען עהנליך צו די הערנער ביי די יאַפּאַנעזישע טייוואלים. אַרום איהם איבער פּאָליצעס און שראַנקען, שטעהען אויסגעשטעלט די אַנטיקען, מיט וועלכע ער האַנדעלט: יאַפּאַנעזישע וואַזעס, אַלטע שווערדען, בראָנזען און פערשיעדענע פיגורען און גרופּען-בילדער, אַלטע מייסטער, פערשידענפאַרביגע זייד און סאַמעט, אַלטע מעבעל, אַלטע קליידער-שטיקער,

וואָס געשטאָרבענע מענשען האָבען אַמאָל געטראָגען און אַמאָל בענוצט.

אַליין האַלט ער אין דער האַנד אַ גרין-קאָלירטע כינעזישע טאַץ, און בעטאַפּט זי מיט זיינע פינגער, גלעט זי, ווי מען גלעט עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך — בעריהרט מיט איהר זיין פּנים, וועלענדיג פּרובירען די קאַלטקייט פון איהר מאַטעריאַל, אויב זי איז עכט אָדער נישט. ער שמעקט זי, ער בעלעקט זי מיט זיין צונג — ווי ער וואָלט זי געוואָלט פּערזוכען, הערט נישט אויף זי צו גלעטען, ווי מען גלעט אַ ליב איינציג קינד.

זיינע רויטע, אַרויסגעשטאַרטע אויגען ווערען בעלעבט, אַ שיין לייכט איבער זיין גרויסען שטערען, זיין גאַנץ פּנים ווערט מיט אַ מאָל שיין און גייסטיג בעשטראַהלט, ווי דאָס פּנים פון אַ מוזיקער, ווען ער שפּילט.

— די כינעזער, די כינעזער — דאָס גרין, וואָס זיי האָבען געקענט אַרויסקריגען! וועלכע נאַציע פון דער וועלט האָט געהאַט אַזאַ פיין געפיהל פאַר פאַרבען! דאָס גרין איז דאָך עכט אוגערקע גרין, אַראָבגעגנב'עט פון דער נאַטור, ווי זי אַנטפּלעקט זיך אויף איהרע גראָזען און פרוכטען. עכטע פאַרב, געמאַכט פון גרינסען — אַזוי ווי זיי וואָלטען „זשעט" צוגאָסען.

— וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, אוגערקע-גרין אָדער קאַרטאָפעל-גרין, אַז מ'קען דערפון קיין לעבען נישט מאַכען. איידער מ'פערקויפט אַזאַ שטיקעל עכטכינעזיש פּאָרצעלאַן געהען די אויגען אויס. די כינעזער זענען טאַקע געווען אַ גרויסע נאַציע. וואָס האָבען פערשטאַנען פאַרבען, אָבער קיין דירה-געלט בעצאָהלען פון זיי קען מען נישט. נאָר דערצו אויף איינער פון די שעהנסטע גאַסען פון וויען. איך, פון מיין זייט, וואָלט ליבער געהאַנדעלט מיט בעהמיש גלאָז, מיט מאָדערנע פּאָרצעלאַן, מיט יאַפּאַנעזישע טעלער, וואָס מען קויפט זיי אין פאַבריק און מען קריגט זיי וויפיל מען וויל, פאַר אַ פּרייז פאַר וועלכען מען וויל, און נעהמען נעהמט מען וויפיל עס

לוינט זיך. — האָט זיך אָנגערופען דער יונגער הער בלום, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דעם אַלטען הער נייפעלד דאָס געשעפט אויף איינער פון די שעהנסטע גאַסען און דער אַלטער שטאָדט וויען.

אַמאָל, ווען דער הער בלום איז נאָך געווען אַ קליי-נער „בורשע", איז ער געווען אַ שיק-יונגעל ביים אַלטען הער נייפעלד. היינט איז דער הער בלום אַ גרויסער און האַנדעלט אַליין פאַר זיך מיט מאָדערנע, מעהר פּראַקטישע און מעהר זיך-בעצאָהלענדע זאַכען, וועלכע ער האָט שטעהן אין גע-שעפט, צוזאַמען מיט הער נייפעלד'ס אַנטיקען.

— וואָס האָט איהר געזאָגט? מיט מאָדערנע פּאָרצעלאַן, אפשר אויך מיט ערדענע טעפּ?! — ווערט דער אַלטער הער נייפעלד אויפגעבראַכט — מ'דאַרף קיין געשמאַק האָבען פאַר שעהנקייט; זיין אן איגנאָראַנט פון ערשטער קלאַס צו רעדען אַזעלכע ווערטער. אַן אַנטיק-הענדלער, אַן עכטער אַנטיק הענד-לער איז אַ קינסטלער, אַ געלערנטער. דאָס איז קונסט, דאָס איז וויסענשאַפט! — ווייזט ער אויף די כינעזישע טאַץ, וואָס ער האָלט אין דער האַנט — זעה, וויפיל מענשען האָבען דאָס געהאַלטען אין די הענט. עס איז אויסגעגלעט געוואָרען דורך מענשליכע פינגער עס האָט געוואוינט מיט פּירסען, מיט קעניג אין זייערע פּאַלאַצען. אַן עכט שטיקעל כינעזיש פּאָר-צעלאַן פון דער בעסטער צייט „מונג" פּעריאָדע, פון די צייט פון „יינג שענג". פּאָעטען האָבען לאָטוס-בלומען אַריינגעשטעלט אין אַזאַ קליינע וואַזע, און עס האָט זיי בעגייסטערט צו הערליכע ליבעס-געזאַנגען. זעה די פאָרם — די פאָרם איז דאָך ווי אַ לאָטוס-בלום, ווי אַ פרויען-ברוסט געגאָסען, און דער קאָליר עכט-גרין, געגאָסענער „זשעט", וואָס היינטיגע מענשען וויסען עס נישט ווי נאָכצומאַכען — און ער הייסט מיר האַנ-דלען מיט קיך-געשיר... — האָט געזונגען זיין ליעד דער אַלטער נייפעלד, און זיין פּנים האָט דערביי געשטראַהלט, ווי דאָס פּנים פון אַ יונגען דיכטער.

— אָבער וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, אַז מען קען

פון דעם קיין ברויט נישט קייען? קען עס זיין פון „מונג״ אָדער „שמונג״, אָדער טשאַנג-טשונג-טשיין-פּעריאָדע, אַ פּרייז בעצאָהלט מען דערפאַר אַ טייערען, די אויגען קריכען אַרויס איידער מען קריגט אַזאַ שטיקעל אין האַנד אַריין, און פער-קויפען קען מען עס נישט. מענשען פערשטעהען זיך נישט דאַרויף, און די, וועלכע פערשטעהען, זענען דלפנים, פון בלויזען קוקען דערויף קען מען קיין דירה-געלט נישט בע-צאָהלען. און די, וואָס קענען יאָ קויפען, בעדאַרפען עס נישט. און טאָמער העלפט גאָט און מען פערקויפט שוין יאָ אַמאָל אין אַ יובל אַזאַ שטיקעל מיט אַ פּאָר קרייצער ריוח, איז נישטאָ וואו אַן אַנדערס צו קריגען, און לעבען דאַרף מען, און עסען דאַרף מען, און דירה-געלט מוז מען בע־אָהלען — נו, וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, אַז עס איז טשיינג-טשינג-טשאַנג, אָדער אַן אַנדערער טשאַנג? — האָט דער יונגער הער בלום אַנידערגעלעגט פאַר דעם אַלטען הער נייפעלד זיינע גערעכטע טענות.

דער אַלטער הער נייפעלד האָט זיך געקאָכט פאַר כעס. און בעהאַלטען די טאַץ און זיין בוזים, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אימיצער וויל זי ביי איהם חלילה צונעהמען און ער האָט כמעט ווי געשריען:

— ווער עס וויל, דער קען האַנדלען מיט קיך-געשיר, מיט ערדענע טעפּ, מיט יאַפּאַנעזישע ליאַלקעס פאַר איגנאָ-ראַנטען און אונוויסענדע. כ׳בין אַנ׳אַנטיקן-הענדלער, אַ פאַר-שטייער און אַ ליבהאָבער פון דער אַלטער קונסט — אַ קול-טור-טרעגער. זאָלען די כאַמעס יאָ קויפען אָדער נישט קוי-פען — איך וועל צוליב זיי נישט ענדערען מיין געשמאַק.

און דער יונגער הער בלום האָט איהם נישט געהאָרכט. צוערשט, הינטען-אַרום, בגנבה, אַז דער אַלטער זאָל נישט זעהן, האָט ער אָנגעהויבען אַריינעמען אין דעם אַנטיק-גע-שעפט פאַבריצירטע יאַפּאַנעזישע געשיר, נאָכגעמאַכטע מייז-נער פּאָרצעלאַן, ביליגע בראָנזען, מעבעל-שטיקער צוזאַמענ-געשטעלט פון אַלטען האָלץ. איז א קונה אַריינגעקומען און

האָט נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט בעצאָהלען דעם פרייז פאַר דעם עכטען אַנטיק, האָט דער יונגער הער בלום אונטערגעטראָגען אַ שטיקעל פון זיין סחורה, וואָס האָט אויסגעזעהן מער אַנטיק פון דעם אַנטיק אַליין, עלטער און אינטערעסאַנטער, און נוצליכער אויך. און פערקויפט האָט ער עס פאַר אַ פרייז, וואָס איז געוועזן זעהר צוגענגליך פאַר׳ן קונה און האָט אויסגעזעהן שפּאָט ביליג געגען די פרייזען פון די עכטע אַנטיקען.

אָנפאַנגס, אַז דער אַלטער נייפעלד האָט געזעהן, ווי זיין געשעפט, וועלכעס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן׳עכט אַנטיק-געשעפט, נעמט אַריין ביליגע, נאָכגעמאַכטע, פאַבריצירטע סחורות, האָט ער זיך געפּרובט ווערען געגען דעם. געשריען, אַז ער וועט דעם יונגענמאַן דערוויי־טערען מיט זיינע „פאַלשע" סחורות, אַז ער וועט גאָר אין גאַנצען צומאַכען דאָס געשעפט. נאָר אַז עס איז געקומען דער ערשטער, און מען האָט בעדאַרפט בעצאָהלען דירה-געלד, און דער אַלטער האָט פון זיינע „אַנטיקען" נישט געהאַט צו בעצאָהלען, און דער יונגער האָט בעצאָהלט פאַר איהם, האָט דער אַלטער שוין געמוזט שווייגען. היינט האַנדעלט שוין דער יונגער גאַנץ פריי און אָפען, אויף זיין אייגענער האַנד, מיט די פאַבריצירטע „אַנטיקען", מיט געשניטענע גלאָז, פאָרצעלאַן, בראָנזען און אַנדערע ווייבערשע בעל-בתישע הויז-זאַכען. דער אַלטער וועהרט זיך נאָך, פון צייט צו צייט ברומט ער אונטער דער נאָז, אַז דער יונגער מאַכט מיט זיין פאַבריקאַציע קאַליע זיין „רענאָמע". נאָר צייט דער יונגער בעצאָהלט דירה-געלד און באָרגט נאָך טיילמאָל דעם אַלטען אויס אויף צו לעבען, מוז דער אַלטער שוין שווייגען.

וואָס אַמאָל האָבען די גלאַנצענדיגע זאַכען, וואָס דער יונגער האָט אַריינגעבראַכט אין געשעפט אַריין, פערטריבען דעם אַלטען׳ס יאַפּאַנעזישע טייוואַלים, דאָס כינעזישע פאָרצעלאַן און פערסישע גלאָז און אַנדערע אַלטווארג פון די אויבענאָנעדיגע פאַליצעס, פון די שעהנסטע שראנקען — פער-

טרייבען זיי אין א ווינקעל, און האָס אַמאָל מעהר אין דעם פערלעגענסטען ווינקעל פון געשעפט פונקט אַזוי ווי לעבען פערטרייבט טויט. דער אַלטער נייפעלד האָט געזעהן, אַז ער געהט אונטער, אַז עס ווערט ענג'עק, אַז ער ווערט אַרויסגעשטופט פון געשעפט. און געפּרובט זיך וועהרען.

ער האָט געטראַכט, אפשר האָט ער רעכט, דער יונגער. די וועלט וויל נישט און פערשטייט נישט זיינע אַנטיקען — וואָס וועט ער זיך איינשפּאַרען. ער וועט געבען די קונים וואָס זיי פערלאַנגען. ער וועט אויך האַנדלען מיט די נייע מאָדערנע זאַכען. ער וועט גאָר לאָזען פאַלען די אַלטע אַנטיקען. זאָלען זיי ביין צום טייוועל! ער וועט זיך נעמען צום געשעפט ווי דער יונגער.

— ווייסטו וואָס, איך זעה דאָך, אַז די וועלט פערלאַנגט דאָס; מען דאַרף נישט היינט מעהר קיין רעכט שטיקעל סחורה. נישטאָ קיין מבינים דערויף. איך וועל זיך נעהמען צו „קיך־געשיר” און „ליימענע טעפּ”. מיט די דאָזיגע נעהמען האָט דער אַלטער גערופען מיט שפּאָט די נייע פאַבריצירטע זאַכען.

— שוין לאַנג צייט געוועזן. איהר זעהט דאָך, אַז עס איז קיין געשעפט נישט. אַמאָל, אַז דירה־געלד האָט געקאָסט ביליג, אַ פּאָר קראָנען, אויף צו לעבען האָט מען נישט בעדאַרפט פיל, האָט זיך אַ מענש געקענט שפּילען דערמיט פאַר זיין אייגענעם פערגעניגען. היינט, ווען עס ברענט מיט גאָלד יעדער טריט וואָס דו שטעלסט; אַ מענש דאַרף אַרבייטען און שווער אַרבייטען אויף ברויט צו עסען — ווער האָט דאָס צייט און געדולד דערצו? דאָס איז געווען אַ געשעפט פערצייטענס, נישט פאַר היינט־וועלטיגע, — האָט דער יונגער אַרויסגעלעגט פאַר'ן אַלטען זיין גערעכטע לעבענס־קלוגהייט

— דו האָסט רעכט, דו האָסט רעכט, — האָט דער אַלטער נייפעלד געזאָגט, און געוואָרפען אַ בייזען בליק אויף זיינע כינעזישע טעפּלעך, אויף זיינע יאַפּאַנעזישע טיוואַנים, אויף זיינע טערקישע שווערדען, אויף זיין פּערסיש גלאָז, אויף זיינע שפּאַנישע און איטאַליענישע שאַלען און טיכער, אויף

זיין זאַקסיש פּאָרצעלאַן, אויף זייגע פראַנצויזישע בראָנזען, וואָס זענען געשטאַנען פערשעמט אין שטויב פון דורות איינ־געהילט, אין די פערגעסענסטע ווינקעלעך פון געשעפט — איך וועל זיי פערקויפען פאַר וויפיל מען וועט מיר געבען, אַנישט וועל איך זיי גאָר לאָזען פוילען אין זייער שטויב און זיך נעהמען צום נייעם מסחר, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט כעס, און געדראָהט מיט דער האַנד די אַנטיקען, אַזוי ווי מען שרעקט אָן שלעכטע קינדער.

נאָר באלד האָט דער אַלטער איינגעזעהן, אַז ער וועט גאָרנישט קענען אַזוי לייכט אויספיהרען דאָס, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. שוין ביים פערקויפען, ווען דער אַלטער האָט זיי געוואָלט ליקווידירען מיט איין קלאַפּ — האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אַנטיקען האַלטען איהם געפאַנגען אין דעם שפּינוועבס פון זייער שטויב און לאָזען איהם נישט אָפּ. וויפיל מען האָט איהם נישט אָנגעבאָטען פאַר זיינע אַנטיקען, האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז עס איז צו ווינציג. ביים פערקויפען האָט ער זיך דערמאָנט דעם „יחוס" פון יעדען שטיקעל בעזונדער, און זיך נישט געקענט דערמיט שיידען.

— איהר זעהט די שווערד דאָ, די שווערד האָט גע־טראָגען מחמד־אלי ראש דער גרויסער, ווען ער איז געגאַנ־גען אויף ירושלים, די הייליגע שטאָדט, בעפרייען זי פון די קריסטען. איהר זעהט די סאַפירען און די קרעלען, וואָס זי־צען אין דעם פיליגרים? דאָס האָט זיין געליבטע שקלאַפין, די טאָכטער פון מאָנגאָלישען חאַן, אַריינגעזעצט מיט איהרע אייגענע הענד איהר ציהרונג אין זיין שווערד. יעדעס שטיינ־דעל איז געוואָרען פריהער געוואַשען אין איהרע טרעהרען, און אויסגעשמירט מיט דעם בלוט, וואָס זי האָט זיך געלאָזט פון איהר קליינעם פינגער. ניין, ניין, דאָס שטיק קען איך נישט פערקויפען. דאָס שטיק מוז איך האַלטען פאַר מיר.

און דער אַלטער הער נייפעלד האָט גענומען די שווערד פון „מחמד־אל־ראש דעם גרויסען" און געהאַקט זי צו זיין ברוסט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט. אַז עס זאָל זי ווער

ישט צונעהמען; געגלעט דאָס הענטעל, וועלכעס די „אינדישע פרינצעסין" האָט בעזעצט מיט די שטיינער פון איהר צירונג, אַזוי ווי מען גלעט אַ לעבעדיגע זאַך, אַ נאָהענטען מענשען, אַן איינציג ליב קינד.

— וואָס ווילט איהר געבען פאַר דער טאַץ און טעלערל? פינף און צוואַנציג קראָנען נור? עכטער אַמפּיר, פון וועלכען דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט געטרונקען זיין לעצטע טאַסע טהיי — אויף זיין טראַגישען וועג צוריק פון מאָסקווע. ניין, בעהאַלט איך עס ליבער פאַר מיר. — און דער אַלטער האָט געגלעט דאָס אַמפּיר קריגעל, פון וועלכען „דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט געטרונקען זיין לעצטען טהיי, אויף זיין טראַגישען וועג צוריק פון מאָסקווע", ווי מען גלעט א בעקעל פון אַן איינציגער, ליבער טאָכטער.

— און זעהט איהר אָט דאָס רענעסאַנס-שטיק, דאָס הערליכע זייד, וואָס דער מייסטער האָט עס געוועבט ביי דער בעגלייטונג פון מוזיק, נאָך די טענער האָט ער געשאַפען די פאַרבען-מעלאָדיען. סאַוואָנאַראָלע האָט עס פערברענט אין פלאָרענץ צוזאַמען מיט אַנדערע קונסט-זאַכען. לעאָנאַרדא דע ווינטשי, וועלכער איז געווען דערביי, יהאָט דאָס שטיק זייד אַרויסגעראַטעוועט פון פייער, און געזאָגט צו סאַוואָנאַראָלע'ן: אַלע אַנדערע מייסטערווערק קענסטו פערברענען, אָבער גישט דאָס. דורך דעם איז עס אָבגעזונקט אין די עקען. טיציאַן, וועלכער האָט דאָס שטיק בעקומען פון לעאָנאַרדא דע ווינטשי, האָט דערמיט אויסגעפוצט זיין טאָכטער, ווען ער האָט געמאָלען פון איהר זיין בעריהמט בילד, וואָס הענגט אין קייזערליכען מוזעאום — און איהר גיט מיר דערפאַר פינף און צוואַנציג קראָנען? דאָ זאָל עס זיין ביז צו מיין לעצטען לעבענס-טאָג! — און דער אַלטער האָט דאָס שטיק זייד געקנייטשט צו זיין האַרץ.

אַזוי האָט יעדע זאַך געהאַט איהר אייגען ליעד. וואָס זי האָט אַרויסגעזונגען, איהר אייגענע באַלאַדע, איהר אייגען לעבען, פערגאַנגענהייט און יחוס. עס איז געווען אַ לעבעדיג

ווערזען מיט אַ נשמה, און די נשמה פון איהר פערגאַנגענהייט האָט געצאַפּעלט אין איהרע קונסט־פאָרמען. בײַ דעם אָנרירען פון זײַן אַנטיק, האָט דער אַלטער נײַפעלד דערפיהלט די אַלטע הענד, וואָס האָבען געהאַלטען די זאַך דורך איהר לאַנגער עקזיסטענץ, ביז עס איז דערגאַנגען צו איהם, און עס איז געווען ווי די הענט פון אַלע קעניג, פירסטען, האַנען, סול־טאַנען, פרינצעסינס און שקלאַפינס, סײַ אײראָפּעאישע און סײַ אָריענטאַלישע, צו וועמען די זאַכען האָבען אַמאָל בעלאַנגט און געלעבט מיט זײ זייער לעבען, האָבען דורך דער זאַך געדריקט די האנד פון אַלטען נײַפעלד, און עס איהם איבער־געגעבען ווי אַ הייליגע רעליקווע צו היטען...

און וואָס האָבען איהם געזאָגט די נײַע פאַבריצירטע טעלער און פלעשער, וועלכע האָבען אין זײַערע קאַנטען די שאַרפען פון די מאַשינען, אין וועלכע זײ זענען געשליפען געוואָרען, טויטע פרעמדע שטיינער היינטיגע, ווי די אויפ־געקומענע גבירים, אָן אַ סוד אָן אַ פערגאַנגענהייט, אָהן אַ ליעד, וואָס זאָל אַרויסזינגען פון זײ. וואָס זענען זײ איהם אָנגעגאַנגען, אַז ער זאָל זיך מיט זײ אינטערעסירען, זײ האַלטען אין דער האַנד, מיט זײ אומגעהן?...

— דאָס פערסישע גלאָז איז נישט צום פערקויפען. פון דעם פערסישען גלאָז האָט געטרונקען חאַפיס, דער גרויסער פערסישער דיכטער. אויף דעם גלאָז זענען אויסגעמאָלט די ליבעס־פערזען פון גרויסען דיכטער — און דאָס גלאָז בעהאַלט איך פאַר מיר ביז צום לעצטען אָטעם פון מײַן לעבען.

אָבער ווער האָט געטרונקען פון דעם נײַעם פאַבריק־גלאָז אַז ער זאָל זיך דערמיט אָבגעבען?

דערווייל האָבען די נײַע זאַכען, וואָס אַמאָל מעהר פער־טריבען און פעריאָגט די אַלטע אַנטיקען אין די בעהאַלטענס־טע, פערשטויסענסטע ווינקעלעך פון געשעפט. זײ געפינען זיך שוין הינטער׳ די טרעפּ. פאַר׳ן געוועלב בעצאָהלט שוין אין גאַנצען זער יונגער הער בלום, און דער אַלטער האָט שוין פון איהם קליינגעלד די חיונה אויפצוהאַלטען.

באַלד האָט זיך דער יונגער הער בלום ארומגעזעהן, אַז דער אַלטער האָט מיט זיינע פערשטויבטע אַנטיקען פער־מיאוס׳ט נאָר דאָס געשעפט. די ערשטנאָך־דער־חתונה יונגע ווייבלעך, וועלכע זענען געוועזן די מעהרסטע קליענטען פון זייעם געשעפט, וואָס זענען געקומען איינקויפען „שיינע זאַכען", אויסצופוצען זייערע ניי־איינגעאָרדענטע היימען, האָבען נישט געוואָלט קוקען אויף די אַלטע פערשטויבטע זאַכען, אויף די אויסגעבויגענע שווערדען, אויף די שלאַנגען מיט די זעקס־קעפיגע דראַגאָנען, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון די כינעזישע וואַזאָנעס, אויף די צוויפעלהאַפטע און פערשידענע מיקראָבען ענטהאַלטענדיגע פערשטויבטע זיידענס. מעהרסטענס האָט זיי, און איבערהויפט די טראָגענדיגע ווייבלעך, אָפגעשראָקען די פערקרימטע, שרעקליכע יאַפּאַנעזישע טייוואָלים, זיי האָבען מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען זיך נישט פערקוקען אויף זיי... דער יונגער בלום האָט עס גאַנץ גוט בעמערקט, און געמאַכט אויפמערקזאַם דערויף דעם אַלטען, אַז ער זאָל צונעהמען זיינע יאַפּאַנעזישע טייוואלים פונ׳ם געוועלב אַרויס.

— וואָס, די בעריהמטע טייוואלים, וועלכע האָבען געהיט דעם אַריינגאַנג פון דעם בודהישען טעמפעל פון מוקדון, כדי אָבצושרעקען די שדים, אַז זיי זאָלען נישט קענען אַריינקומען אין טעמפעל אַריין!..

— אפשר אין מוקדון האָבען זיי געטהון אַ גוטע זאַך, אין מוקדון זענען דאָ שדים, צו מיר קומען נישט אַריין קיין שדים, נור יונגע, שיינע ווייבלעך, און זיי שרעקען מיר אָפּ מיינע קונים — האָט אָבגעענטפערט דער פּראַקטישער יונגער בלום.

נאָך לאַנגען אַרומקריגען זיך זיינען דיביידע שותפים געקומען צו אַן אויסגלייך. דער יונגער איז געבליבען ביים געשעפט, און דער אַלטער האָט זיך אַראָבגעצויגען אין אַ קעלער אַריין, אויף דער „לעאָפּאָלד־שטאָדט", וועלכען דער יונגער האָט געדונגען פאַר איהם. דאָרט, אין קעלער אַריין, האָט ער אראָבגעבראַכט, געטריי ווי אַ פאָטער ברענגט זיינע

קינדער, אָדער ווי אַ חיה איהרע חיה'לעך, זיינע יאַפּאַנעזישע טייוואָלים, זיינע אַראַבישע שווערדען, זיינע וואַזעס און בראָנ־זען, טיכער, שאַלען, פּאָרצעלאַנען און בלעכען. אין דעם קע־לער האָבען זיי זיך באַלד געפונען אין זייער ריכטיגער היים. זיי האָבען זיך אַרומגעהילט אין דעם הונדערט־יעהריגען שטויב, וואָס איז געלעגען אויף זיי, און צוזאַמענגעוועבט זיך ווי אין איין וואָלקען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שטעהען שוין אין קעלער פון הונדערטער יאָהרען.

דער אַלטער איז באַלד פערגעסען געוואָרען. זיינע אַלטע קונים, וועלכע האָבען איהם געדענקט פון גוטע צייטען, זיי־נען אויסגעשטאָרבען, די יונגע זיינען בעדינט געוואָרען פון מעהר מאָדערנע אַנטיק־הענדלער, וועלכע זיינען נישט געווען אַזוי איינגעליעבט אין זייערע אַנטיקען ווי דער אַלטער, און געקענט זיך שיידען פון זיי מיט אַ לייכטען האַרצען און מיט אַ גרינגערע קעשענע. אין קעלער איז דער אַלטער בייפעלד געוואָרען אויך מעהר אָפּגעלאָזען ווי אין דעם רייכען געשעפט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין זיין אַלטען פאַרשטויבטען קאַפּע־ליושעל, מיט דעם פאַרשטויבטען אָפּגעלאָזענעם ראָק. און זיינע טאַשען זיינען שטענדיג פול געווען מיט זאַכען, מיט פּאָרצעלאַן אָדער בראָנזען. אונטער די פּאָלעס האָט ער שטענדיג געהאַלטען אַן אַנדער שטיק זייד, אַן אויסערוועהלט קינד, און איז וואָס אַ מאָל מעהר עהנליך געוואָרען צו איינער פון זיינע אייגענע אַנטיקען.

אַם בעסטען האָט ער זיך געפיהלט אין קעלער, צווישען זיינע אַנטיקען, וואו ער האָט זיי געהאַלטען אין איין בעטאַ־פּען, גלעטען און חלום'ען יועגען זייערע גאָלדרייכע פערגאַנ־גענהייטען, וועגען זייער יחוס, יועגען די בעל־בתים, צו וועל־כע זיי האָבען געהערט, יועגען די הייזער, פּאַלאַצען, אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט, וועגען די צייטען, צו וועלכע זיי האָבען בעלאַנגט. אין דער אויסערליכער וועלט, מיט לע־בעדיגע היינטיגע מענשען, האָט ער זיך נישט געפיהלט גוט. זיי האָבען איהם דענערווירט, ער איז געווען פערביטערט און

געקריגט זיך מיט אַלעמען. האָט ער זיך באַהאַלטען פון דער רויהער וועלט, אין וועלכער עס איז איהם בעשערט געווען אָבצולויפען זיין שטיקעל וועג, אין דער אייגענער וועלט, וועלכע ער האָט זיך געשאַפען, צווישען זיינע אַנטיקען אין קעלער.

קיין משפחה האָט ער נישט געהאַט. דאָס ווייב איז פריה געשטאָרבען. קינדער ערגעצוואו אין דער פרעמד, אין אַמעריקא, אָדער אַנדערשוואו. שוין נישט דורכגעשריבען זיך מיט זיי יאָהרען. זיין גאַנץ לעבען זיינען געווען זיינע אַנטיקען. דאָס איז געווען זיין ווייב און זיינע קינדער. וועניג האָט ער בעדאַרפט. פאַר'ן קעלער האָט דער יונגער בלום בעצאָהלט (אָנטרעט־געלד פאַר'ן געשעפט), עסען האָט ער זיך אַליין געקאָכט אויפ'ן קליינעם אויווענדעל, וואָס איז געשטאַנען צווישען זיין בעט און זיינע אַנטיקען. איז ער כמעט נישט ארויסגעקומען פון קעלער אויף דער ליכטיגער שיין. אַז אַ לעבעדיגער מענש איז אַמאָל אַריינגעקומען, אַ קונה אָדער אַ בעזוכער, האָט ער גאָר נישט געוואָלט פערקויפען — אָנגעבייזערט זיך און פאַרטריבען זיי, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אַ לעבעדיג נפש זאָל ענטדעקען זיין מיסטישען סוד, וואָס ער פראַוועט דאָרט אין קעלער צווישען די אַלטע זאַכען.

ווינטער, אין די קאַלטע, לאַנגע אָווענדען, ליגענדיג אויף זיין אַלט בעט, צוגעדעקט מיט שמאַטעס אין טיכער, אין זיידענע „רענעסאַנס"־שאַלען, פריערענדיג פון קעלט, זיינען די אַנטיקען לעבעדיג געוואָרען פאַר זיינע אויגען. ער האָט געזעהן ווי די קליינע צנועה'דיגע כינעזישע פרינצעסינס אין זייערע גאָלדענע איינגעפאַסטע שיכעלעך, מיט צניעות'דיג געבויגענע קעפ טהוען אַריין לאָטוס־בלומען אין די כינעזישע וואַזעס. עס זיינען אויפגעשטאַנען די אַראַבישע סולטאַנען, וועלכע געהען בעפרייען ירושלים פון די הענד פון די קריסטען, אין זייערע גאָלדענע מאַנטלען, אין אינדישע און פערסישע שקלאַפינס גאַרטלען זיי אַרום מיט שווערדען. עס זיינען געקומען פרעמ.

דע בעל-בתים, וואָס האָבען געלעבט אין אַן אַנדער דור, מיט זייערע דאַמען, אָנגעטהון אין קרינאָלינעס און געטרונקען אין געזעלשאַפט טיי פון די מייזנער פּאָרצעלאַנענע טאַסען, וועלכע האָבען בעלאַנגט צו זיי און זייער לעבען. עס האבען געברענט ליכט אין די בראָנזענע לייכטער, און יונגע פּאָרלעך, בעקליידעט די הענד מיט ווייסע האַנדשוה, טאַנצען צום טאַקט פון אַן אַלטע מוזיק. געלערנטע אין שוואַרצע מאַנטלען האָבען אויפגעזוכט די פערשטויבטע ביכער אין די ווינקלען און פערטראַכט זיך אין זיי דורך זייערע אייזערנע ברילען. עס קוילערען זיך וואָלקענס וויי-רויך פון ברענענדע בשמים פון די מיילער פון די יאַפּאַנעזישע טייוואָלים און בודהא׳ס טעמפעל. און זיצט נישט דאָרט אין אַ ווינקעל האָפיס און טרינקט זיין לעצטען געטראַנק פון כּוס און זינגט זיין לעצטען וויין-געזאַנג?

איין מאָרגען האָט דער אַלטער נישט אויפגעעפענט די טיר פון זיין קעלער-געוועלב. קיינער האָט עס נישט בעמערקט. ווארום ווינטער האָט דער אַלטער נייפעלד אָפטמאָל נישט געעפענט זיין געוועלב ביז אין האַלבען טאָג אַריין. עס איז דורכגעגאַנגען איין טאָג, מען האָט נישט בעמערקט, נאָך אַ טאָג, מען האָט ווידער נישט בעמערקט. אויפ׳ן דריטען טאָג, אַז מען האָט אָנגעקלאַפּט צום אַלטען, האָט שוין קיינער נישט אָפּגעענטפערט. מען האָט געלאָזט דערפון וויסען דעם יונגען בלום, מען האָט אויפגעריסען די טיר — איינעווייניג האָט מען געפונען דעם אַלטען נייפעלד אַ פערשטאַרטען פון קעלט, ער איז געלעגען ווי אַ כינעזישע אויסגעטרוקענטע מומיע, צווישען די יאַפּאַנעזישע טייוואָלים, צוגעדעקט מיט די זיידענע „רענעסאַנס״ שאַלען. אַ שפּין, וואָס האָט געוועבט איהר געוועבעכטס פון שטויב, וואָס איז געלעגען אויף די אַלטע אַנטיקען, האָט אויך געשפּינט איהרע שנורען איבער דעם טויטען, פערטריקענטען קערפּער פון דעם אַלטען אַנטיקען-סוחר.

„משה כאַלופניק"

אַז עס גרויט נאָר דורך די שפּאַלטען פון טיר-געוועלב, כאַפּט זיך משה כאַלופניק אויף פון שעניק, וואו ער ליגט אַנ׳-איינגעקנעטענער צווישען די קינדער, נעמט זאַכט אַראָפּ אַ האַנד, אַ פוס, אַ קאָפּ פון אַ יונג אָדער אַ מויד, וואָס האָבען זיך אויס דעם טאַטענ׳ס מוסקולירטע הענד און ביינערנעם בויך געמאַכט קישענס, לייגט זיי אַראָפּ צוריק אויפ׳ן שעניק, אַליין קריכט ער פּאַוואָלי אַראָב, אַז ער זאָל זיי נישט אויפ-וועקען. איז עס ווינטער, כאַפּט ער מיט אַ שאַר פון דער האַנד אַ פּאָר שפּענער, האָלץ-הובלענעס, וואָס ליגען אויסגע-שפּרייט איבער דער פּאָדלאָגע פון נעכטיגען אַרבייטען, און וואַרפט זיי אַריין אין אייזערנעם אויוועַנדעל, אויף וועלכען עס קאָכט זיך אַ גאַנצען טאָג. צווישען געקעכטס, דער טאַפּ מיט׳ן לאַם, אויף צוזאַמענקלעפּען די ברעטער, ביי וועלכע ער אַרבייט. איז עס זומער, בעגיסט ער זיך צום ערשט די נ[illegible]ע מיט אַ שעפּ וואַסער, און ברומענדיג, אויס געוואוינהייט פון זיינע לערען-יונגעל יאָהרען, דעם פּאָרענט פון דאַוונען, הייצט ער אונטער דעם אויוועַן. איז עס זומער — איז עס גאָר אַ מחיה. ער גיט אַ פּראַל אויף אַ האַלבע טיר פון זיין געוועלב-שטוב. די זון צוזאַמען מיט אַ קיהלען מאָרגען ווינטעל, וואָס טראָגט אין זיינע וועלען געשמאַקען פון נעכטיגען עסען, פון קאַסטענס מיסט, פון האַלב פאַרפוילטע גרינסען און סאַלאַטען,

פון נאַסע שעניקעס און זויערע פערמאַכטע שטובען=געררוכטען פון די שכנים, רייסט זיך אַריין אין געוועלבעל. די יונגען מיט די מוידען איבער די שעניקעס ליגען מיט די פּנים׳ער אין דער זון — און שלאָפען. דאָס ווייב, איינגעקנעטען צווי-שען איהר טייל יונגען און מיידען (די יונגערע), קאָמאַנדע-וועט פון געלעגער אַראָפּ, וואָס פאַר אַ טאָפּ ער זאָל פריהער אַוועקשטעלען אויף דער פייערקע. און משה כאַלופּניק נעהמט זיך געשמאַק צו דער אַרבעט. קייענדיג אויף איין זייט מויל אַ שטיק טרוקען ברויט און ברומענדיג (אויס געוואוינהייט) פון דער צווייטער זייט מויל אַרויס אַ דאַוונען-ניגון, נעהמט ער זיך הובלען די ברעטער מיט׳ן גאַנצען כח אין חשק פון זיין מאָרגען-פרישקייט. איז עס ווינטער, איז עס אויך נישט שלעכט — האַלט ער די טירען פון געוועלבל-שטוב פערמאַכט ביז אין גראָהען טאָג אַריין, צינדט אָן דעם גאַז-לאָמפּ הייצט אונטער דעם אויוועו, שטעלט אַוועק דעם טאָפּ לאָם צווישען אַנדערע טעפּ געקעכטס — און קייענדיג דאָס שטיק ברויט פון איין זייט מויל, און פון דער צווייטער זייט מויל ברומענדיג אַ דאַוונען-ניגון (אויס געוואוינהייט), נעהמט ער זיך צו דער אַרבייט.

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרען, ווען עס איז דאָ אַר-בייט, ווען דער מעבעל=הענדלער, פאַר וועלכען ער אַרבייט אויס קיך-מעבעל פאַר׳ן מאַרק-פערקויף, שיקט איהם אַהיים ברעטער און מאַכט ביי איהם אַ בעשטעלונג. דאָס איז מייס-טענס פאַר די יום-טובים. ווען עס איז נישטאָ קיין אַרבייט, נעהמט משה די זעג אין האַנד, דאָס קעסטעל מיט די מכשירים איבער די פּלייצעס און געהט ארום איבער די שכנ׳ישע יודי-שע הויפען פון די וואַרשעווער אָרימע גאַסען און קלאַפּענדיג מיט׳ן צינגעל פון זעגעל אויפ׳ן לאַסטעל, רופט ער אויס מיט אַ זינגענדיג קול:

— פאַרעכטען, טישען, בענק פערעכטען!..

שטעקט א יודענע דעם קאָפּ פון פענסטער אַרויס פון דער הויך אָדער פון דער נידער — און רופט איהם מיט אַ וואונק אין שטוב אריין. אַזוי געהט משה כאַלופּניק פון איין

הויף אין אַנדערען אַריין – פון איין אַרבייט צו דער אַנדערער, ביז עס קומט פאַרנאַכט, ברייִנגט ער אַהיים דער ווייב די פּאָר גילדען, וואָס ער האָט פערדינט דורך דעם טאָג; געהט דאָס ווייב אַרויס אין געוועלבעל אַריין או ברענגט אין שטוב אַ שירץ מיט זעמעל, רעטעכלעך און ציבעלעס, ווינטער קאַרטאָפליעס מיט איינגעזויערטער קרויט: נאָר הערינג און איינגעזויערטע אוגערקעס סיי זומער, סיי ווינטער. אַמאָל, אַז דער פערדינסט איז גאָר אַ גוטער, אַ האַלב פונט לעבער מיט אַ שטיק לונג און אַ פּאָר אייערקיכלעך פאַר די קליינע קינדער.

אין אָוועגד, זומער לעב, דורך דער אָפענער טיר אין גאַס אַרויס, אָדער ביי דער אָנגעצונדענער גאַז-לאָמפּ און ביים וואַרימען אויוועגדעל אין ווינטער, קומט אַריין דער פעטער יאָסעל „פּאַוויאַק". ווען ער איז נאָר אויף דער פריי. „פּאַוויאַק" איז אַ צונאָמען, וואָס דער פעטער טראָגט נאָך דער בעריהמטער תּפיסה אין וואַרשא, אין וועלכער דער פעטער יאָסעל איז אַן אָפטער גאַסט. דער פעטער יאָסעל איז דער מאַמע׳ס אַ ברודער, און טראָגט אַ גנב׳ישע גזשיבע פון זיין קאַשקעטעל אַרויס, אָנגעקלעפּט אויף זיין שטערען, וועלכע דער „פעטער" מאַכט זי נאָס יעדעס מאָל מיט אַ גלעט פון זיינע פינגער, בעזעצט צוערשט די פינגער מיט אַ לעק פון זיין צונג. ער קנאַלט זיך מיט זיין גומענעם רייטער-שטעקען, וואָס ער האַלט אין האַנד, איבער די לאַנגע יוכטאָווע כאָלעוועס פון זיינע שטיוועל, וואָס זיי קוקען פון זיין קורץ פעלצעל אַרויס, — און טיילט פרייהענדיג קליינגעלד די קינדער אויף צוקערקעס. דער „פעטער" יאָסעל בעטראַכט מיט אַ שפּאָטיש געלעכטערעל, וואָס שיינט אויף זיין געשטופּעלט פנים, דעם „יאָלד", זיין שוואָגער, משה כאַלופּניק, וועלכער סיי זומער, סיי ווינטער שטעהט אין די אָוועגדען ביים ווערקשטעל און הובעלט די ברעטער ביי דער אָנגעצונדענער גאַז-רעהר.

— דו וואָלסט מיך ליבער געהאָרכט, וואָלסט גענומען אַ דלאָטע און וואָלסט מיטגעגאַנגען מיט אונז היינט ביינאַכט, –

וואָלסטו מעהר לייט געווען. מיר האָבען אַ שטיקעל אַרבייט אויף דער האַנד, וואָס וועט געבען מעהר פּרנסה — ווי דו מיט דיין הובלען אַ יאָהר צייט.

— אדרבה, רעד דו צו איהם, — רופט זיך אָן דאָס ווייב, וואָס זיצט און זויגט איין קינד אויף איין האַנד און האַלט אַ צווייט קינד אויף דער אַנדערער האנד — וואָס וועט אַרויסקומען פון זיין הובלען? אפשר וואָלט שוין צייט געווען, אַז איך זאָל אויך אויפגעריכט ווערען.

— שווייג, שווייג, ממזר! וואָס ווילסטו אַז איך זאָל פוילען אין פּאַוויאַק, ווי דו? גענוג איינער אין דער משפחה!

— טאַקי, כ׳לעבען, וואָס וועט אַרויסקומען דערפון וואָס דו הובעלסט? צייט איך קען דיך הובעלסטו, און דיינע „פופקעס" (ווייזט ער אויף די קינדער) האָבען נישט וואָס צו פיקען. פון עהרליכער אַרבייט קען מען נישט קיין ברויט קייען. דו פאָלג מיר, יאָלד איינער, נעם אַ דלאָטע און קום מיט, מיר בעדאַרפען האָבען אַ יד, וואָס ווייסט ווי מיט טהירען אָומצוגעהן, „זאַוויאַסעס" (שלייכען שלעסער) אַרויסצוזעצען. און דו מיט דיין מלאכה אין האַנד, — גאָט, ווען איך האָב אַזאַ מלאכה אין האַנד, ווי דו.

— ער האָט דען נישט רעכט, משה כאַלופניק, וואָס וועט זיין דער שוואַרצער סוף פון דיר? ווי לאַנג נאָך וועסטו דיר די פינגער אָבהובלען און וועסט מיר קיין ברויט נישט אַהיים ברענגען. אפשר וואָלסטו אויך דיין מזל געפּרובט?

— הער נאָר, דו „פּראַכאָוניק", וועסט מיר לאָזען אַרבייטען? האָב נישט קיין מורא, איך וועל נישט ווערען קיין שלעסער-דרעהער, ווי דו. – און משה כאַלופניק נעהמט זיך נאָך מעהר מיט אַלע קרעפטען צו הובלען.

– וועסטו דיין גאַנץ לעבען באַקען בייגעל און קייען קדחות — זאָגט דער „פעטער" יאָסעל.

משה ענטפערט גאָרנישט.

נאָר דעם פעטער יאָסעל קען נאָך משה פערטראָגען. דער פעט״ר יאָסעל איז אַ גוטער יונג – און אַ מאַנספּער-

שוין. ער מעג. עס וועט נישט קיין לאָך אין הימעל זיין, ווען ער וועט גנב׳ענען, און וועט ער פערפוילט ווערען אין פּאַוויאַק — איז אויך נישט קיין אומגליק. ער איז אַ מאַנספּער-שוין. נאָר ווען עס קומט אין זיין געוועלבעל-שטיבעל אַריין די „קוזינקע״ פון קעגענאיבערדיגען „הייזעל״, די קוזינקע גוטשע מיט די אָבגערויטעלטע בעקליך און אָבגעקאַלכטען פּנים, מיט׳ן גנב׳ישען ווייסען פאַרטיכעל און מיט׳ן גע׳ממזר׳טען אויפגעריסענעם ווייסען קאַפּטענדעל, פון וועלכען עס בעווייזט זיך דאָס גאַנצע טרפה׳נע האַרץ אַרויס... און טיילט איין די קינדער זעמעליך מיט וואורשטליך — דאָס קען ער שוין נישט איבערטראָגען, משה כאַלופּניק. ער נאָרעט זיך דענסטמאָל אינגאַנצען איין אין ברעט, וועלכען ער הובעלט, ער וויל נישט זעהן, וויל נישט הערען. זאָגען אָפּען וועט ער איהר נישט. די קוזינקע גוטשע איז דער מאַמע׳ס אַ לייבליך שוועסטערען-קינד און זי רופט זיינע קינדער אויך שוועסטערן-קינדער. זי קומט אַריבער, זאָגט זי, צו די „שוועסטערן-קינדער״. זי וויל ברענגען איהרע „שוועסטערן-קינדער״ אַ זעמעלע מיט אַ וואורשטעל. ווען ער ארבייט אין שטוב, קומט זי זעלטען אַריבער, די קוזינקע גוטשע פון „קעגענאיבער״. זי האָט מורא פאַר איהם. נאָר ווען משה איז נישטאָ אין דער היים, ער אַרבייט אין דרויסען — איז זי דאָ ביי איהרע „שוועסטערן-קינדער״ אַ גאַנצען טאָג, ביז פאַרנאַכט, ביז מען בעדאַרף אויף דער גאַס אַרויסצוגיין. זי העלפט גיטלען אין קיכעל, טיילמאָל נייהט זי אויף פאַר אַ קינד אַ העמדעל, טיילמאָל ברענגט זי מיט סחורה אויף אַ קליידעל, אויף אַ פּאָר הייז-לעך און העלפט עס אויפנייהען. אַז משה קומט אַהיים פון דער אַרבייט „דערפילט״ ער שוין, אַז זי איז דאָ געווען, די קוזינקע גוטשע פון „קעגענאיבער״. די קינדער האָבען איינ-געשמירטע פּנים׳ליך און בעזוליך פון די צוקערליך און קאַר-מעלקעס, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט. אין שטיבעל דערשמעקט ער שוין מיט דער נאָז דאָס „געשטינקעכטס״. דאָס „געשטינ-קעכטס״ רופט משה אָן דעם געשמאַק פון די שלעכטע פּער-

פּומען, וואָס די קוזינקע גוטשע לאָזט איבער שטענדיג נאָך זיך, ווען זי קומט צו די „שוועסטערן-קינדער". און אין דעם געשמאַק דערפיהלט שוין משה, אַז זי איז דאָ געווען. דרעהט ער מיט דער נאָז און ברומט אין זיין פערהאַרטעוועט, ווי דראָטען פערדרעהט געזיכט, שוואַרץ פערפּעדערט בערדעל אַריין.

— שוין דאָ געווען, די „טמאה"... שוין דאָ געווען...

— וואָס ווילסטו, וואָס — זי העלפט מיר אַ קינד אַ קליידעל אויפנייהען, אַ פּאָר הייזלעך, ווען נישט זי, וואָלטען זיי דאָך אַרומגעלאָפען מיט די נאַקעטע... וואָס, דו וועסט זיי מאַכען עפּעס? פון דיין הובלען אפשר? „מאַכער" גרויסער!

משה שווייגט שוין און גראָבט איין זיין פּנים טיפער אין ברעט, אַזוי ווי ער וואָלט זיין כעס געוואָלט אויסלאָזען אויף דעם אונשולדיגען ברעט.

אַזוי האָט משה כאַלופּניק געלעבט. ער האָט נישט גע-וואוסט, אַז עס קען בעסער זיין אויף דער וועלט. ערגער אַז עס קען זיין, האָט ער יאָ געוואוסט. דאָס איז, אַז עס ווערט ווער קראַנק, דאָס ווייב אָדער ווער פון די קינדערלעך. ווע-גען זיך האָט ער גאָרנישט געקלערט, אַז עס קען עפּעס אַמאָל מיט איהם געשעהן. נאָר מורא געהאַט האָט ער פּאַר די משפחה, וואָרים איין איינציג פערגעניגען האָט משה כאַלופּ-ניק געהאַט אויף דער וועלט — און דאָס איז קינדער צו האָבען... וואָרום וואָס פאַר אַן׳אַנדער פערגעניגען האָט ער געהאַט? עסען איז אַ נוצליכע זאַך. מען בעדאַרף עס, כדי כחות צו האָבען צום אַרבייטען; און אַרבייטען אַרבייט מען, כדי מ׳זאָל האָבען וואָס צו קייען. אָבער קינדער צו האָבען טוט מען נישט אויס נוצליכקייט און נישט ווייל מען מוז, נאָר פאַר פערגעניגען. קינדער צו האָבען איז דאָס איינציגע פערגעניגען, וואָס אַן׳אָרימאַן האָט. האָט משה כאַלופּניק אָנ-געהאַט קינדער אויף וואָס די וועלט שטעהט. נאָר האָט גי-

טעל נישט געענדיגט איינעם אָבצוגעוואוינען, איז זי שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ בויך, מיט אַ צווייטען. כּל-זמן זיי זע-נען געזונד געווען, האָט ער זיך נישט אַרומגעקוקט אויף זיי, קיין צייט נישט געווען. די גרעסערע זענען אַרומגעקראָכען אָדער אַרומגעלאָפען אויף דער גאַס, די קלענערע אין גע-וועלב-שטוב, צווישען געהילץ, בענקליך, שענקליך און טישען, וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט. איינגעטונקט אין האָלץ-הובלעכטס, אין וועלכע דאָס שטיבעל האָט זיך געטונקט, נאָר טאָמער איז ביי איהם אַ קינד קראַנק געוואָרען, איז ער אויס מענש גע-ווען. זיין האַרץ איז ביי איהם אויסגעגאַנגען פאַר רחמנות, צוקוקענדיג אויפ׳ן קראַנקען קינד. דער קאָפּ איז איהם נישט געשטאַנען צו דער אַרבייט. איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף אַר-בייט אין גאַס, האָט ער געקלערט וועגען קראַנקען קינד אי דער היים און געקרעכצט. ביי טאָג האָט ער עס אַרומגעטראָ-גען אויף דער האַנד, ביינאַכט איז ער געלעגען דערביי, און געהיט עס אַ גאַנצע נאַכט.

— נו, זאָג מיר, זאָג מיר, וואו טוט וועה, דאָ אין ביי-כעל? יאָ — אין קעפּעלע? — אוי, מיין קעפּעלע! — האָט ער מיט רחמנות געקושט דעם קינד׳ס צוהיצט קעפּעלע. און אַרומגעטראָגען דאָס קראַנקע קינד אויף דער האַנד אַ גאַנצע נאַכט.

און ווי אָרים ער איז נישט געווען, איז ער מיט׳ן קראַנ-קען קינד צו דאָקטוירים געלאָפען. איינגעוויקעלט עס אין אַ קאָלדרע, פלעגט ער שעה׳ן לאַנג אָפּזיצען מיט׳ן קראַנקען קינד אויף דער האַנד אין דאָקטאָר׳ס אויפנאַהם-צימער, ביז מען האָט איהם אַריינגעלאָזט:

— אוי, דאָקטער לעבען ראַטעוועט מיר מיין קינד, איך בעט אייך. — האָט ער געכאַפּט דעם דאָקטער׳ס האַנד קושען.

אָדער עס האָט זיך גאָר געמאַכט, אַז מען האָט בע-דאַרפט אַ קינד אַריינלייגען אין שפּיטאָל אַריין — דענסטמאָל איז ער גאָר געווען ווילד, מיט רויטע אויגען, מיט צעפלאָ-שעטע האָר האָט ער זיך אַרומגעדרעהט האַלבע טעג, גאַנצע

אָוועגדען, ווען ער האָט נור אַ מינוט צייט געהאַט, פאַר דעם טויער פון שפיטאָל, די דאָקטוירים נאָכגעלאָפען נאָך די קאַ־רעטעס פרעגען אויף זיין קראַנק קינד. און אַז מען האָט איהם צוגעלאָזט צום קראַנקען קינד, האָט ער עס בגנבה אריינגע־שטעקט זעמעל, פּאָמעראַנצען, צוקערוואַרג, שפּיל־געצייג, וואָס ער האָט פון די לעצטע גראָשענס אָפּגעשפּאָרט צו קויפען פאַר׳ן קראַנקען קינד.

אָבער ווען גאָט האָט געהאָלפען, און די קינדער זענען געזונד געווען — וואָס האָט ער בעדאַרפט מעהר? געזונדע הענט האָט ער געהאַט, זיין מלאכה האָט ער געקענט און גע־אַרבייט האָט ער ביליג און פלינק. און געשוינט האָט ער זיך נישט. סיי ווינטער און סיי זומער האָט ער געאַרבייט ביי דער אָנגעצונדענער גאַז־רעהר. א׳ן האָט מען נאָר בעדאַרפט אַן עקסטראַ שטיקעל אַרבייט, האָט ער געקענט אָבשטעהן אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט אַדורך. די קינדער זענען געלעגען אויסגעשפּרייט אויף די שעניקעס און ער האָט זיי צוגעדעקט מיט האַלץ־געהובלעכטס, וואָס איז געפלויגען אויס זיין הובעל, עס האָט זיי נישט געאַרט. זיי זענען סיי ווי סיי געוואוינט געווען צו לעבען אין הובעל... אַבי עס איז נור געווען דירה־געלט צו בעצאָהלען, עסען איז אויך אַ געשעפט?...

האָט זיך געמאַכט אַ צייט, אַז עס איז נישט געווען קיין אַרבייט. יעדען טאָג איז משה געלאָפען צום מעבעל־סוחר, פאַר׳ן אייזערנעם מאַרק, פאַר וועלכען ער האָט געאַרבייט דאָס ביליגע קיכען־מעבעל: „מען בעדארף נישט — קיינער קויפט נישט״. יעדען טאָג האָט ער זיך געפעדערט גאַנץ פריה און איז אַרומגעלאָפען מיט דער זעג און מיט׳ן קעסטעלע מכשירים איבער די הויפען, אויסגעלאָפען גאַנץ גזשיבאָווסקי, אַזש אַראָפּ צו דער קראָכמאַלנער גאַס, אויפגעריסען זיך די האַלז רופענ־דיג אין די הויפען: „פערעכטען, טישען, בענק, פערעכטען! פערעכטען, טישען, בענק, פערעכטען!״ צי ביי קיינעם האָט

זיך נישט געבראָכען, צי וואָס? מען האָט נישט גערופען, מען האָט נישט געוואונקען. אַמאָל האָט יאָ אַ יודענע אַרויפגערופען אויפ'ן פערטען שטאָק, געדונגען זיך פאר אַ טאָג אַרבייט און אָנגעבאָטען „וואַסער אויף קאַשע". ער איז געשטאַנען און געשמייעט אַ גאַנצען טאָג מיט אַ לעדיגען מאָגען, און אַהיים געבראַכט נישט גענוג אפילו אויף אַ מנין זעמעל, אז עס זאָל אויסמאַכען איינע פאַר איינעם.

דענסמאָל, ווען ביי משה כאַלופניק איז נישט געווען קיין אַרבייט און ער האָט נישט פערדינט — זענען אין שטוב ביי איהם געוואָרען וואָס עפטערע געסט און וואָס מעהר תקיף־דיגע דער פעטער יאָסעל פאַוויאַק מיט דער קוזינקע גוטשע פון „קעגענאיבער"... עס איז שטענדיג אַזוי געווען. האָט משה כאַלופניק פערדינט און אַלעס איז געגאַנגען ווי עס בעדאַרף זיין האָט מען זיי ווינציגער אָנגעזעהן. זיי האָבען עפּעס ווי מורא געהאַט פאַר משה'ן אַריינצוקומען עפטער אין שטוב אַריין. נור טאָמער האָט משה נישט פערדינט — זענען זיי אין שטוב אי ביים ווייב אי ביי די קינדערליך געוואָרען וואָס מעהר אָנגעזעהענע געסט, און מעהר תקיף אין שטוב. זיי זענען אויך געווען „בוצליכע" געסט, וואָרום זיי זענען געווען די איינציגע, וואָס האָבען דורך דער שלעכטער צייט אויסגעהאָלפען די הונגעריגע קינדער. דער פעטער יאָסעל פלעגט יעדעס מאָל אויסבאָרגען אַ פאָר גילדען, און די קוזינקע גוטשע פלעגט אין מיטען טאָג אַריינפאַלען מיט אַ פאָר טיטען פון שפּייז־געוועלבעל, מיט אַ פאַרטיכעל זעמעל, מיט אַ צוויי פונט רייז׳ אַמאָל אויך מיט אַ פונט לונג־און־לעבער.

— נאַ, גיטעל, קאָך עס פאַר די קינדער אָפּ.

משה כאַלופניק האָט צוגעזעהן און געמוזט שווייגען, וואָרום ביי משה כאַלופניק האָט זיך געפיהרט, ווי אין אַנדערע הייזער, כל זמן דער מאַן פערדינט און ברענגט אַהיים — האָט דער מאַן די דעה, און דאָס ווייב שווייגט, נור קו״ם הערט אויף דער מאַן צו פערדינען, בעקומט דאָס ווייב די דעה...
און טאָמער האָט משה געוואַגט אַ ברום צו געבען אין זיין

בערדעל אריין איבער דעם, וואָס זי, די קוזינקע גוטשע, מיט איהרע נאַקעטע טרפה׳נע הענד און אָנגעפּאַרבט פּנים, איז דאָס געוואָרען ביי איהם אין שטוב אַ גאַנצע מחותנת׳טע — האָט זיך דאָס ווייב אָבגערופען:

— און וואָס זאָל איך טהון, אפשר זאָל איך שטאַרבען מיט מיינע קינדער פאַר הונגער? וואָלט זי נישט אַרויסגעהאָלפען, וואָלט איך דאָך טאַקע געקענט שטאַרבען אַ „לעבעדיגע" אין מיטען העלען טאָג און קיינער וואָלט זיך נישט אויף מיר אַרומגעקוקט.

האָט משה שוין געשוויגען.

אַזוי ווי היימלאָזע בלאָנדזשענדיגע וואַנדלער, וואָס דער־זעהען ליכט שיינען פון אַ פענסטער אַרויס, בענקען אין שטי־בעל אַריינצוקומען — אַזוי האָט דער פעטער יאָסעל פּאַוויאַק, און איבערהויפּט די קוזינקע פון „קעגענאיבער", ליב געהאַט שטענדיג אַריינצוקומען צו משה׳ן אין שטוב־געוועלבל, אָנצו־וואַרימען זיך אין משה׳ס שטוב פון זייער גאַס־קאַלטקייט... צייט עס האָט אָנגעהויבען משה׳ן אַזוי שלעכט צו געהן, האָט די „קוזינקע" געקלעבט אין משה׳ס שטוב. ווען זי האָט נור צייט געהאַט אַ מינוט, איז זי געקומען אַריבערצולויפען צו איהרע שוועסטערן־קינדער. איז זי טאַקע געווען גיטלען מיט איהרע קינדער אַ גרויסע הילף. אַ חוץ דעם, וואָס זי פלעגט ברענגען אין שטוב אַריין, וואָס זי האָט נור געקענט פאַר איהר אָרים „פערדינסט" קריגען, האָט זי זיך געפּאָרעט אַרום גיטעל׳ס קינדער. זי האָט ליב געהאַט צו מישען זיך אין בעלי־בתישקייט, צו זאָרגען צוזאַמען מיט גיטלען וועגען די הויז־בעדערפעניששען, אַזוי ווי זי וואָלט דורך גיטעל׳ס קינדער גע־וואָלט איבערלעבען דאָס לעבען פון מוטער־זאָרגען, וואָס איז איהר נישט בעשערט געווען...

— גיטעל, אפשר ועלען מיר דערפון אויפנייען אַ קאַפּ־טענדעל פאַר חיה־לעבען. עס געהט דאָך צו ווינטער — האָט זי געזאָגט, אַריבערברענגענדיג אונטער איהר שאַל, מיט וועלכען זי איז שטענדיג געווען אַרומגעהילט — עפּעס אַ

פערדעכטיג וואוילעריש קאַפּטענדעל, וואָס האָט נאָך געהאַט אין זיך די וואַרימקייט פון איהר „טרפה" נאַקעט האַרץ...

און משה האָט געזעהן. ווי די „טמאה" איז געוואָרען די פאַרזאָרגערין פון זיינע קינדער. פאַרעט זיך מיט איהרע נאַקעטע טרפה'נע הענד אַרום זיינע קינדער. משה האָט עס נישט אויסגעהאַלטען. זיין שטוב איז פול געוואָרען מיט דעם געשמאַק פון איהר ביליגען פערפום, וואָס משה פלעגט רופען „געשטינקעכטס", וואָס זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך. וואו ער האָט זיך צוגעריהרט, האָט זיך געפיהלט דער ריח פון דעם טמאה'דיגען געשמאַק, אַפילו פון זיינע קינדער... און ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטען.

— גיטעל, גיטעל, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען... — האָט ער געברומט.

— קענסט דיר עפּעס אַן אַנדערע עצה געבען? — האָט דאָס ווייב איהם אָפּגעענטפערט.

און אַפילו זי די „טמאה", האָט שוין געהאַט גענוג חוצפה, צייט משה האָט נישט פאַרדינט, איהם אָפּצוענטפערען.

— גיטס נאָר אַ קוק, ער לאָזט מיך נישט ברענגען אַ ביסען ברויט צו מיינע „שוועסטערן-קינדער" זיי קענען דאָך אויסגיין פאַר הונגער.

אין די אָווענדען איז דער פעטער יאָסעל געוואָרען אַן עפטערער גאַסט. ער איז איצט אַריינגעקומען ברייטליכער, אַוועקגעזעצט זיך ביים טישעל. די קינדער האָבען איהם אַרומ-גערינגעלט, געקלעפּט זיך און געקלעטערט אויף זיינע הויכע יוכטאָווע כאַלעוועס, ארויפגערוקט איהם דאָס פּוילישע היטעל מיט'ן לעדערנעם דאַשעק איבער די טשופּרינע, און אַ גלעט געגעבען מיט דער האַנד איבער דעם לאַק, וואָס האָט איהם געקלעפּט איבער'ן שטערען, צוערשט פייכט געמאַכט די האַנד מיט אַ לעק פון דער צונג.

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגען, יאָלד?... איצט איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט נעהמען אַ דלאָטע אין כאַלעווע אַריין און קומען מיט אונז? — זאָגט ער צו משה'ן, וועלכער

זיצט אין ווינקעל, אין געהאַקטע צרות, מיט פאַרלייגטע הענט.

— נאַ, זעה, ווי ער זיצט, ווי אַ יודענע ביים אויווען און טוט גאָרנישט. אַ מאַנספּערשוין איז דאָס? — זאָגט דאָס פאַרביטערטע ווייב.

משה שוויגט און ענטפערט גאָרנישט.

— איך מיין עס מיט אַן אמת, וואָס ווּסטו אויסזיצען, יאָלד, דו זעהסט דאָך, מיט ערליכקייט וועסטו דיין שטיקעל ברויט נישט פאַרדינען.

— קענסטו פריער שטאַרבען, ביז דו וועסט מיך דער־לעבען צו זעהן מיט דיר מיטגיין! — ענטפערט אָפּ משה.

— נו, וואָס דען וועסטו טהון? — פרעגט דאָס ווייב, — אַז פאַרדינען קענסטו נישט.

— וועל איך בעטלען געהן איבער די גאַסען, צו עהר־ליכע מענשען.

— נו, שוין גיט מען דיר אַזאַ געזונטען יונג ווי דו ביסט, מיט אַזעלכע פאָר הענד. קראַנקערע פאַר דיר, — לאָמע, בלינדע, גיט מען נישט, וועט מען דיר געבען?... געפונען די חכמים, — זאָגט דאָס ווייב.

— וועל איך זיך אַוועקלייגען אויפ׳ן שעניק און אַזוי לאַנג דחק׳ן און כאָליען, ביז איך וועל פּגר׳ען, — זאָגט מיט פאַרביטערטקייט משה.

— אָה, מען פּגר׳ט נישט, מען זאָגט נור אַזוי, — זאָגט דער פעטער יאָסעל און קלאַפּט זיך מיט׳ן באַטעק איבער די כאָ־לעוועס. — האָב איך שוין אַ בעסערע עצה — פּגר׳ען האָב איך שטענדיג צייט.

— דו קענסט פּגר׳ן, אָבער וואָס וועסטו טהון מיט די קינדער? די קינדער קענען אויך פּגר׳ען, און דאָס ווייב אויך?

— און וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל אַ גנב ווערען, ווי ער, אַ שלעסער דריי‏ער.

— איך הייס דיך דען עפּעס? האָסט אַן אַנדער עצה?

און וואָס וועסטו טהון, אַז די קינדער וועלען קראַנק ווערען. פרעסען אַריין אין זיך טרוקענע קאַרטאָפּלעס, אָהן אַ טראָפּען פעטס — און נאָך גוט, וואָס זי, „דעריבען" ברענגט — אַז נישט וואָלטען מיר דאָך גאָר אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, און ער וואַרפט זיך נאָך...

משה האָט נישט מעהר געקענט אויסהאַלטען, אויפגע. כאַפּט זיך און אַרויס אין גאַס אַריין, לויפענדיג איבער דעם טראָטואַר, האָט ער געבּרומט עפּעס פאַר זיך, צי איז עס גע. ווען דאָס דאַווענען פון פאָרענט, וואָס ער איז צוגעוואוינט געווען צו בּרומען יעדען פריה-מאָרגען, ווען ער האָט די שפּענער האָלץ אין אויוועגדעל אריינגעוואָרפען, אָדער אַנדערע ווערטער, האָבּען נישט אַנדערע און נישט ער אַליין געקענט הערען און פערשטעהן. נור צווישען די געבּרומטע ווערטער האָט זיך געהערט דאָס וואָרט: אוי רבונו של עולם, העלף מיר! אוי רבונו של עולם, העלף מיר! וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין בּאָרד אַריין. ביי אַן עק פון אַ באַלעבּטע גאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, דאָרט איז ער געוואוינט געווען שטענדיג צו טרעפען איינצעלנע אָרעמע לייט, וואָס ער פלעגט אַמאָל, ווען ער איז געווען ביי געלד, געבּען אַ צווייער אין האַנד אַריין. איבערהויפּט האט ער דאָס געטהון, ווען עס איז איהם אויסגעפאַלען אַדורכצוגעהן די גאַס פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווייל ער האָט געדענקט, אַז זיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז פרייטאָג איז אַ גרויסע מצוה צו געבּען אַן אָרעמאַן אַ נדבה. האָט ער זיך אויך אַוועקגעשטעלט דאָרט, וואו די יודען פלעגען שטעהן, אויסגעשטרעקט די האַנד פון אַרבּעל אַרויס און האָט עפּעס געבּרומט צו די פאַרביילויפענדע מענשען:

— יודען, יודען, יודען, — נור ווייטער ווי „יודען" האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען. מענשען זענען פאַרביי. געגאַנגען און געזעהן אַ הויכען שטאַרקען יונג מיט אַ פּאָר געזונטע הענד, שטעהט און בּרומט עפּעס פאַר זיך. טייל האָבּען געקוקט אויף איהם מיט פעראַכטונג, אַנדערע מיט אַקסעל. וואַקעל — נור די מעהרסטע האָבּען איהם גאָרנישט בּעמערקט.

נור משה האָט זיך געשטאַרקט און געברומט פאַר זיך:

— יודען, יודען. איך מוז, איך מוז, איך מוז, נישטאָ קיין אַנדער עצה. איך מוז.

נאָר די ווערטער האָט ער אַזוי שטיל געזאָגט, אַז אַחוץ ער, האָט זיי קיינער נישט געהערט.

— מענשען, איך וויל נישט זיין קיין גנב — קיין אַרבייט האָב איך נישט — וויל נישט זיין קיין גנב, האָט רחמנות.

— זיי יאָ, וועמעס עסק איז עס? — האָט איהם ווער צוגערופען פון די פערבייגעהענדע, וואָס האָט צופעליג געהערט זיין ברום.

דאָס וואָרט האָט איהם ווי אויפגעוועקט פון שלאָף. ער האָט זיך פערשעהמט פאַר זיך אַליין, וואָס ער איז געגאַנגען טהון, נישט פערשטאַנען וואָס ער טהוט דאָ, און וואָס ער וויל פון די פערבייגעהענדע מענשען, און פאַרוואָס זאָל מען איהם געלד געבען? — ער האָט זיך אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון דער מאַרינאַרקע און איז געגאַנגען איבער דער גאַס, געביסען די אויבערשטע וואַנצע.

— וועמעס עסק איז עס! טאָקע וועמעס עסק איז עס?

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין דער גאַס, נישט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיך. ער איז געווען הונגעריג און דער מאָגען האָט געפייפט. אָבגעשטעלט זיך פאַר אַ פאַר שוי-פענסטער מיט עסענוואַרג. פרישע וואורשט, צונגען, פערשידענע אויפשניטען האָבען זיך געשמאַלצען אין פעטס. דאָס וואַסער איז איהם געקומען אין מויל אַריין. ער איז אַוועק פון געוועלב און געברומט פאַר זיך:

— אַ דלאָטע, אַ דלאָטע, אַ דלאָטע.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט און איז צוריק אַהיימגעגאַנגען, אַריינגעקראָכען אין דער שטיל אין געוועלבעל אַריין. עס איז שוין געווען פינסטער. פעטער יאָסעל איז שוין נישט געווען. די קינדער זענען שוין געשלאָפען. דאָס ווייב נאָך נישט. געלעגען אויפ'ן געלעגער און פון געלעגער אַראָבגערופען:

— וואו ביסט אַרומגעלאָפען ווי אַ משוגענער אין דער

גאַס. דאָרט האָב איך דיר איבערגעלאָזט קאַרטאָפליעס שטעהן אויפ'ן אויווען.

ער האָט געמאַכט אַ קליין פּלעמעל אין גאַז-רעהר און ווי אַ גנב צוגעגאַנגען צום אויווען און גענומען דעם טאָפּ מיט די רעשט קאַרטאָפליעס צווישען די קני. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז פאַר איהר געלד, פון „געגענאיבער“, ער האָט נישט געקלערט דערפון — ער איז הונגעריג געווען.

ווי אַ גנב, וואָס גנב'עט, האָט ער אויפגעגעסען דעם רעשט קאַרטאָפליעס פון טאָפּ, וואָס דאָס ווייב האָט איהם איבערגעלאָזט, און ווי אַ גנב וואָס גנב'עט, האָט ער זיך אַריינגערוקט צווישען די קינדישע לייבעלעך, אַז ער האָט דערפיהלט די וואַרימקייט פון זיינע קינדער'ס הענטלעך און פיסלעך אויף זיין בויך, האָט ער געזאָגט צו זיך נאָך אַמאָל:

— פּגר'ן וועל איך, און וועל נישט ווערען קיין גנב! איך וועל נישט ווערען, איך וועל נישט ווערען.

נ ד ן

צומאָרגענס נאָך דער חתונה איז געזעסען דער חתן אויבענאָן ביי׳ם טיש אין נעכטיגען נייעם, נאָך נישט געוואַשענעם העמד פון דער חופּה, אין נייעם לאָדזער טוכענעם אַנצוג, אין די נייע שטיוועל, און האָט געטונקט גרויסע שטיקער לעקעך אינ׳ם סאָוס פון מאַרינירטע הערינג. צום ערשטען מאָל אין לעבען איז איהם אויסגעקומען צו עסען לעקעך לרוב אָנשטאָט ברויט. און אַזוי ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז נישט אַלע טאָג וועט זיין צומאָרגנס נאָך דער חתונה, האָט ער זיך געלאָזט וואויל געהן. געגענאיבער איהם, ביים אַנדערען עק טיש, איז געזעסען די כלה, כאָטש עס איז געווען זומער, הייס, האָט זי געטראָגען פאַר פּאַראַד וועגען דאָס לאָדזער שווערע טוכענע קלייד, דאָס בעסטע שטיק אין איהר אויסשטייער. די כלה איז געווען אַנ׳אויסגעמאַטערטע, נישט אויסגעשלאָפען פון וואָכען פאַר דער חתונה און פון דער לעצטער שפּעטער נאַכט, און דאָס שווערע שייטעל, וואָס זי האָט צום ערשטען מאָל געטראָגען אויף איהר קאָפּ, האָט איהר פּנים עלטער געמאַכט און בלייכער, ווי עס איז געווען אין דער אמת׳ען. דער חתן, טיעף פערנומען אינ׳ם פערגעניגען פון עסען לעקעך געטונקט אין סאָוס פון מאַרינירטע הערינג, האָט דאָך געפונען צייט און די געלעגענהייט צו וואַרפען אַ בעהאַלטענעם ליעבע-בליק צו דער כלה. און ווען חתן-כלה

האָבען זיך געטראָפּען מיט די בלקען, האָט דער חתן גע-שמייכעלט און די כלה האָט געמאַכט אַ ברוגז'דיגע מינע, און אַוועקגענומען איהר קאָפּ. דער חתן זעהט זיך אוים, האָט פערשטאַנען דעם טעם פון דער כלה'ס ברוגז'דיגע מינע האָט ער אַ צופרידענער אַרויפגעגאַרטעלט מיט איין האַנד דעם נייעם פּאַסעק איבער די נייע הויזען, און מיט דער צווייטער — געטונקט דעם לעקעך אין הערינג-סאָוס...

אַ משפחה'דיגער בדחן, וואָס די מחותנים פון חתנ'ס צד האָבען מיטגעבראַכט פון זייער שטעדטעל, האָט מיט אַ גלעזעל אין דער האַנד, בגלופינ'דיג, אין קאָפּעל אָנשטאָט דעם סאַמעטענעם קאַשקעטעל, געזאָגט גראַמען פאַר'ן כבוד פונ'ם חתן, פאַר'ן כבוד פון דער כלה און פאַר'ן כבוד פון אַלע מחותנימ'ס וועגען. נאָר קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיינע גראַמען. דעם חתן איז שוין געווען סיי-ווי-סיי אַלץ איינס, דער כלה זענען זיי נישט געקראָכען אין קאָפּ, און די מחותנים אַרום טיש האָבען געהאַט קאָפּ-וועהטאָג פון דעם נעכ-טיגען טרינקען און פון שפּעטען אויפזיין. שלאָף-דורשטיגע האָבען זיי זיך געוואַקעלט אויף זייערע פלעצער אָנגעלעהנט איינער אָן דעם אַנדערען מיט די עלענבויגענס. אויף די בע-טען, אויף די בענק, אפילו אין די ווינקעלעך זענען געלע-גען איינגעקנעטען איינער אין אַנדערען פּעטערס און מומעס, קינדער און אייניקלעך, און זענען געשלאָפען שנאָרכענדיג הויך. פון די ענגע בעטען האָבען אַרויסגעשטאַרצט אין דער שטוב אַריין די געקעסטעלטע הויזען פון די פּעטערס, די גע-בלימעלטע ספּאָדניצעס פון די מוהמעס, און שטיוועל און שיך אויף פערשידענפאַרביג בעזאָקטע פיס...

איין איינציגער, וועלכער האָט זיך יאָ משמח געווען, איז געווען דער שוואָגער פון דער כלה. ער איינער איז גע-ווען בגלופינדיג, מונטער און פרעהליך. אַ קליין נידריג יודעל מיט אַ געל בערדעל און אַ פּאָר געלע פּיאות, אָהן אַ קאַפּאָ-טע, נאָר אין אַ היימישער וואַטוכקע מיט אַ פּאָר דיקע אַר-בעל, דאָס סאַמעטענע קאַשקעטעל פּערוקט אָן אַ זייט, מעשה

קאַזאַק — האט ער זיך אַרומגעדרעהט אין מיטען שטוב. אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גאַנשער מיט ווישניאַק, וואָס ער האָט פון ערגעץ-וואו דערטאַפּט, און אַ קעלישעק — אין דער צווייטער. האָט ער מיט זיינע עלענבויגענס געוועקט די פער'חלש'ט-פערשלאָפענע מחותנים אַרום טיש און גענויט זיי צום טרינקען.

— ברוך קלאַפּאַט, אַזוי ביזט דו דיך משמח אויף אַ יתומה'ס אַ חתונה? האָסט דאך געזאָגט, אַז דו וועסט טאַנצען אין אַ באַליע מיט וואַסער. העי ווייבער, ברענגט-אַריין אַ באַליע מיט וואַסער! ברוך קלאַפּאַט וועט טאַנצען אַ רונדע. שמעיה, וואָס שלאָפסטו? שמעיה! — האָט ער געוועקט אַ נידערגעפאַלענעם יוד.

נאָר ווען ער האָט נישט צורוה געלאָזט — איז געוועזן דער מחותן, דער פּאָטער פונ'ם חתן. ער האָט זיך געטשעפּעט צו דעם דאַרען, לאַנגען, הויכען יודען, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אין איין גלעטען די צוויי אויסגעצויגענע שניירען פון די וואָנסעס מיט דעם אויסגעגלעטען בערדעל, און גענויט איהם צו טרינקען, בעשווערענדיג איהם מיט כל'ערליי שבועות.

— איהר זאָלט אַזוי דערלעבען צו זעהען ביי זיי נחת מיט מיר אינאיינעם, איהר זאָלט אַזוי דערלעבען צו טאַנצען מיט מיר איניינעם אויף דער חתונה ביי זייער לעצט אייניקעל, ווי איהר וועט מיט מיר טרינקען נאָך אַ „לחיים"!

און באַלד האָט ער זיך געשלעפּט צום חתן, צו דער כלה, צו די שלאָפענדיגע מוהמעס.

— מוהמעס! וואָס שלאָפט איהר, אַ רוח אין אייער... אין פּיאַנטקע וועט איהר שלאָפען...

אַזוי איז ער געגאַנגען פון איין מחותן צום אַנדערען, און איין מוהמע צו דער אַנדערער און געגאָסען דעם ווישניאַק איבער די הענד, איבער די נייע זשופּיצעס, איבער די זיידענע קליידער.

און ער האָט געהאַט פאַרוואָס זיך צו פרעהען אויך.

אייגענטליך איז ער געווען דער ריכטיגער מחותן, ווען נישט צוצורעכענען דער כלה׳ס אַ פעטער פון לאָדז, וואָס האָט אויך אַרויסגעהאָלפען אין אויסשטייער. די כלה איז געווען אַ יתומה אָהן טאַטע-מאַמע, און האָט זיך אויפגעכאָוועט ביי איהם, ביים שוואָגער, און פון זיין שטוב האָט ער זי חתונה געמאַכט.

נאָר ווען דער מחותן פון כלה׳ס צד האָט געהאַט אַ סבה זיך צו פרעהען און לוסטיג צו זיין, האָט דערפאַר דער דאַרער, הויכער יוד, דער מחותן פון חתנ׳ס צד, שוין גאָר נישט געהאַט קיין סבה זיך צו פרעהען און נישט בחנם האָט איהם נישט גענומען דעם מחותנ׳ס ווישניאַק. ער איז געזעסען די גאַנצע צייט ביים טיש, געגלעט זיך די וואָנסעס און די באָרד, און אַז ער האָט זיך נישט געגלעט די וואָנסעס מיט דער באָרד, האָט ער סתם געבאָמבעלט אין טיש מיט זיינע פינגער און אין קאָפּ אָלץ געציילט דעם נדן. די מאַשין, זינגערס ניי-מאַשין, וואָס מען האָט אַריינגערעכענט אין נדן אריין, זעהט ער. ער האָט זי נאָך געזעהען ביי די תנאים, אין ערשטען טאָג, ווען מען האָט זיי צוזאַמענגעפיהרט, איהר זעט אָט די מאַשין? — האָט צו איהם געזאָגט דער מחותן, „דאָס האָט זיך די כלה אַליין אויסגעאַרבייט, מיט איהרע אייגענע הענד. פון דער מאַשין אַליין קען זי האָבען פרנסה“. נעכטען, ביים אויסרופען די חתן-מתנות, האָט מען די מאַשין אויסגערופען אַ צעהן מאָל. צוערשט האָט מען זי אויסגערופען פאַר דעם שוואָגער׳ס וועגען: „הנגיד, הגביר, השוואָגער של הכלה, מיט זיין ווייב, די גרויסע נגידית׳טע, שענקט אַ נייע זינגער-מאַשין חתן-מתנות“! דערנאָך האָט מען זי אויסגערופען פאַר׳ן פעטער׳ס וועגען: „הנגיד, הגביר, הפעטער של הכלה מיט דער מוהמע זאָל לעבען, שענקט אַ נייע זינגער-מאַשין חתן-מתנות“. דערנאָך האָט מען זי אויסגערופען פאַר אַ קוזין, דערנאָך האָט מען זי גלאַט אַזוי אויסגערופען פאַר יעדען איינעם, וואָס מען האָט איהם געוואָלט כבוד אָנטהון.

— אָבער ווי זענען די צעהן מיליאָן מאַרק פּוילישע, וואָס מען האָט איינגעשריבען אין די תנאים? אמת טאַקי, די צעהן מיליאָן מאַרק פּוילישע זענען היינט ווערט אַ שיבוש, וואָרום פון די תנאים ביז צו די חתונה זענען זיי צורינען געוואָרען, ווי זאַלץ אין וואַסער. אָבער וואו זענען זיי פּאָרט? נעכטען, בשעת דער חופה, אַז ער האָט געפּרובט צו דערמאָהנען וועגען די צעהן מיליאָן מאַרק פּויליש, וואָס מען בעדאַרף סילוק'ן, איז געוואָרען אזאַ „ויצעקו" פון אַלע פעטערס און מוהמעס, אַז ער האָט שוין געשוויגען. „דו פערגיסט, — האָבען זיי געשריען — דאָס אונשולדיגע בלוט פון אַ לעבעדיגער יתומה! די טויטע טאַטע-מאַמע וועלען נישט שווייגען"... וואָס האָט ער זיך בעדאַרפט פערדרעהען אַ קאָפּ מיט אַ יתומה? וואו נאָר עפּעס — פערשטופּט מען איהם דאָס מויל, „מיט דעם בלוט פון אַ לעבעדיגער יתומה", אַז ער האָט מורא צו רעדען דערפון. אָבער וואָס וועט דאָך זיין דער סוף דערפון? דער מחותּן האָט איהם צוגעזאָגט, אַז צומאָרגענס נאָך דער חתונה וועט ער אויסצאָהלען דעם חתן אַ טייל ירושה פונ'ם שווער עליו-השלום, כדי צו פאַרגיטיגען איהם פאַר אַלע הבטחות. און עס איז דאָך שוין צומאָרגענס נאָך דער חתונה, דעם „דזשיען-דאָברי" האָט מען דאָך שוין אָבגעשפּיעלט, און לעקעך און בראָנפען האָט מען אויך שוין געטרונקען, און געטאַנצט האָט מען שוין אויך - אויף וואָס וואַרט ער, וואָס וויל ער מיר דעם קאָפּ פערדרעהען מיט זיין ווישניאַק? פון ווישניאַק וועט ער, דער חתן, דעם האַנדעל אָנהויבען?

ענדליך האָט עס שוין דער מחותּן, דעם חתן'ס פאָטער, נישט אויסגעהאַלטען. ער האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט, נאָך אַמאָל אויסגעגלעט זיך דאָס בערדעל און געגעבען אַ קלאַפּ אין טיש:

— נו? נו?

— וואָס „נו"? - פרעגען די מחותּנים דערשראָקען.

— איך מיין. וואָס וועט דער סוף זיין? — מען בעדאַרף דאָך זיך שוין באַלד פּאַקען אין וועג!

אַלע האָבען זיך איינגעשטילט. דער בדחן האָט אויפגעהערט צו זאָגען זיינע גראַמען. דער שוואָגער איז געבליבען שטעהן מיט'ן גאָנשער ווישנייאַק אין האַנד אין מיטען שטוב. פון אַ בעט האָט זיך אַ שלאָפענדיגע מחותנת'טע אויפגעכאַפּט, אויפגעזעצט זיך און אַרויסגעשטאַרצט איהר בעפּעדערטען שייטעל האָר. אפילו דער חתן האָט אויפגעהערט צו עס'ען, די כלה האָט אָנגעלעהנט איהר מיעדען קאָפּ אויף איהרעביידע הענד און דאָס קלאַפּען פון איהר האַרץ האָט זיך געהערט איבער'ן שטיבעל.

— אַ, דאָס מיינט איהר, מחותן, דעם נדן. גוט.

— יאָ נדן, נישט נדן. עטץ האָט דאָך עפּעס צוגעזאָגט. אַ ירושה פונ'ם שווער, עליו-השלום. עפּעס מוז ער דאָך האָבען.

— יאָ, מחותן, איהר האָט רעכט. מיר'ן באַלד סילוק'ן.

דער מחותן האָט זיך איינגעשטילט. דער בדחן איז פערשוואונדען צו די בעטען, וואו די מוהמעס זענען געשלאָפען, און געוויצעלט זיך מיט זיי. אין אַ ווינקעל האָבען זיך פערקליבען ביידע מחותנים פון דער כלה'ס צד, דער שוואָגער און דער פעטער, און האָבען זיך גע'סוד'עט. אין חתונה-שטיבעל איז אַזוי שטיל געוואָרען, אַז מען האָט געקענט הערען דאָס קלאַפּען פון דער כלה'ס האַרץ. און אַפּילו דער חתן האָט לאַנגזאַמער יעצט געטינקט זיינע שטיקער לעקעך אין טעלער, און געגעסען בנעמות'דיגער.

באַלד האָבען זיך די מחותנים פון כלה'ס צד אויפגעהערט צו סוד'ען און צו דינגען זיך. דער שוואָגער פון דער כלה איז ערגעץ-וואו פערשוואונדען געוואָרען. באַלד איז ער צוריק אַריינגעקומען, פיהרענדיג אין ביידע הענד צוויי מיידלעך, פון אַ יאָהר ניין צעהן, אָדער אפשר עלטער, מיט געקרייזעלטע קעפּלעך האָר, בענדלעך אין די צעפּלעך, אָנגעטהון אין נייע קאָרטענע קליידלעך, נאָר די פיסלעך — באָרוועס. זעהט-אויס, אַז די שיסלער, וועלכע זיי האָבען געטראָגען נעכטען צו דער חופּה, זענען געחען געבאָרגטע, און מען האָט זיי געמוזט היינט אָבגעבען. די פּנים'לעך אין די הענטלעך

זענען געווען בעשמירט פון לעקעך און פון איינגעמאַכטס-נאַשען.

דער מחותן, דער קליינער שוואָגער, האָט צוגעפיהרט די צוויי מיידלעך גלייך צום עסענדיגען חתן און נישט אומקוקענדיג זיך אפילו אויף דעם הויכען דערשטוינטען מחותן, האָט ער געזאָגט צום חתן מיט אַ הויך קול, אין וועלכען עס האָבען זיך געהערט די אויפגערעגטע בעוועגונגען פון זיין האַרץ.

— חתן, דאָס איז דיין נדן!

און ער האָט צוגעשאַרט די צוויי מיידלעך צום חתנ'ס קניען און האָט זיי איבערגעלאָזט בייַ'ם חתן, אַליין אָבער אָבגערוקט זיך אין מיטען שטוב.

פון ווינקעל, וואו עס איז געזעסען די כלה האָט זיך געהערט אַ שלוכצען. דער חתן האָט מיט נאַאיווע גרויסע אויגען, כאָטש נאָך מיט אַנ'עסענדיג מויל, אָנגעקוקט אַמאָל דעם מחותן, אַמאָל — דעם אויפגעשפרונגענעם פאָטער. די קינדער, דערשראָקענע, האָבען פאר מורא, צי דערפאַר, וואָס מען האָט זיי געהייסען, געקלעבט זיך אַרום חתן, האַלטענדיג זייערע הענדטלעך אַרום זיינע פיס. דער חתן, נישט צו קלערען, אויס געוואוינהייט, האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענד אויף זייערע קעפּלעך.

פון די בעטען האָבען זיך יעצט מעהר שלאָפענדיגע מוהמעס אויפגעזעצט און אַרויסגעשטאַרצט זייערע קרוס-אַרויפגעזעצטע, נייע שייטלעך פון אונטער די קאָלדרעס אַרויס.

— ווי חייסט דאָס?! — איז דעם חתנ'ס פאָטער געבליבען שטעהן מיט אַנ'אָפען מויל.

— מיינע ליבע לייט! — האָט דער מחותן, דער שוואָגער, וואָס איז געשטאַנען יעצט אין מיטען שטוב, אָנגעהויבען מיט אַנ'ערנסט קול, שאָקלענדיג זיך דערבייַ, ווי בייַ'ם דאַווענען. — מיינע ליבע לייט! איהר ווייסט אַלע וואויל, אַז ווען דער שווער עליו השלום איז געשטאָרבען האָט ער איבערגעלאָזט פינף יתומים אויף מיינע הענד. איך בין דענסטמאָל געווען אַ יונגער מאַן, צוויי יאָהר נאָך דער חתונה. דעם נדן האָב איך נישט

געקראָגען; דאָס האַלבע הויז, וואָס דער שווער עליו השלום האָט מיר צוגעזאָגט, האָבען די בעלי-חובות צוגענומען. מיר זענען געבליבען בעירום ובחוסר-כל. דאָך האָב איך מיר גע-טהון אַ נדר און גענומען אויף מיר צו ערציהען די יתומים. דאָס, — האָב איך מיר געזאָגט, — איז מיין נדן, וואָס דער שווער האָט מיר איבערגעלאָזט. און איך זאָג אייך, יודען, אַז די פינף יתומים זענען אַ גרויסער נדן, און אין זייער זכות האָט מיר דער רבונו-של-עולם געהאָלפען נישט נאָר אויפצוצי-הען מיינע קינדער, נאָר אויך אויסצוגעבען איינע פון די יתומים אין פריידען. היינט פאַרוואָס קומט מיר דאָס די גאַנצע ירושה, וואָס דער שווער האָט איבערגעלאָזט? נעכטען האָב איך איהם נאָך מורא געהאַט צו פערטרוי׳ן די ירושה; היינט, אַז עס איז שוין נאָך דער חתונה און ער איז שוין אַזאַ שוואָגער פונקט ווי איך, גיב איך איהם אָב אַ האַלבע ירושה, וואָס דער שווער האָט מיר איבערגעלאָזט. פאַרוואָס קומט זי מיר אינגאַנצען?

דער עולם איז געבליבען זיצען. אין שטיבעל איז גע-ווען שאַ, שטיל. מחותנים האָבען זיך איבערגעקוקט מיט די אויפגעוועקטע מוהמעס אויף די בעטען, איבערגעוואונקען זיך מיט די אויגען, און געקניפט זיך אין די באַקען.

ענדליך האָט דער דאַרער מחותן פון התנ׳ס צד געגע-בען אַ קלאַפּ אין טיש:

— און מיט וואָס וועט ער אָנהויבען דעם האַנדעל?

— וואָס הייסט מיט וואָס ער וועט אָנהויבען? מיט דעם זעלבען, מיט וואָס איך האָב אָנגעהויבען: מיט יתומים, — טענה׳ט דער שוואָגער צו די יודען.

און נאָך איהם זענען אַלע מחותנים און מחותנת׳טעס, פעטערס און מוהמעס, טייל מיט די הענד, אַנדערע מיט די אויגען, אָבער אַלע מיט די מיילער, אַרויס אויפ׳ן בייזען מחותן:

— אַ קלייניגקייט! יתומים!

— זייער זכות זאָל מיר ביישטעהן אַלעווייל, רבונו-של

עולם! — קרעהט־אַרויס אַ פּערשפּעטיגטע מוהמע פון אַ בעט אַרויס.

געגען אַזאַ ענטפער האָט שוין אַפילו דער בייזער מחותן געמוזט פערשווייגען. ער האָט אַראָבגעלאָזט די הענד, צוריק אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש און געזאָגט מיט אַ גליי־גילטיגער מינע:

— עס איז דען איך? עס איז דאָך ער, - ווייזט ער אויפ׳ן חתן. — זאָל ער זאָגען, אויב ער וויל נעהמען אויף זיך אַזאַ זאָרג!

— וואָס הייסט: ער וויל? ער וויל יאָ, ער וויל נישט, — ער איז דען נישט אַזאַ יוד, ווי איך בין? — ענטפערט־אָב דער שוואָגער.

פון ווינקעל, וואו די כלה איז געזעסען, האָט זיך יעצט געהערט דאָס שלוכצען העכער. דער חתן האָט אויסגעשטאַרצט זיינע גרויסע אויגען, אויפגעהויבען זיינע אויערען און איינ־געהערט זיך אַ לאַנגע ווײַלע צו דער כלה׳ס שלוכצען מיט אַ רחמנות־מינע. באַלד האָט ער, ווי נאָך אַ ישוב הדעת מיט זיך אַליין, אַרויפגעגאַרטעלט דעם פּאַסיק איבער זיינע הויזען מיט איין האַנד און זיך אָנגערופען: — איך בין אַזאַ יוד, אַזוי ווי ער, אַז ער האָט געקענט — קען איך אויך.

און מיט נאָך מעהר פלייסיגקייט גענומען זיך צו טינ־קען גרעסערע שטיקער לעקעך אין סאָאוס פון הערינג — און בעגעבען צו פערזוכען דעם טעם דערפון די צוויי יתומים, וואָס זענען געשטאַנען ביי זיינע קניען...

ווער בּעדאַרף זי?

מענשען פערגלייכען זייער בעדערפעניש נאָך שלאָף צו דורשט. אַזאַ דורשטיגע האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער די וואַרשעווער גאַסען רחל שאַבאַסניק, אַ מיידעל פון אַ יאָהר ניינצען — צוואַנציג, וואָס איז מיט אַ פּאָר חדשים פריהער געקומען פון אַ פּראָווינציאָנעלער שטאָדט, וואו זי האָט איבערגעלאָזען עלטערען באַלאָדען מיט אַ גרויסער פאַמיליע און און מיט ווייניג פּרנסה. די טעגליכע זאָרגען פאַר אַ שטיקעל ברויט האָבען ווייניג צייט געלאָזען איהר פאַמיליע צו קלערען וועגען איהר, רחל'ען. דאָ, אין דער גרויסער שטאָדט, האָט זי קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג נישט געהאַט. געהייסען האָט עס, אַז זי איז געקומען זוכען אַ פּלאַץ אַלס קאַסירערקע אין אַ געשעפט, אָדער אַ פּערקויפערקע, אָדער ביי יעדער אַנדער בעשעפטיגונג, וואָס וועט זיך מאַכען. אָבער נאָך צוויי וואָכען זוכען איז זי מיעד געוואָרען און האָט עס אויפגעגעבען. קיין פּראָפעסיאָנעלע גאַסען-פרוי איז זי נאָך נישט געוועזען. זי האָט נישט געהאַט קיין „פריינד", צו וועלכען זי זי זאָל בעלאַנגען. נאָר אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ „גאַסט", וואָס וויל זי נעהמען פון דער גאַס אַראָפּ — געהט זי מיט איהם, כאָטש זי זוכט עס נישט. פאַרשריבען אלס אַזעלכע איז זי נאָך נישט, און די פּאָליציי קען זי נאָך נישט.

קיין בעשטימטע וואוינונג האָט זי נישט געהאַט, געמאָל-

דען אין דער פּאָליציי איז זי געווען — ערגעצוואו אַרויס אויפ׳ן שילעץ, ביי אַן אַלטער מוהמע, צו וועלכער זי האָט געהאַט אַן „אַדרעס״. אָבער ביי דער מוהמע האָט זי נישט געוואוינט. עס איז נישט געווען וואו צו וואוינען. דער „אַדרעס״ איז בעשטאַנען פון אַ בוידעם-שטיבעל, איבער וועלכען די מוהמע איז טאַקע געווען די בעל-הבית׳טע. נאָר זי האָט געהאַט ביי זיך אין שטיבעל, אַלס מיטוואוינער, אַנ׳אַלט פּאָר פאָלק, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט צו בענוצען די קיך, און אַ ברודער מיט אַ שוועסטער — אָהן רעכט צו בענוצען די קיך. נאָר דערפאַר האָבען זיי געהאַט אַ רעכט צו האַלטען אין שטיבעל די זעק מיט פעדערען, וואָס זיי האָבען אויפגעקויפט אויף דער פּראָווינץ. און צוליב דעם טאַקע זענען די איינוואוינער פון דעם דאָרטיגען הויז אַרומגעגאַנגען שטענדיג מיט בעפעדערטע בגדים. אויף די זעק פעדערען פלעגט רחל אַמאָל קענען איבערנעכטיגען, ווען דער ברודער מיט דער שוועסטער זענען נישט געווען אין דער היים. נאָר, ווי שוין געזאָגט, איז דאָס געווען איהר „אַדרעס״, אָבער נישט זי׳ וואוינונג.

איהר ריכטיגע וואוינונג איז אייגענטליך געווען אויף נאָוואָליפּיע ביי אַ קוזין, אַ היטעלמאַכער, ביי וועמען עס איז געשטאַנען איהר „קעסטעל״ מיט די זאַכען. אַהין פלעגט זי אַרויפקומען איבערטאָן אַ קליידעל, אָבער געשלאָפען דאָרטען איז זי נישט. אין ווערקשטעל, וואו מען האָט בייטאָג גענייט היטלעך, זענען אין אָווענד אַ האַלבער טוץ מענשען, אַ חוץ קינדער, געשלאָפען און עס איז נישט געווען קיין אָרט פאַר איהר. שלאָפען פלעגט זי אויף כמעלנע גאַס, נישט ווייט פון וויענער באַנהויף, ביי אַ חבר׳טאָרין, א קריסטליך מיידעל, מיט וועלכער זי האָט זיך בעקענט אויפ׳ן ברעג פון דער ווייסעל, באָדענדיג זיך, און וועלכע פלעגט זי מיטנעהמען אַמאָל אויף אַ שפּאַציר אין דער גאַס און געבען איהר אַ וואונק וואָס צו טהון.

דאָרט אָבער, ביי דער חבר׳טאָרין, האָט זי נאָר געקענט

זיך אַריינכאַפּען בייטאָג אויף אַ שלאָף. אייגענטליך איז דאָס נישט געווען אַ וואוינונג וואו די חבר׳טאָרין האָט געוואוינט, נאָר אַ מין ארט „האָטעל״. דער האָטעל איז געווען אַ צימער נאָך אַ קיך. האָטעל-מעסיג איינגעריכטעט, מיט צוויי פּאַפּירענע פּאַלמען, מיט רויטע פּלושענע אויפגעגעסענע מעבעל, מיט אונזיכערע בענקלעך, מיט אַ בעפּוצטען שפּיגעל, מיט אַ צוויי-פּעלהאַפּטער בעט און מיט א גערוך פון פייכטקייט און מייז... דאָס צימער האָט געדינט אַלס האָטעל פון זיבען אַ זייגער אין אָוועגד, ווען די „מיידלעך״ האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אויף מאַרשאַלקאָווסקא, געגענאיבער דער וויענער באַהן. אַז זיי געפינען אַ „קונה״, פיהרען זיי איהם אין „האָ-טעל״ אַריין. די „מיידלעך״ צאָהלען אָפּניץ-געלד דער אייגענ-טימערין, וועלכע וואוינט מיט די קינדע־לעך אין קיך, פון וועלכער עס הערט זיך שטענדיג אַ גערוך פון עסען און היי-מישע קריגעריי, אויסגעמישט מיט רעש און געלעכטער פון קינדער. בייטאָג אָבער איז פערדונגען דער „האָטעל״ פאַר אַ צוויי — דריי פרייע גאַסען-מיידלעך צום שלאָפען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען רחל שאַבאַסניק׳ס קריסטליכע חבר׳טאָרין, צו וועלכער זי איז איצט געגאַנגען אַריינכאַפּען זיך אויף אַ שלאָף.

עס איז געווען שוין אַ זייגער צוויי נאָכמיטאָג, ווען רחל שאבסאַניק איז אָנגעקומען אויף דער כמעלנאַ גאַס און זיך אַוועקגעשטעלט אַ מידע און אַ טויט-דורשטיגע נאָך שלאָף, אין אַ קאָרידאָר געגענאיבער דעם הויז, אָבוואַרטען ביז די בעל-הבית׳טע פון האָטעל, די גוי׳שע שוסטערקע, וועט זיך בעווייזען אין טויער פון איהר הויז. יעדען טאָג, אַרום צוויי אַ זייגער, פערלאָזט די בעל-הבית׳טע פון האָטעל איהר קיך. זי געהט אוועקטראָגען דעם אָבגעקאָכטען מיטאָג אין תפיסה אַריין צו איהר מאַן, וועלכער זיצט פאַר גנבה אויף דער באָ-ניפראַטען גאַס. דער וועג אַהין און צוריק, מיט׳ן פערברענ-גען מיט׳ן מאַן, נעהמט איהר אַ שעה צוויי, און דורך די צוויי שעה, וואָס די קריסטין איז נישטאָ אין דער היים, האָט

רחל אַ געלעגענהייט אַריינצוכאַפּען אַ שלאָף. זומער-צייט, אין אַ וואַרימען טאָג, געהט זי זיך בעסער באָדען ביי די ווײסעל, און שלאָפט זיך אויס אין דער זון, אויפ'ן ווייסען זאַמד פון ברעג. אגב, מאַכט זיך דאָרטען אויך די בעקאַנטשאַפט פון אַ מאַן, וואָס נעהמט זי אין אַ רעסטאָראַן אָבצועסען, אָדער נעהמט זי אַהיים, און זי פערדינט אַ פּאָר זלאָטעס. אָבער זייט עס זענען אָנגעקומען די קילע טעג, איז רחל אָנגעוויזען אויף דעם „האָטעל", אויף דעם איינציגען פּלאַץ וואו זי קען אַריינכאַפּען אַ שלאָף. און היינטיקען טאָג וואַרט זי שוין אויס דערויף פון פריהמאָרגען אָן. איהרע פיס האַלטען זיך קוים. איהר יונגער בויגזאַמער קערפּער בויגט זיך איבער איהר, און ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אײנוויקלען און צוזאַמענלעגען... די אויגען קלעפּען זיך איהר צו. נאָר זי ווייס, אַז זי טאָר נישט שלאָפען! זי מוז אויפּפּאַסען, אויב די בעל-הבית'טע בעווייזט זיך נישט. לאָזט זי איין אויג אָפען צו היטען די בעל-הבית'טע און מיט'ן אַנדערען אויג פּרובט זי צו שלאָפען. די פיס ווערען שווער פון שטיין. זי לייגט איין פוס איבער'ן אַנדערען, לעהנט זיך אָן מיט איהר קערפּער אויף דער וואַנט פון טויער, און פּרובט יעדעס מאָל אויפצוהויבען אַנ'אַנדער פוס, — און שאָקעלט זיך מיט איהר קערפּער, ווי אַ פרומער יוד ביים דאַווענען...

אַ לאָק פון איהר געשאָרענעם קינדער-קאָפּ וואַרפט זיך אין די אויגען. זי שאַרט אַוועק די האָר נישט מיט די פינגער, נאָר מיט אַ מאַך מיט'ן אָרעם, זי איז צו פויל צו בענוצען איהרע פינגער.

דער קרעמער געגענאיבער, פון גאַלאַנטעריע-געשעפט, מיט דער געשאָרענער באָרד, איז שוין אַרויסגעגאַנגען פון געשעפט און אַרויסגעהאָנגען דאָס קאַרטעל, אַז דאָס געשעפט איז פערמאַכט דורך דער צייט פון מיטאָג-עסען, פאַרוואָס בעווייזט זיך די בעל-הבית'טע נישט? אפשר איז זי שוין געגאַנגען? — אפשר היינט פריהער ווי אַנ'אַנדערש מאָל?

זי וואַגט אָבער נישט אריבערצוגעהן און צו פּרובירן

די טיר. דער געשמאַק פון שלאָף, ווען זי וועט איינגראָבען איהר קאָפּ אין ווייכען קישען און ציהען די וואַרימע קאָלדרע איבער זיך, איז א צו טייערער ביסען, אַז זי זאָל עס ריזיקירען. ניין, זי וועט נאָך אָפּוואַרטען פינף מינוט. אַ קיהלער הערבסט-ווינט, פערשמעקט מיט עפּעל-דערבקייט, בלאָזט אין איהר נאַקעטע ברוסט דורך איהרע אָפענע דעקאָלטע, און איהר לייב — כאָטש געהאַרטעוועט פון באָדען אין קאַלטען וואַסער און ליעגען אויפ'ן ווינד — ווערט אָנגענעהם בערירט, דערפרישט. זי ציהט פעסטער אַרום זיך דאָס זשאַקעטעל איבער דער זיידענער בלוזקע און שטעהט, אן אויפגעוואכטע פון ווינד, און היט די באַלעבאָסטע.

איהר האַרץ הויבט אָן הויך צו קלאַפּען. די גוט-בעקאַנטע, אָבגעבלאַקירטע טויך איבער דער באַלעבאָסטעס פּלייצעס בעווייזט זיך, און עס גייט נישט אַוועק קיין פּאָר מינוט, און רחל געפינט זיך שוין אין טונקעלען פינסטערען קאָרידאָר און ריהרט פאָרזיכטיג אָן די קליאַמקע פון טיר.

אָהן אַ וואָרט אָנצורופען זיך, עפענט איהר ווער אין דער שטיל, פאַרזיכטיג, די טיר (כדי די קינדער אין קיך זאָלען נישט דערהערען). עס שלאָגט איהר אין פּנים אַריין אַן אָנגענעמער גערוך פון ביליגען פּערפיום, מיט אַן אַראָמאַט פון ציגאַרעטען-טאַבאַק. דער וואַרימער הויך פון אַן אויסגעשלאָפען לייב בעריהרט אָנגענעם און וואַרעם איהר אויסגעקיהלטען קערפּער, וועלכער האָט זיך אויסגעפרוירען פון פרימאָרגען אַן אויף די ווינטען פון דער גאַס. ווי אַ קאַץ, גיט זי זיך אַ גנב'ע אַריין דורכ'ן קאָרידאָר אין צימער אַריין. די שיך אַראָפּגעוואָרפען פון די פיס, נישט בענוצענדיג די הענד דערביי, און איבערגעלאָזט אין מיטען שטוב; דאָס קליידעל — ביים ראַנד פון בעט, און דער וואַרימער ליילעך און די וואַרימע קאָלדרע, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט דעם וואַרימען, לעבעדיגען הויך פון ביליגען פּערפום און ציגאַרעטען-טאַבאַק פון איהר חברטאָרינס לייב, האָבען געוואַרימט, געהאַלזט און

אַרומגע[illegible]ען [illegible]דליך-געטריי איהר אויסגעקיהלטען, גאַסענ-דיגען, היימלאָזען קערפּער...

[illegible] אין אָוועְנד האָט זי זיך געפונען, ווי אַנדערע פון [illegible]יהרע חבר׳טעס, אויף דער יערוזאַלימסקער אַלעע, די איינציגע ג[illegible]ס אין וואַרשע נאָך די לאַזשענקעס, וועלכע האָט בענק, וואו זיך אַוועקצוזעצען, און וועלכע איז שוין פון צייטען דער נאַכט-לעגער פון אַלע היימלאָזע אין וואַרשע.

כאָטש עס איז שוין געוועזן מיטנאַכט, איז די גאַס נאָך [illegible]לוין גוט בעלעבט. מוזיק און ליכט האָבען אַרויסגעדרונגען פון די רעסטאָראַנען, וואָס געפינען זיך אויף דער אַלעע. די גאַסען-מיידלעך האָבען זיך געדרעהט אַרויף און אַראָפּ אויף דער אַלעע. אנדערע האָבען זיך געוויצעלט און געלאַכט אין געזעלשאַפט מיט די שאָפערס פון די אויטאָמאָבילען; אַ צוויי אָפיצירען און גלאַט אַזוי אַ שכור׳ער פראַנט האָבען זיך געטשעפעט, פאַר וואוילטאָג וועגען, מיט די מיידלעך, און די יונגלעך האָבען נאָך געהאַלטען אין איין אויסרופען די אָוועגד-צייטונגען. אָבער די בענק זיינען שוין געווען בעזעצט מיט היימלאָזע, וועלכע זיינען געקומען דאָ איבערצונעכטיגען די נאַכט.

זי איז מיעד געוואָרען פון געהן און פון זיין אויף דער גאַס דעם גאַנצען אָוועגד. זי האָט זיך היינט, פריהער ווי אַן אנדערש מאָל, אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. די באַנק איז געווען באַזעצט מיט פערשיעדענע מענטשען: אַן אלטע פרוי אין שוואַרצען אָנגעטהון, מיט [illegible]טיפען, דיקען שאַל, וואָס האָט דערמאָנט אָן בעסערע צייטען; אַן אַנדער פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנד; עפעס אַן אַלטער; אַ מאן, אָנגעטהון אין מיליטערישע קליידער אָהן אַ בעשטימטער פאָרם. אַ סטו-דענט און גלאַט אַזוי אַ מענש — אַן אַרבייטער אָדער דער גוטער יאָהר ווייס איהם, וואָס ער איז. דער מענש, וואָס איז געזעסען לעבען איהר, האָט זי אָנגעקוקט. געזעהען, אַז זי איז

אַ יונגע און אַ שעהנע, האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו איהר, איינגעבוֹיגען זיך צו איהר, איינגערוימט, אַז זי זאָל געהן מיט איהם. רחל האָט אים אָנגעקוקט און דערקענט באַלד אָן איהם, אַז „פון דעם מעהל וועט קיין זעמעל נישט זיין". זי האָט איהם צוערשט גאָר נישט געענטפערט, נאָר ווען דער מענש האָט זי אַ צווייטען מאָל געטשעפּעט, האָט זי זיך אָנגערופען הויך:

— אַז דו וואָלסט געהאַט אַ שטוב וואו מיך צו נעהמען, וואָלסטו אַליין אַהיים געגאַנגען שלאָפען.

פון עק באַנק האָט ווער געלאַכט.

דער מענש האָט זיך אויפגעהערט צו טשעפּען, איז געזעסען אַ ווײַלע און געשוויגען. באַלד האָט זיך זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט; נישש געפונען בעקוועם, האָט ער זיך אַ וואַקעל געטהון אויף רעכטס, אַ וואַקעל געגעבען זיך אויף לינקס, און ענדליך געפאַלען אויף רחל'ס פּלייצעס.

— נישט קיין קישען מיינע פּלייצעס.

— זייט מוחל! — האָט זיך דער פרעמדער פאַרענטפערט — און פערעקשנ'ט איינגעגראָבען זיין קאָפּ צווישען זיינע פּלייצעס און געזעסען.

אָבער לאַנג האָט ער עס נישט אויסגעהאַלטען. ער האָט א גרויסען גאַווער געגעבען, ווי אַ קינד, האָט גענומען זיין אָרעם און אַקראָבאַטיש קונציג פאַרדרעהט אַרום זיין קאָפּ, ווי אַ קישען און איז איינגעשלאָפען.

— דער שטראַזניק שוין פערבייגעגאַנגען? — האָט ווער געפרעגט פון דער באַנק.

— געגאַנגען — דרעהען זיך ווי ווערים — האָט ווער אָבגעענטפערט.

די גאַנצע באַנק איז געוועזן דורשטיג נאָך שלאָף; ביי אַלעמען האָבען זיך די אויגען געקלעפּט. זיי האָבען אָבער מורא געהאַט איינצושלאָפען. לויט'ן געזעץ איז שלאָפען אויף די בענק אין גאַס פערוועהרט אין וואַרשע. יעדעס מאָל בעווייזט זיך אַ סטראַזשניק און וועקט די שלאָפענדע און טרייבט

זיי אַוועק פון די בענק. דאָס איז נאָר אין אַ געוויסער צייט, ביז מיטען-נאַכט. נאָך מיטען-נאַכט אָבער, ווען די גאַס רוהיגט זיך איין און די פּאָליציי געהט אַליין אַהיים שלאָפען, האָבען דעמאָלט די היימלאָזע אַ געלעגענהייט אויך אַריינצוכאַפּען אַ שלאָף.

— זעה, דו ווילסט איבערנעכטיגען אין צירקעל די נאַכט? — האָט ווער געפרעגט דעם שלאָפענדען מענשען.

— הלואי, אויף מיר געזאָגט געוואָרען. האָט זיך ווער געוויצעלט.

— לאָזט אַן אויג צומאַכען, — האָט דער אַלטער זיך געבעטען, און די יודענע מיט'ן קינד האָט זיך שוין געשאָלטען — פאַר פערגעניגען זיצען מיר דאָ ?

די גאַס האָט זיך איינגעשטילט און די באַנק האָט זיך איינגעשטילט. איינציגווייז האָט דער שלאָף אָנגעהויבען איינצוועבען יעדען איינעם אין זיין שפּינוועב. די אַלטע פרוי אין שוואַרצען האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, מיט'ן קאָפּ אַראָבגעלאָזט אויף דער ברוסט, אַזוי ווי זי וואָלט דאָרט פערגליווערט געוואָרען; דער אַלטער האָט הויך געשנאָרכט; דער סטודענט האָט אויסגעצויגען זיינע לאַנגע פיס אין גאַס אַריין; און דער מענש, וואָס איז געזעסען נעבען רחל'ען, האָט ווידער געפּ״ובט צו-וואַרפען זיין קאָפּ אויף איהרע פּלייצעס — און זי האָט זיך יעדעס מאָל פון איהם אָבגעוועהרט. און ער האָט יעדעס מאָל, אין שלאָף, נאָך יעדער אָבוועהרונג, פערענטפערט זיך און מחילה געבעטען. די גאַנצע באַנק איז איינגעשלאָפען: די איינציגע, וועלכע האָט מורא געהאַט איינצושלאָפען, איז געווען רחל, זי האָט געוואוסט, אַז אַ יונג מיידעל, וואָס מען געפינט שלאָפען אויף דער גאַס, איז פערדעכטיגט אַלס אַ גאַסענפרוי, און מען קען זי נעהמען אין צירקעל און פערשרייבען זי. און דאָס האָט זי, אָהן אַ בעוואוסטען טעם, נישט געוואָלט. כאָטש לעגאַל וואָלט איהר פיל לייכטער אָנגעקומען צו טרייבען איהר פּראָפעסיע. זי האָט זיך געמיהט נישט

איינצושלאָפֿן, נאָר צו זיצן שטיל, איין פֿוס אויפֿ׳ן אַנדערן. דאָס ווינטעל איז יעצט קאַלטער געוואָרן. זי האָט געפֿיהלט אַ ציטער דורכגעהענדיג דורך איהר קערפּער. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט און געזעסן.

פֿון פֿיר אַ זייגער אָן, זייט איהר חבר׳טע האָט זי גע־וועקט און אַרויסגעשיקט פֿון „האָטעל״, איידער די בעלעבאָס־טע איז אָנגעקומען, וואַלגערט זי זיך אַרום אויף דער גאַס. דער יונגער קערפּער, וואָס איז דורך די צוויי שעה שלאָפֿען אויפֿגעפֿרישט און אָנגעוואַרעמט געוואָרן, איז יעצט ווידער שלעפֿערדיג, האָט זי געהאָפֿט, אַז עס וועט זיך איהר מאַכען אַ בעגעגעניש, וואָס וועט זי איינלאַדען אין אַ רעסטאָראַן און דערנאָך אַהיים נעהמען אויף אַ גאַנצע נאַכט צו זיך, וואו זי וועט זיך קענען גוט אויסשלאָפֿען... דאָס האָט זיך איהר נישט געמאַכט, זעלטען ווער עס האָט אן אייגענע שטוב אין וואַרשא, און דער וואָס קומט שוין דערצו, בעדאַרף נישט אָנקומען צו אַ גאַסען־פֿרוי... אַלע, וואָס האָבען זיך איהר געמאַכט, זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זי געוואָלט אריינגעהמען אויף אַ קורצע ווײַלע, און דאָס האָט זי נישט בעדאַרפֿט. אַ ביסעל קליינגעלד אויף עסען האָט זי געהאַט נאָך פֿון נעכטיגען פֿער־דיענסט. אַלץ וואָס זי האָט בעדאַרפֿט, איז געווען אַ בעט וואו דורכצושלאָפֿען זיך, און דאָס האָט זי נישט בעקומען, זיצענ־דיג אַזוי צווישען די שלאָפֿענדע מענשען אויף דער באַנק אין דער קאַלטער נאַכט, האָט איהר אָנגענומען אַ גרויסער חשק נאָך אַ בעט. פֿאַר חדשים־לאַנג איז זי שוין נישט געשלאָפֿען אין אַ בעט בײַנאַכט, איהר קערפּער האָט געגאַרט, גע׳חלש׳ט זיך ווידער איינצוהילען אין וואַרימע קאָלדרעס, צוקנייטשען זיך אויף לײַלעכער און צוואַרימען זיך... זי האָט זיך געגעהרט מיט דעם געדאַנק בלויז וועגען אַ וואַרעם בעט, און דאָס האָט איהר גוט געטהון.

איהרע אויגען האָבען זיך געקלעפּט, און זי האָט גע־קעמפֿט מיט׳ן שלאָף. זי האָט געדענקט, אַז עס וואָלט גוט

געווען אויפגעהויבן זיך אין א ביסעל איבערצוגעהן, אפשר צו יענער באנק ביי דער לאמטערנע. דארט איז לעבעדיגער, דארט קומען ארויס מענשען פון רעסטאראן; אפשר וועט זיך ווער מאכען, וואס וועט זי אהיים נעהמען אויף א גאנצע נאכט. אבער זי איז צו פויל זיך צו בעוועגען. דער קאפ האט נאך געקלערט, אבער דער קערפער האט שוין נישט געפאלגט. ער האט זיך איינגעקארטשעט, ווי אין זיך אליין איינגעוויקעלט, און איז געבליבען אונבעוועגליך.

זי האט געוואוסט, אז זי טאר נישט שלאפען, אז זי וועט נישט שלאפען. ניין, זי שלאפט נישט. זי הויבט זיך אויף און געהט אהין, צו דעם לאמטערן, ביים רעסטאראן, א יונ-גערמאן נעמט זי — א ווארים בעט, ווארימע קאלדרעס — ווייסע ליילעכער קנייטשען זיך...

עפעס וואס פערשטעלט זי פון ווינט. עפעס-וואס ווארימט זי. — א פרעמדער קערפער. — ניין, איהר אייגענער. — עס איז ווארים, ווייך, — א ווארימער הויך יאגט אויף איהר ברוסט. — עס איז איהר אנגענעהם. — יא, זי וויל נעהנטער קומען, נעהענטער, נאר נאהענט צו ווארימע קאלדרעס...

און ארומגענומען לייב אין לייב האבען זיי זיך ביידע געווארימט, איינאטעמענדיג איינער דעם אנדערענס אטעם, איינטוליענדיג זיך איינער אין אנדערענס ברוסט — זי מיט דעם פרעמדען מענש וואס איז געזעסען נעבען איהר, אן ארבייטער — צי דער גוטער יאהר ווייסט איהם, ווער ער איז...

באלד איז די גאנצע גאס געשלאפען. די ליכט פון די רעסטאראנען האבען זיך אויסגעלאשען. די געלעכטערס פון די מיידלעך מיט די שאפערס אין די עקען פון דער גאס האבען זיך אויך אויסגעלאשען. דא און דארט דרימעלט א שאפער אויף זיין אויטאמאביל, א מיידעל אין זיין שויס. די צייטונגס-יונגלעך האבען זיך צוזאמענגעקליבען אויף די

שוועלען פון די הייזער. דאָרט, אויף די שוועלען, איז וואַרי־מער, היימישער, נישט אַזוי פיל גאַס. די שוועלען זענען באַדעקט מיט באַלקענס, כמעט אַזוי ווי אין אַ שטוב... צווערשט זענען צוגעקומען די קליינע יונגלעך, דערנאָך די גרעסערע, און אָנגעהויבען אָנצולעהנען זיך איינער אויפ׳ן קניען, פלייצעס, בריסטען, בייכער. באַלד האָבען זיך איינגעקנאָטען איינער אין דעם אַנדערענס לייב, געזוכט צו פאַרבאָרגען די קעפּ איינער אין דעם אַנדערענס בויך זיי האָבען אַפילו צוגעלאָזט צו זיך דעם יודישען יונגעל, וואָס איז געשטאַנען מיט דעם קאָרב בייגעל אין עק גאַס און פערקויפט צו די מיידלעך. אַ גאַנצען אָוועגד האָבען זיי זיך געקריגט מיט׳ן יודישען יונגעל און פאַריאָגט איהם פון עק מיט זיין קאָרב בייגעל, און יעצט האָבען זיי שלום געמאַכט מיט איהם. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז זיי זענען איינגעשלאָפען און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט׳ן קאָרב אויפן לעצטען עק פונלעצטען טרעפּ. באַלד איז אַ קריסט־ליך יונגעל אַריין מיט זיין קאָפּ אין זיין קאָרב אַריין, האָט דער יודישער יונגעל זיך געפיהלט מעהר היימיש און ער האָט זיין יודישען קאָפּ אָנגעלעהנט אויף זיין חבר׳ס פּעקעל צייטונגען, און די טונקעלע שטילע מוטער — נאַכט איז געקו־מען און האָט זיי אַלעמען צוגעדעקט און האָט זיי אַריינגע־נומען אין איהר חסד אַריין...

פון דער זייט פון דער ווייכסעל, פון די לאַנגע, לאַנגע פעלדער פון יענער זייט פון פאָניאַטאָווסקער בריק, האָט ווער אונטערגעצונדען די נאַכט מיט אַ גרויסען פלאַקער פייער, און די הימלען האָבען אָנגעהויבען צו ברענען. עס האָט זיך געגאָסען דאָס ליכט און באַלויכטען די שאַנד פון דער נאַכט; ענטדעקט פרעמדע מענשען ליגענדיג איינגעקנאָטען מיט די פנים׳ער, אָנגעלעהנט איינער אָן דעם אַנדערענס ברוסט, אַרומגענומען אין דעם אַנדערענס אָרימס. צווערשט האָבען נאָך געפּרובט די מענשען קעמפען מיט דעם טאָג־ליכט; פאַר־

שטעלט זיך דעם שײַן פֿון טאָג-ליכט; פֿאַרשטעלט זיך דעם שײַן פֿון טאָג מיט די הענד, מיט די אַרבעל. נאָר די זון האָט זיי נישט צודרוה געלאָזט, אויפגעריסען זייערע פּנים׳ער מיט ביטערע גרימאַסען איבער דער זון און געדראָהט איהר מיט׳ן פֿויסט װער דאַרף זי? נאָך װאָס איז זי געקומען?

דער לעצטער יוד

די עלטערן האָבען איהם איבערגעלאָזט בירושה אַ שוהל, און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון מיט איהר.

אַז ער הויבט זיך אויף און נעהמט דעם בעזעם אויס־צוקעהרען פאַר זיין הויז — געהט ער אויך אַרונטער אונטער דער שוהל, וואָס איז אין דעם צווייטען געסעל, און קעהרט אָפּ די גאַס פאַר די שוהל, דערנאָך עפענט ער זי אויף, נעמט אויף זיינע פלייצעס די שטאַנגען מיט די קאַמאַשען, שיך, שטעקלאטשען, וואָס ער האָט ליגען אין פאָליש, און שטעלט זיי אויס פאַר זיין קרעמעל. דערנאָך קומט דאָס ווייב מיט דער טאָכטער, און זיי הויבען־אָן אַרויסצוטראָגען קערב מיט טעפּ, טעלער, גלעזער און אַנדערע גלאָזוואַרג, מיט וועלכע זיי האַנדלען, וואָס זיי האָבען שטעהן אין דער שוהל, און שטעלען זיי אויס פאַר׳ןביידעל. אין אָוועבד, ווען מען פאַר־מאַכט דאָס ביידעל, טראָגען זיי צוריק זייערע סחורות אין דער שוהל אַריין, שלעפּען־ארויס אַמאָל אַ שעניק, אַמאָל אַ פּאָר פערפעדערטע קישענס, אָדער אַ־דערע זאַכען פון בעל־בתישקייט, וואָס זיי האָבען שטעהן אין שוהל, און טראָגען זיי אַהיים איבערנאַכט.

טיילמאָל אין מיטען טאָג, קומט־אָן דער „פיהרער" פון שטאָדט מיט אַ פּאָר ענגלישע אויסגעצויגענע גרינע „מיסעס", וועלכע זענען געקומען בעזוכען דאָס אַלטע פראַנצויזישע

שטעדטעל, און דערנאָך, ווי זיי האָבען בעזוכט די קירכע, די איבערגעבליבענע רוימישע מויער און אַנדערע זעהענס-ווירדיגקייטען, ׳פיהרט זיי דער פיהרער אויך ווייזען די „סינאַגאָגע״.

— מוסיע קרעמיע, בעזוך פאַר די סינאַגאָג.

מוסיע קרעמיע מאַכט זיך נישט הערען און איז ווייטער פערנומען מיט זיינע שטיוועל.

— זיי וועלען געבען אַ גוטען טרינק-געלד. איך האָב אָבגעמאַכט מיט זיי. — זאָגט דער פיהרער, — געקומען ארי-בער פון אַוויניאָן.

אַז די בעזוכערס זענען מענער, פון וועלכע מוסיע קרעמיע ערוואַרט צו בעקומען אַ גוטען טרינק-געלד, נעהמט ער די שליסלען און געהט אַליין אַריבער און עפענט פאַר זיי די שוהל און בעווייזט זיי די אַלע פערבאָרגענע זאַכען פון זיין ירושה.

אַז עס זענען נאָר פיין-געקליידעטע הערשאַפטען, וואָס קומען-אָן מיט אַנ׳אייגענעם אויטאָמאָביל, אָדער אַמעריקאַנער, — בעווייזט ער אַפילו די פאָר בלעטלעך שמות, געשריבענע בלעטער פון אַ פאָר „יהי-רצון׳ס״, מזכיר-נשמות-בוך פון דער קהלה, אַ פאָר אַלטע שער-בלעטלעך פון אַמסטערדאַמער סלי-חות, וואָס ער האַלט אין שופלאָד מיט דעם געלד אין זיין קראָם. אַז די גוים צוזאַמען מיט מוסיע קרעמיע האַלטען די ביכלעך מיט׳ן קאָפּ אַראָב און בעקוקען מיט נייגעריקייט די פרעמדע סודותפולע ביכלעך, דערצעהלט זיי דאַן מוסיע קרעמיע, וואָס אַ טייערע חפצים דאָס זענען, און אַז איין אַמעריקאַנער האָט איהם שוין, אָנגעבאָטען שלל מיט געלד פאַר די ווערטפולע דאָקומענטען. אָה, אָה! און לעגט זיי צוריק מיט שטאָלץ און שיפלאָד אַריין, ווען ער פלעגט האַל-טען זיין געלד און זיינע פערזענלעכע דאָקומענטען. אַז די ווי-זיטערס זענען גוטע ענגלישע שיקסעס, וועלכע געבען טרינק-געלד אַ פאָר סאָ, גיט ער אַ רוף צום ווייב אָדער צו דער טאָכטער: —

— בעווייזט די דאַמען די סינאַגאָג.

דענסטמאָל נעהמט דער אָפיציעלער „פיהרער״ פון שטאָדט איבער די הערשאַפט איבער דער שוהל. ער פיהרט זיי ארום. בעווייזט זיי די הענגלייכטער, פיהרט זיי אַרויף אויפ׳ן בע־לעמער און ערקלערט זיי, וואָס דאָס איז; דערנאָך נעהמט ער זיך צום אָרון הקודש, רוקט־אַוועק דאָס פרוכת, און בע־ווייזט זיי אַ פּאָר פערשעמטע ספר־תורות, וועלכע שטייען דאָרט אָנגעטהון אין אלטע פערשטויבטע תורה־קליידלעך, ווייזט־אָן אויף די פרעמדע העברעאישע שפרוכען, וואָס שטעהען איבעראַל אויפגעשריב׳ן, אויף די פערגעסענע אויסגעלאָשענע יאָהר־צייטען — נר־תמיד׳ס פאַר אַמאָליגע בעלי־בתים... און וואָס מעהר עס זענען די אויסזיכטען אויף טרינק־געלד, אַלץ אינטערע־סאַנטער, אַלץ פרעמדער און אויטערלישער ווערט די יודישע אמונה...

מוסיע קרעמיע אַליין האַלט, ווי אַלע איינוואוינער פון שטעדטעל, פון אַלע יום־טובים, וואָס די איינוואוינער פון שטעדטעל האַלטען — די קריסטליכע. ער רעדט פון זיי, ווי פון זיינע אייגענע יום־טובים, און דאָס ווייב פּאָרעט זיך איינאָרדנען זיי פונקט ווי אַלע גוטע קריסטליכע ווייבער פון שטעדטעל. נאָר דער איינציגער אונטערשיד צווישען איהם און די אַנדערע בעלי־בתים, — וואָס טיילמאָל געהען די אַנדערע בעלי־בתים אין דער קירכע און ער געהט נישט. אַחוץ צו דער לויה פון זיינעם אַ גוטען ברודער.

מוסיע קרעמיע ווייסט, אַז ער איז אַ יוד, און קיינער האָט גאָרנישט געגען דעם, וואָס מוסיע קרעמיע געהט קיינמאָל נישט אין דער קירכע דאַווענען, כאָטש מוסיע קרעמיע וואָלט עס זעהר געוואָלט.

מוסיע קרעמיע, ווי די אַנדערע בעלי־בתים אין שטעד־טעל, איז אַ געוועהנליכער מענש, וואָס איז פערנומען זעהר שטאַרק מיט פרנסה און מיט אַ קליין ביסעל פערגעניגענס און האָט נישט קיין צייט צו זיין קיין אַפּיקורס. מען געהט נישט אין קירכע דערפאַר, ווייל עס גלוסט זיך נישט. זונטאָג איז דער איינציגער טאָג, וואָס מען קען שלאָפען לענגער, אָבער צו גאָט האָט ער גאָרנישט. פערקעהרט, ער אָנערקענט די נויט־

חענדיגקייט פון גאָט אין דער צייט, ווען מען איז אין אַ צרה, ווען מען איז קראַנק, אָדער דאָס ווייב איז קראַנק, דער דאָקטאָר מיט דער אַפּטייק זענען אין היינטיגע צייטען אַזוי טייער, די קירכע און דאָס „הייליגע ברויט" איז ביליגער... אָדער ווען מען האָט צו טהון מיט'ן געריכט.

ווי אַלע געוועהנליכע מענשען, ווען זיי קומען אויף דער עלטער, די פרנסה איז שוין איינגעשטעלט, און מען האָט שוין זיין אָנזעהן אין שטאָדט — האָט ער געפיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו בעלאַנגען צו דער קירכע, אַדורכצורעדען זיך מיט'ן גלח און האָבען אַלס גוטע פריינד אַלע פיינע מענשען פון שטאָדט, וואָס געהען יעדען זונטאָג אין קירכע.

נאָר מוסיע קרעמיע האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ יוד — און ער בעלאַנגט צו אַנ'אַנדער „קירכע". פון זיין קירכע איז קיינער נישט געבליבען אין שטעדטעל, נאָר ער אַליין...

ווי פון אַ חלום אַרויס געדענקט ער, ווען מען האָט אַמאָל געדאַווענט אין דער שוהל. ער איז נאָך געווען דענצטמאָל אַ יונגעל, ער געדענקט נאָר ליכט: אַלע אַלטע האָלענדישע הענגלייכטער, וועלכע הענגען אין דער שוהל, און וואָס אַלע ווייזיטערס זאָגען, אַז זיי זענען די טייערסטע זאַכען פון דער שוהל, פאַר וועלכע אַ הענדלער האָט איהם אַמאָל געוואָלט נעבען אַ געוויסע סומע, אַז ער זאָל זיי איהם פערקויפען, — אַלע הענגלייכטער זענען געווען בעלויכטען און אַ חזן האָט געזונגען, ער געדענקט: ער איז געשטאַנען ביי זיין פאָטער, אָנגעטהון אין אַזאַ מין ווייסען שאַל — ווייסע שאַלען און ליכט און געזאַנג, דערנאָך איז דאָס דאַווענען אין דער שוהל וואָס אַמאָל זעלטענער געוואָרען. — מיט יעדען בעל-הבית, וואָס איז געשטאָרבען, אָדער ער האָט אויסגעוואַנדערט אין אַ גרויסע שטאָדט אַריין, איז דאָס דאַווענען זעלטענער געוואָרען. — די קינדער זייערע האָבען חתונה געהאַט מיט קריסטליכע ווייבער און גע'שמד'ט זיך. דאַן האָט עס אינגאַנצען אויפגעהערט. אין שטאָדט זענען איבערגעבליבען צוויי יודען. ער און אַ קוזין זיינער, אויך אַ מוסיע קרעמיע.

ווען דער קוזין האָט נאָר געלעבט, פלעגען זיי ביידע אין אַ געוויסען טאָג (דער קוזין האָט שטענדיג געוואוסט, ווען דער געוויסער טאָג איז — ער האָט געהאַט אַזאַ קליינעם יודי-שען אַלמאַנאַך, וואָס דער ראַבינאַט פון פאַריז האָט איהם צו-געשיקט) — פלעגען זיי אין דעם טאָג, נאָך אַנ׳אָרטענד פֿריער, ביידע אריינקומען אין שוהל, אָנצינדען אַלע יאָהר-צייט-נר-תמיד׳ס, וואָס הענגען פאַר׳ן אָרון, און אַרומדרעהען זיך אין שוהל, דאַוונען האָבען זיי ביידע נישט געקענט, נאָר דער קוזין האָט נאָך געהאַט אַ תפילה-שאַל, פלעגט ער זיך אַרומדרעהען אין דעם תפילה-שאַל, און ער אָהן אַ שאַל, ביז דאָס ביסעל אייל, וואָס זיי האָבען אַריינגעגאָסען אין די נר-תמיד׳ס, האָט זיך אויסגעברענט, — האָבען זיי פערלאָשען די קנייטלעך און צהיים געגאַנגען. דעם טאָג האָבען זיי אויך געהאַלטען די גע-וועלבלעך פערשלאָסען, און דער קוזין האָט נישט געגעסען דעם טאָג ביז צוועלף אַ זייגער, נאָר בלויז געטרונקען, ווארום דער קוזין האָט געזאָגט, אַז אין דעם טאָג טאָרען יודען נישט עסען ביז (האַלבען טאָג) נאָר בלויז טרינקען.

אַז דער קוזין איז געשטאָרבען, האָט ער בעמיהט זיך אָבצוהיטען דעם טאָג. איינער אַליין האָט ער אָבער נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען טהוט דאָס, ביז איינמאָל האָט ער גאָר פערגעסען אויסצושרייבען דעם יודישען אַלמאַנאַך. פון פאַריזער ראַבינאַט — האָט ער שוין נישט געוואוסט, ווען דער טאָג איז און פון דענסטמאָל אָן טהוט ער עס שוין נישט מעהר.

אָבער מוסיע קרעמיע האָט נישט געקאָנט לעבען אָהן רעליגיע. אַ בעל-הבית אין שטאָדט איז ער געווען אַ אָנגע-זעהענער, געהאַט זיין גוטע קונטשאַפט, שיינע בעל-הבית׳טעס, וואָס האָבען געקויפט ביי איהם האַלצערנע שיך און טעפלעך און טעלער ביי זיין ווייב. אַפילו דער גלח פון קירכע האָט געקויפט ביי איהם. דער שטאָדט-מאַגיסטראַט, אַלע זיינע בע-קאַנטע און פריינד זענען איינינע מאָל אין יאָהר געגאַנגען אין קירכע און אויסגעהאַלטען דעם גלח. ער האָט געוואוסט

פון אַלע קירכליכע יום-טובים, פון אַלע קירכליכע אינטריגעס און פון אַלע קירכליכע פלאָטקעס. זיין געוועלבעל איז געווען אַ מין בערזע, וואו די ווייבער פלעגען אַריינקומען און אויסרעדען זיך די הערצער. אַפילו דער גלח פלעגט אָפט אַריינקומען, אַנידערזעצען זיך און אויסרעדען זיך דאָס האַרץ פאַר מוסיע קרעמיע, ווי די וועלט איז שלעכט געוואָרען, דער עולם איז נישט מעהר פרום. צו קיין געבעט קומט מען נישט, נאָר פון זונטאָג צו זונטאָג — צו בעווייזען די נייע איינגעקויפטע שיך, מתודה זיין זיך אודאי נישט, בפרט די יוגענד, און דאָס הייליגע ברויט קומט מען נישט נעהמען, סיידען מען רופט צום טויטען-בעט.

מוסיע קרעמיע איז געווען פון נאַטור אַ קאָך-לעפעל, און האָט ער נישט געהאַט קיין אייגענע שוהל און קהלה ביי וועמען זיך צו קאָכען און צו מישען — האָט ער זיך געמישט אין די קירכליכע זאַכען. ער האָט געגעבען עצות דעם גלח, ווי אַזוי צו מאַכען, אַז דער עולם זאָל גיכער אין קירכע געהן. זיין אויפטהו איז דאָס געווען די נייע מאָדע אַרויפצוהענגען אַן'עלעקטערישען צלם פאַר דער טיר פון דער קירכע און אַראָבצוברענגען אַן'אָרגעל-שפּילער פון ליאָן. ער האָט אַפילו געהאָלפען צוזאַמענצונעהמען דאָס נויטיגע געלד, וואָס מען האָט בעדאַרפט אויף רייזע-הוצאות פאַר דעם אָרגעל-שפּילער. ער האָט איינגעאָרדענט דעם בעריהמטען בילליגען באַזאַר אויף דעם צוועק. געגעבען אַליין פאַר דעם צוועק איינציגע פאָר נייע האָלצערנע שיך פון בעסטען סאָרט, דאָס ווייב — אַ טוץ טעלער מיט גלעזער... פערקויפט בילעטען אויף דער לאָטעריע אויך פאַר דעם צוועק — און ביי'ם פלטען געווען דער גאַנצער מאַכער.

איז ער אַמאָל אַזוי געלעגען בייַנאַכט, מוסיע קרעמיע, און ער האָט נישט געקענט שלאָפען. קיין יונגער מענש איז ער שוין נישט געווען און געטראַכט דערפון, אַז ער וועט שטאַרבען אַ יוד, וועט מען איהם דאַרפען אַריבערפיהרען קיין ליאָן, וועט דאָס זיין אַ איבעריגע הוצאה פאַר זיינע יורשים.

און יורשים האָט ער געהאַט פיינע, אנשטענדיגע מענשען. מוסיע גראַווע, דער עלעקטראָ-מעכאַניק פון שטאָדט, איז זיין איידעם, און נאָך איינע אַ טאָכטער נישט קיין פערהייראַטע, וועלכע העלפט דער מוטער אין די טעלער מיט די גלעזער. פאַרוואָס זאָל ער זיי אויסברענגען אנ׳איבעריגען גראָשען? ער וועט זיך שמד׳ן, בעלאַנגען צו דער קאַטוילישער קירכע, און אַז ער וועט שטאַרבען – וועט מען איהם בעגראָבען אויפ׳ן היימישען בית-עולם, צווישען די אייגענע. אי עס וועט זיין ביליגער, אי עס וועט זיין בעקוועמער. אַי, וואָס וועט זיין מיט דער שוהל? אַז ער וועט זיך שמד׳ן וועט דאָך די שוהל מעהר נישט בעלאַנגען צו איהם; ער וועט פערליערען אַ גוטען פלאַץ, וואו צו בעהאַלטען זיינע קאַמאַשען, שיך, און האָלצערנע פאַנטאָפלעס — און דאָס ווייב דאס געשיר — און ווער וועט אכטונג געבען אויף דער שוהל? זי וועט דאָך צופאַלען?

די שיך און טעלער וועל איך קאָנען סיי ווי סיי דאָרטען האַלטען. ווער וועט מיר שטערען? — אַזוי לאַנג געהאַט מיינע זאַכען דאָרט. די שוהל איז מיינע, קיינער האָט נישט קיין רעכט זי אָבצונעמען. דאָס האָבען מיר די עלטערען איבערגעלאָזט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז ער אַוועק צום גלח, צו זיין גיטען בעקאַנטען און פריינד, און ער האָט איהם געזאָגט, וואָס זיין בעגעהר איז.

— אבא קרושאָן, איך בין געקומען, אַז דו זאָלסט, מיך אויפנעמען אין קאַטוילישען גלויבען. סיי ווי סיי בין איך אַ אייעריגער, אַ קאַטאָליק. מיינע זענען נישטאָ מעהר און אויסצוהאלטען איינער אַליין אַ רעליגיע — איז זעהר אַ טייערער ביסען. דער ראַבינאַט איז אין ליאָן — איך דענק, אַז איך וועל טהון גלייך, אַז איך וועל זיך איינשרייבען ביי אייך, אַבאַ קרושאָן, אין קאַטוילישען רעגיסטער.

ווען אַבאַ קרושאָן האָט דאָס געהערט, האָט ער פערביסען די אויבערשטע אָבגעגאָלטע ליפּ, אַרויסגענומען דאָס טאַ-

באַק־שקעטעלע, גענומען אַ פעסטען שמעק־טאַבאַק און נישט מכבד געווען דערמיט מוסיע קרעמיע, ווי תמיד, — וואָס דאָס איז געווען אַ צייכען, אַז דער אַבאַ איז בייז, און דאָס האָט מוסיע קרעמיע זעהר פערחאַונדערט.

— און וואָס וועט זיין מיט דער שוהל? ווער וועט אכטונג געבען אויף דער שוהל? צו וועמען וועט זי איצט בעלאַנגען, צו קיינעם נישט?

— די שוהל איז מיין, אַזוי לאַנג ווי איך לעב, איז זי מיין. דאָס האָבען מיר מיינע עלטערן איבערגעלאָזט בירושה, — פערטיידיגט מוסיע קרעמיע זיין אייגענטום. —

— איך האָב זיך נישט געריכט דערויף, נישט געריכט אויף דיר. מוסיע קרעמיע, אַזאַ אָנשטענדיגער בעל־הבית, ווי דו ביסט, איך האָב זיך נישט געריכט, — שאָקעלט דער אַבאַ מיט'ן קאָפּ מיט בעדויערען.

מוסיע קרעמיע איז געשטאַנען פערוואונדערט, און איי־דער ער האָט נאָך געפּרובט אויפצועפענען זיין מויל — איז שוין דער אבא אַרויס מיט לשון.

— דו טאָרסט נישט אַוועקוואַרפען די רעליגיע פון דעם נאָבעלען פאָלק ישראל, דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק פון גאָט, דעם פאָטער, „עס וועט נישט פערשניטען ווערען דאָס איבערבלייבעכטס פון ישראל” — שטעהט געשריבען אין דער הייליגער שריפט, און דו ווילסט עס איבערשניידען. אויף דעם האָב איך זיך נישט געריכט אויף דיר. — דו ביסט אַ שענער בעל־הבית אין שטאָדט, און דו זאָלסט וועלען טהון אַזאַ זאַך — ווי אַוועקוואַרפען דעם גלויבען פון דיינע על־טערען און איבערלאָזען די סינאַגאָגע, מיט וועלכער אונזער שטאָדט שטאָלצירט. ניין, מוס' קרעמיע, דו מוזט איבערבלייבען ביי דיין גלויבען אין אונזער שטאָדט, דו ביסט אין אונזער שטאָדט דאָס רעשט פון ישראל, וואָס זאָל נישט אָפּגעשניטען ווערען פון דער ערד, ווי עס שטעהט אין דער הייליגער שריפט — דו קאָנסט נישט ענדערען דיין גלויבען, דו מוזט איבערבלייבען אַ יוד, און היטען די סינאַגאָגע, וואָס דיינע

עלטערן האָבען דיר איבערגעלאָזט האָט דער אַבאַ געדעדט, האלטענדיג אין דער הויך צוויי פינגער פון זיין האַנד, פונקט אַזוי ווי זונטאָג ביי דעם פרעדיגט.

באַלד האָט זיך די פערשפּרייט איבער׳ן שטעדטעל, אַז מוסיע קרעמיע האָט געוואָלט אַוועקוואַרפען די סינאַגאָגע און איבערגעהן צום קאַטוילישען גלויבען. און מוסיע קרעמיע האָט מיט פערוואונדערונג בעמערקט, אַז אין די בעציהונגען פון די בעלי-בתים אין שטעדטעל צו איהם איז פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג — צום ערגערען.

שענע בעלי-בתים זענען אַדורכגעגאַנגען דורך זיין געוועלבעל און האָבען אַוועקגעבויגען דעם קאָפּ פון איהם, אַז זיי זאָלען נישט בעדאַרפען איהם גרוסען. די בעל-בית׳טעס האָבען אָנגעהויבען אויסצומיידען זיין געוועלבעל. און די, וועלכע זענען יאָ אַריינגעקומען, האָבען געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף איהם.

— מען רעדט אין שטעדטעל וועגען דיר נישט גוט. דער אַבאַ האָט געפרעדיגט זונטאָג אין קירך, אַז דו האָסט געוואָלט דעזערטירען פון אונזער סינאַגאָגע. די שענע אַלטע סינאַגאָגע פון אונזער שטאָדט, וואָס דיינע עלטערן האָבען דיר איבערגעלאָזט.

און איין מאָל ווען דער רעיענט, דער בכבוד׳טער מוסיע קראַוואַן, האָט איהם אָנגעטראָפען אין גאַס, און דער יוד האָט איהם אונטערטעניג געגריסט — האָט זיך מוסיע קראַוואַן אַוועקגעדרעהט פון איהם און האָט געשאָקעלט אויף איהם מיט דער האַנד, ווי איינער זאָגט „נישט גוט, נישט גוט".

דאָס האָט מוסיע קרעמיע מעהר פערדראָסען ווי אַלצדינג, אַז דער בכבוד׳גער רעיענט זאָל האָבען פון איהם אַ שלעכטע מיינונג, דאָס האָט ער נישט געקאָנט איבערטראָגען. איז ער צוגעגאַנגען צו איהם — און האָט געפרעגט: — מוסיע קראַוואַן, פאַרוואָס? וואָס האָב איך אַזעלכעס שלעכטס געטהון?

— אַבאַ קרושאַ האָט מיר דערצעהלט, אַז דו ביסט גע-

ווען ביי איהם. דו האָסט געוואָלט טוישען דיין רעליגיע און איבערגעהן צו אונזערער, דאָס איז נישט גוט. דו ביסט דער איינציגער יוד, וואָס איז איבערגעבליבען אין אונזער שטאָדט, פאַר אונזער שענער אַלטער סינאַגאָגע, און דו ווילסט פון איהר דעזערטירען, נישט געהן, מוסיע קרעמיע, נישט שען.

— אָבער איך ווייס דאָך נישט, ווי אַזוי צו דאַוונען אין איהר. עס איז שוין אַלאַנגע צייט, ווי מען האָט נישט געז'אוועגט אין איהר – און פון מיין רעליגיע ווייס איך אויך וועניג. אַלצדינג פערגעסען.

— דאָס איז גאַנץ גלייך. דו ביסט אַנ'אָפּיציעלער מענש. דער איינציגער יוד אין אונזער שטאָדט, דו קאָנסט נישט פערלאָזען דיין פּאָסטען. דיין פּאָסטען איז צו היטען די סינאַגאָגע, די אַלטע שיינע סינאַגאָגע, וואָס איז אין אונזער שטאָדט. און דו האַלטסט זי נישט אין אָרדנונג אויך. דער אַבאַ זאָגט, אַז די הייליגע שריפטען שטעהן נישט ביי דיר אין אָרדנונג אין דער סינאַגאָגע, און די אַנדערע רעליגיעזע כּלים. עס איז פערנאַכלעסיגט. און דו האָסט דיר געמאַכט די סינאַגאָגע פאַר אַ לאַגער פאַר דיינע סחורות, פאַר דיינע שיך, מיט דיינע טעלער, דאָס איז נישט שיין, מוסיע קרעמיע, די סינאַגאָגע בעלאַנגט צו דער שטאָדט.

נאָר דאָס האָט מוסיע קרעמיע נישט געקאָנט איבערטראָגען.

— קיינער האָט מיר נישט וואָס אַריינצורעדען, מוסיע קראַזואַן, וואָס איך טהו מיט מיין סינאַגאָגע. עס איז מיין סינאַגאָגע – קלאַפּט זיך מוסיע קרעמיע אין האַרצען, – וואָס מיינע עלטערען האָבען מיר איבערגעלאָזט, און איך קאָן טהון מיט איהר וואָס איך וויל. אַז איך וויל, וועל איך דאַוונען אין איהר, און אַז איך וויל – וועל איך האַלטען אין איהר מיינע שיך מיט מיינע טעלער, —— און קיינער האָט מיר נישט וואָס איינצורעדען. און, אַז איך וועל זיך שמד'ן, וועל איך זי אויך נישט אָבגעבען. קיינמאָל נישט געטראַכט דער־פון אייך אָבצוגעבען מיין סינאַגאָגע, איך וואָלט זי אונטער־געצונדען צוערשט. און איידער איך וועל שטאַרבען, וועל

איך זי אונטערצינדען. נישטאָ קיין יודען, נישטאָ קיין סינאַ־גאָגע מעהר — און אייך וועל איך זי נישט איבערלאָזען.

— וועט מען דיך אין תפיסה אַריינזעצען.

— קיינער קאָן מיר גאָרנישט טהון דערפאַר, עס איז מיין סינאַגאָגע, מיין. מיין, וואָס מיינע היילינע עלטערען האָבען זי מיר איבערגעלאָזט. און קיינער קאָן מיר נישט אַוועקנעמען — שלאָגט זיך מוסיע קרעמיע אין האַרץ אַריין,— ביז צום העכסטען געריכט אין פאַריז וועל איך געהן פער־טיידיגען מיין רעכט.

מוסיע קרעמיע איז אַהיימגעקומען אַ בייזער און אָנ־אויפגערעגטער, געקריגט זיך מיט'ן ווייב, אויסגעזידעלט די טאָכטער, און געברימט פאַר זיך אַ וואָרט, וואָס קיינער האָט נישט פערשטאַנען: „פאַ זשואיף, פאַ סינאַגאָגע". דערנאָך האָט ער גענומען די שליסלען פון דער שוהל, איז אַריבער אין סינאַגאָגע, האָט מיט'ן פוס אַוועקגעקאָפּיעט די טעלער און די שיך, וואָס זענען געשטאַנען אין פאָליש, צובראָכען אַ פּאָר שיסלען, אַרויף אין דער הויך אין דער שוהל. אַ גרויסע שוהל איז עס געוועזען מיט אַלטע הענגלייכטער, אַ פוסטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון די קליינע פענסטערלעך פון דער ווייבער־שוהל. דער הויכער בעלעמער איז געשטאַנען לעדיג, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט איז ווער ערשט דאָרט געשטאַנען, נאָר איז פערשוואונדען, איידער מען איז אין שוהל אַריין. די זון האָט שוין געמוזט אין דרויסען אונטערגעהן, וואָרים אין שוהל האָבען זיך געקליבען שאָטענס פון אַלע ווינקלען אַרויס. די קאָלירטע שויבען אין דעם פענסטער איבער'ן ארון האָבען זיך אָנגעהויבען צו שפּילען מיט פאַרבען־שיינענדיגע קאָלירען. פון זיי האָבען זיך געטראָגען זיילען מיט פאַרבענ־דיגע שטויבלעך און געלעגט זיך איבער דעם חלל פון דער שוהל.

אין שוהל איז שטיל געוועזען און לעער. מוסיע קרעמיע האָט נאָר געהערט דעם הילך פון זיינע טריט, וואָס האָבען ווי אין אַ ליידיגער פאַס אָבגעקלונגען פון איין עק שוהל

צום צווייטען. ער האָט זיך אַרויף און אַראָב געדרעהט, נישט געוואוסט וואָס צו טהון, נאָך וואָס ער איז אַריינגעקומען און וואָס ער וויל. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן הויכען בעלעמער און אַראָבגעגאַנגען פון הויכען בעלעמער, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום ארון, אויפגערוקט דעם פרוכת, און דער־זעהען די פערלאָזטע ספר־תּורות שטעהן אין זייערע פער־שטויבטע קליידלעך, האָבען זיי עפּעס איהם דערמאָנט, עפּעס אַ בילד פון קינדער־יאָהרען האָט זיך אָבגערופען אין זיין זכּרון, ליכט און געזאַנג און ווייסע טליתים האָבען געשוועבט פאַר זיינע אויגען — איז ער מיט׳ן פּנים צוגעפאַלען צו די ספר־תּורות, און אָנגעהויבען צו וויינען:

— אָ, דיע ד׳איזראַעל! אָ, דיע ד׳איזראַעל! (גאָט פון ישראל!)

און אָנגעהויבען זיך מיט דער רעכטער האַנד צו קלאַ־פּען אין האַרץ אַריין:

— עס איז מיין שוהל, מיין שוהל! נישט וואָהר, דיע ד׳איזראַעל, — איך וועל זי נישט אָבגעבען די קריסטען. נאָ, דיע ד׳איזראַעל — מיין שוהל — מיין שוהל!

אַז ער איז אַראָב פון ארון, איז שוין געווען פינסטער אין שוהל. די שאָטענס, וואָס האָבען בייטאָג, ווען אַ מענש איז אַריינגעקומען אין שוהל, זיך געהאַלטען אין די ווינקע־לעך, זענען איצט אפּערגעשוואומען און אַרומגענומען אין זייע־רע טויטע אומגעזעהענע אָרעמס די גאַנצע שוהל. פון נעבעל־דיגען שאָטען האָבען נאָר אַרויסגעשוועבט די מאַסיווע אַלטע האָלענדישע הענגלייכטער, — און דאָ און דאָרט האָט אַנ׳אלט גאָלדענע העברעאישע אויפשריפט אַראָבגעשיינט פון אַ וואַנד. מוסיע קרעמיע האָט זיך דערמאָהנט אין יענעם זאָנדערבאַרען אָוענד, ווען ביים לעבען פון זיין קוזין פלעגט מען אָנצינ־דען די אַלע נר־תּמיד׳ס, ווי האָט דאָס געהייסען יענער טאָג? — אָ, איצט געדענקט ער עס גוט. יום־כּפּור, — סי, סי, יום־כּפּור, — אפשר איז היינט יום־כּפּור? די היינטיגע נאַכט, פאַרוואָס נישט די היינטיגע נאַכט? עס איז שטענדיג

אויסגעפאַלען צום ענדע זומער. ער איז פלינק אַוועק אַהיים און אָנגעזאָגט דעם ערשטוינסטען ווייב, אַז היינט וועט ער נישט עסען קיין אָווענד-ברויט, נאָר בלויז טרינקען. אַזאַ יום-טוב אַ יודישער, ווען מען טאָר נישט עסען ביז'ן צווייטען טאָג „מידי״, נאָר מען מעג בלויז טרינקען. גענומען אַ פלעשעלע אייל, אַריבער אין שוהל, אָנגעגאָסען אַלע יאָהר-צייט נר-תמיד'ס, אויסגעזוכט אַ טלית-שאַל פון אַנ'אַלטען קאַסטען אַרויס. און מוסיע קרעמיע האָט זיך אַליין אַרויף און אַראָבגעדרעהט אין טלית-שאַל אין דער בעלויכטענער שוהל.

פון דעמאָלסט אָן פלעגט ער עס זעהר אָפט טהון. אַז עס פלעגט איהם איינפאַלען, האָט ער זיך געמאַכט יום-כפור. און די איינוואוינער פון דער שטאָדט זענען פערוואונדערט געוואָרען צו זעהן, ווי די אַלטע פערלאָזענע שוהל איז בעלויכטען מיט צאַנקענדיגע אייל-ליכט.

אינעווייניג צווישען אָנגעצונדענע נר-תמיד יאָהר-צייטען דרעהט זיך אַרום דער לעצטער יוד אָנגעטהון אין אַ טלית-שאַל, איינער אַליין און ברימט עפּעס פאַר זיך: דיע ד'איזראַעל.

מוסיע קרעמיע האָט געהאַלטען וואָרט:

אַז ער איז אַלט געוואָרען און קראַנק, און געוואוסט, אַז ער וועט שוין נישט לאַנג קאָנען ציהען, איז ער אַמאָל אַריין אין אַ נאַכט אין דער סינאַגאָגע און געמאכט יום-כפור, ווי ער פלעגט עס רופען. דאָס מאָל האָט ער מעהר אייל אַריינגעגאָסען אין די נר'תמיד'ס ווי שטענדיג, און גרעסערע קנייטלעך אַריינגעשטעקט. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך די נאַכט אַרומגעדרעהט איינער אַליין אין דער שוהל, אָנגעטהון זיין טלית-שאַל און געברימט אומפערשטענדליכע ווערטער. איידער ער האָט פערלאָזט די שוהל, האָט ער גענומען זיין טלית-שאַל און איינגעטונקט איהם אין אייל — און אַוועקגעלעגט אויף דעם אָפענעם ארון הענגענדיג, אונטער די אָנגעצונדענע נר'תמיד'ס. די נאַכט האָט ער פערגעסען אויסצולעשען די נר'תמיד'ס ער האָט צוגעמאַכט די שוהל פעסט אויפ'ן שליסעל און איז אַהיימגעגאַנגען און געלעגט זיך אין בעט

אַריין. — צומאָרגענס אין דערפריה, אַז ער האָט דערזעהן דעם פלאַץ פון דער שוהל דורך זיין פענסטער, האָט ער מיט די לעצטע כחות געמאַכט מיט דער האַנט און געזאָגט מיט אַ טריאומפירענדען שמייכעל אויף זיין געל־וואַקס פנים:

— פאַ ד׳זשואיף, פאַ ד׳סינאַגאָג״, („נישטאָ קיין יודען, נישטאָ קיין שוהל״). דאָס איז געוועזן זיין לעצט וואָרט.

יודישע נקמה

אין פערשידענע לענדער האָב איך געטראָפען דעם יוד. איך האָב איהם בעגעגענט אין פוילען, אין וואַרשע, אין נאַציאָנאַל-ראַט. ער איז געזעסען טעג לאַנגע אויף דער באַנק, אין אַ ווינקעל, און געוואַרט עפּעס אויף פּאַפּירען. ער האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט דורך דעם קליינעם מיידעל, וואָס איז געזעסען נעבען איהם, אָבער וואָס אָפּט-מאָל האָט ער עס געהאַלטען אויף דער האַנד. אַזוי ווי ער, איז דאָס מיידעל געווען אַרומגעהילט מיט פערשידענע טיכער, בעהאָנגען מיט קליידער — שטיקער פון פערשידענער גרויס, וועלכע האָבען בעלאַנגט צו פערשידענע עפּאָכען. אַ פּעלצערנע קאַראַקולענע יאַקע (כאָטש, דאַכט זיך, עס איז געווען זומער), וואָס האָט געמוזט בעלאַנגען צו אַן עלטערער פרוי, מיט אַ פּאָקענעם קראַגען, האָט דאָך דערמאָנט אין גוטע צייטען. מען האָט עס, זעהט אויס, געטראָגען נישט אַלס אַ קליידער-שטיק נאָר אַלס ווערטפולע זאַך, וואָס מען האָט מורא עס איבערצולאָזען אין דער היים און מען טראָגט עס אויף זיך.

ער האָט די געצויגען אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, דער יוד מיט זיין איינזאַמקייט, וואָס האָט זיך נאָך מעהר פאַר-שטאַרקט דורך דעם קליינעם מיידעל, אַ קינד פון אַ יאָהר צוויי-דריי, וואָס ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט אָבגע-לאָזט פון זיך. מען האָט געמוזט דענקען וועגען פּאָגראָמען, וועגען אונגליקען, ווען מען האָט זיי ביידע געזעהן, אַ פיינליך

בילד אָנצוקוקען — אַ ייד מיט אַ קינד. אַודאי אַן אייניקעל, האָט מען זיך געמוזט טראַכטען. אָבער עס איז גענוג געווען איין בליק צו וואַרפען אויף זיי, כדי צו זעהען דעם גרויסען חילוק וואָס איז אין אָנבליק פון דעם יידען מיט דעם אייניקעל: אַזוי ווי דער ייד האָט אויסגעזעהן יודיש, מיט זיין לענגלעך פנים, מיט דעם טרויעריגען אָנבליק פון די אויגען, מיט זיין לאַנגער, אויסגעצויגענער נאָז, — האָט דאָס קינד אויסגעזעהן גוי'ש פון גויים לאַנד. א קליינער טיפּישער קליין־רוסישער שטערן, מיט רוהיגע בלויע אויגען, אַ קורץ ארויפגעשנעלט נעזעל. נאָר אַם מעהרסטען האָט עס פערראַטען זיין גוי'שקייט דורך די בלאָנדע הערעלעך. עס זיינען דאָ בלאָנדע האָר, וואָס זאָגען אייך ביים ערשטען בליק, אַז זיי קענען נאָר וואַקסען אויף אַ קריסטלעכען קאָפּ. שיטער זיינען זיי און ווייך זיינען זיי, און פעט, ווי שטענדיג אויסגעשמירט מיט חזיר שמאַלץ... און לענגליך אויסגעצויגען, ווי לאַנגע אַראָפּהענגענדע וואָנצעס. קיין איין קרייזעל גיבען זיי זיך נישט, קיין איין לאָקעל מאַכען זיי נישט. אַזעלכע האָר מוזען קומען נאָר פון אַ גוי'שען טאַטען.

עס וואָלט מיר אפשר נישט איינגעפאַלען צו קלערען וועגען דעם, ווען דער בעאַמטער פון נאַציאָנאַל־ראַט וואָלט מיך נישט אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף. מען שיקט איהם אַרויס פון פוילען, דערצעהלט מיר דער בעאַמטער, ווייל דער ייד האָט קיינע דאָקומענטען נישט פאַר'ן קינד. ער האָט גע'גנב'עט די גרעניץ פון אוקראַינע. מיר וואָלט'ן נאָך אפשר געקענט פאַר איהם אויספועל'ן, אַז ער זאָל בלייבען, רופט ער אָבער דאָס קינד מיט אַן עכט־רוסישען נאָמען. ער איז גאָר נישט זיינס, זאָגט ער, און קיין דאָקומענטען דערויף האָט ער נישט. צוליב דעם קינד שיקט מען איהם אַרויס פון פוילען. עס מוז עפּעס זיין אַ בעהאַלטענע מעשה — רוימט מיר איין דער בעאַמטער פון נאַציאָנאַל־ראַט.

איך האָב איהם בעטראַכט, און האָב געזעהן, ווי דער

יוד בעגעהט זיך מיט דעם קינד, ווי מיט אַן ערוואַקסענער פּערזאָן, רעדט דערצו רוסיש.

— נאַטאַשאַ, זײַ דאָ, איך קום באַלד צוריק, איך וועל נאָר פרעגען אויף די דאָקומענטען — אויף די דאָקומענטען וועל איך נאָר פרעגען דעם בעאַמטען.

— כאראָשאָ דיעדושקא, (גוט, זיידע) איך וועל דאָ זיצען, — ענטפערט אָב דאָס קינד, אויך ווי אַן ערוואַקסענע.

דאַן האָב איך איהם ווידער געטראָפען אין אַן אנדער יודישער אינסטיטוציע, אין „האַיאַס”, זיצען צווישען ווייבער, מענער און קינדער, אויף די בענק און ווידער מיט דעם קינד, און ווידער מיט דעם קאַראַקולענעם זשאַקעט און מיט נאָך עפּעס אַ פּעקעל, וואָס דאָס קינד האָט געהאַלטען. דער יוד האָט זיך געקריגט מיט די בעאַמטע, איינגעטענה׳ט מיט זיי וועגען יושר פון אַמעריקאַ. אַזוי ווי די בעאַמטע פון „האַיאַס” וואָלטען געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם יושר פון אַמעריקא. און ווידער האָב איך געהערט די זעלבע געשיכטע פון בעאַמטע: פאַר איהם וואָלטען מיר געקענט עפּעס טהון, ער האָט משפחה אין אמעריקא, ברידער, שוועסטער, וועלכע ווי־לען איהם אָראָבנעהמען, שיקען איהם געלד, נאָר מיט דעם קינד — פאַר דעם קינד האָט ער נישט קיין דאָקומענטען. זאָגען זאָגט ער אַליין, אַז עס איז נישט זיינס, און שיידען דערמיט וויל ער זיך נישט. און צוליב דעם קינד קענען מיר גאָר נישט טהון פאַר איהם.

איך האָב זיך נישט געקענט צוריקהאַלטען און געפרעגט דעם איד:

— ווער איז דאָס קינד? און אייניקעל?

דער יוד האָט אויפגעהויבען אויף מיר זיינע טרויעריגע אויגען און געזאָגט מיט אַ בייזער:

— וואָס איז עס אייער עסק? — געגנב׳עט האָב איך עס! — איז גוט?

און פאַר זיך האָט ער געקרעכצט:

— שלעכטע מענטשען אויף דער וועלט — אַ קליין קינד שטעהט זיי אין די אויגען.

און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום קינד, ווידער ווי צו אַן ערוואַקסענער:

— קום נאטאַשאַ, מיר וועלען דאָ גאָר נישט אויפטהון.

און דאָס קינד האָט אויפגעהויבען דעם קאַראַקולענעם זשאַקעט, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איהר, זי האָט גענומען דאָס קליינע פּעקעל, דער יוד א גרויסען פּעקעל, און זיי זיינען ביידע אַרויס פון צימער.

אין אַ צייט אַרום ווידער האָב איך דעם יוד מיט דעם קליינעם מיידעלע באַגעגענט אין בערלין. איך האָב זיי געזעהן פון דערווייטענס געהן אויף דער גאַס און רעדען צווישען זיך ווי צוויי ערוואַקסענע. דער קאַראַקולענער זשאַקעט איז שוין נישט געווען. זעהט אויס, אַוועקגעגאַנגען אויף רייזעקאָסטען, און קיין פּעקלעך אויך נישט מעהר. איך האָב זיי געזעהן ביידע אַריינגיין אין א געשעפט פון אַ וואוינונג-אַגענט. דאָס פּאָרעל האָט מיך פּעראינטערעסירט, און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען אין דעם ביוראָ אַריין פון וואוינונג-אַגענט.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳איז ווידער די זעלבע מעשה. דער יוד האָט שוועריקייטען צו בעקומען אַ מעבלירטע וואוינונג דערפאַר, וואָס ער האָט אַ קינד. מיט אַ קינד פּערדינגען נישט גערן די ווירטינס זייערע מעבלירטע צימער.

איך זעה דעם יוד אויפגערעגט, מיט דערשראָקענע אויגען, מיט ברייטע בעוועגונג מיט די הענד טענה׳ט ער זיך אויס מיט דעם פריילין-אַגענט, וועלכע דערזעהענדיג אַז דער יוד האָט אַ קינד, וויל גאָר נישט רעדען מיט איהם. ער שרייט האַלב יודיש, האַלב רוסיש:

— וואָס, שחט׳ן זאָל איך עס? וואָס זאָל איך טהון דערמיט, מענטשען-מערדער! איך בין צוגעגאַנגען צום יודען און האָב איהם בערוהיגט. איך האָב איהם געזאָגט, אַז די ביוראָ פּערדינגט נאָר איינצעלנע צימערען פאַר איינצעלנע.

איך ווייס פון אַ געגענד, וואו מען פערדינגט יאָ מעבלירטע צימערען, מיט קינדער.

אפשר דערפאַר, ווייל דער יוד האָט זיך געפונען אין בערלין, פערלאָזען, האָט ער זיך מיט מיר דערפרעהט, און אַז איך האָב איהם דערמאָנט, אַז איך קאָן איהם שוין פון ווארשא, איז דער יוד געוואָרען צו מיר פריינדליכער און נעהנטער און אָנגעהויבען אויסצוגיסען זיין האַרץ פאַר מיר:

— וואָס האָבען זיי זיך אָנגעזעצט אויף אַ קינד? אַזוי ווי עס וואָלט די וועלט געקאָנט אומברענגען! אין ווארשא טאָר עס נישט זיין; נאָך אַמעריקא לאָזט מען עס נישט אַראָב: אין בערלין וויל מען דערפאַר קיין וואָהנונג נישט פערדינגען. וואָס, טאָר מען שוין גאָר קיין קינדער נישט האָבען? אַז אַ מענש האָט אַ קינד, מוז ער וואוינען אויף דער גאַס! וואָס האָבען זיי אַזוי מורא פאַר אַ קינד, וואָס? אַ וועלט איז אַרויסגעקומען! אַ שעהנעם קיום קאָן אַזאַ וועלט האָבען.

איך האָב איהם בערוהיגט, ווי ווייט איך האָב געקאָנט, צוגעזאָגט איהם, אַז איך וועל איהם אָפזוכען אַ געגענד, וואו מ'וועט איהם פערדינגען אַ צימער פאַר איהם מיט'ן קינד. ער וועט נאָר דאַרפען עפעס מעהר צאָהלען און נעמען אויף זיך התחייבות'ן. עס איז דייטשלאַנד — די דייטשען האָבען ליעב צו זיין פינקטליך, דערווייל האָב איך איהם אַריינגעפיהרט אין אַ קאַפע־הויז, נעבען מיין וואָהנונג, בעשטעלט פאַר אונז קאַפע און פאַר'ן קינד קוכען, איך האָב געוואָלט דערגעהן ווער דער יוד איז מיט'ן קינד.

— נעכטען אַז מיר זענען אָנגעקומען אין שטאָדט, האָבען מיר זיך שעה'ן לאַנג אַרומגעוואַלגערט פון איין האָטעל אין אַנדער'ן, ביז מען האָט אונז געלאָזט דעם קאָפּ אַנידער־לעגען. וואָס האָבען זיי אַזוי מורא פאַר אַ קינד, וואָס?

דער יוד האָט געשוויגען אַ מינוט. באַלד האָט ער זיך אָנגערופען אַליין, ווי צו זיך.

— און אפשר מיינט איהר, אַז דאָס קינד איז מיינס? עס געהערט זיך עפעס אָן מיט איהר? געהערט זיך מיט מיר אַזוי פיעל אָן, ווי מיט אייך—

געזעהן, אַז דער יוד האַלט ביים אויסזאָגען זיין אַ סוד, האָב איך געשוויגען, כדי מיט איין וואָרט נישט קאַליע צו מאַכען זיין שטימונג.

נאָר באַלד האָט דער יוד חרטה געהאַט אויף זיינע ווערטער, ער האָט געקוקט אין קינד'ס אויגעלעך און געזאָגט ווי פערשעהמט איבער זיינע אייגענע פריהערדיגע ווערטערן

— ניין, עס הייסט, עס קעהרט זיך מיט מיר יאָ אָן, עס קעהרט זיך מיט מיר זעהר פיעל אָן.

— דעם קינד האָב איך צו פערדאַנקען מיין לעבען. נאר נישט אין דעם געהט מיר. וואָלט איך נישט געלעבט — וואָלט געוועזען אַ גרויסער לאָך אין הימעל... און אַז אַזוי פיעל יודען לעבען נישט, פערפייניגט געוואָרען יונגערהייט, איז די וועלט אונטערגעגאַנגען? האָט זיך די וועלט אַ סך אָנגענומען? און אַז מיין ווייב לעבט נישט, איז וואָס? — האָט דער יוד נישט פערענדיגט זיינע רייד. — ניין, נישט דאָס איז עס. דאָס קינד איז מיין יורש: דאָס איינציגע וואָס איז מיר איבערגעבליבען פון מיין גאַנץ פערמעגען. עס איז דאָס איינציגע, וואָס איז אונז איבערגעבליבען פון דער גאַנצער קהלה באָריסאָוו. פון גאַנץ באָריסאָוו. עס איז מיין פאַמיאַנטקע פון באָריסאָוו — און אַ דאַנק גאָט דערפאַר. אַ גרויסען דאַנק. נישט וואַהר, נאַ-טאַשאַ? — זאָגט דער יוד, און גלעט מיט ליעבע און צערטליכ-קייט איהרע גוי'שקע הערעלעך, און קוקט בשעת מעשה דעם קינד אין די אויגען אַריין, און דאָס מיידעלע קוקט איהם צוריק אין די אויגען אַריין, און עס איז אַזוי ווי זיי פער-שטעהן זיך ביידע. ווי זיי רעדען זיך דורך מיט די אויגען וועגען אַ געהיימען, בעהאַלטענעם סוד, וואָס איז בעוואוסט נאָר זיי ביידען.

— ניין, עס לוינט זיך אַלעס, אַמעריקא, פאַמיליע זעהן — אַלעס. עס איז אַ חוב, אַ חוב וואָס מען בעדאַרף בע-צאָהלען פאַר באָריסאָוו. עס לוינט זיך אַלע צרות, וואָס מען שטעהט אויס צוליעב דעם. און, ווידער, וואָס איז דאָס קינד שולדיג? עס איז דאָך אַ קינד — פונקט אַזוי ווי יעדעס אַנ-

דערע קינד. אָבער אַזאַ טאַטען. אָבער אַזאַ טאַטען... וואָס איז דער חילוק.

דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער יוד האָט גערעדט, האָב איך געשוויגען. טיף און גוט-פערשטענדליך געשוויגען. מיין שווייגען האָט דעם יודען בעגייסטערט מיט צוטרויען צו מיר, און דורך מיין שווייגען האָב איך פון איהם זיין סוד אַרויסבעקומען.

נאָך אַ לאַנגע ווייל שטילקייט, אין וועלכער דער יוד האָט זיין הויכען אַלטען שטערן געקנייטש, און עפּעס ווי זיך איבערגעלעגט, האָט ער זיך אָנגערופען.

— איהר ווילט דאָך וויסען ווער דאָס קינד איז, און ווי אַזוי איך קום דערצו? גוט, איך וועל עס אייך זאָגען. אפשר וועט עס אייך אַמאָל צונוץ קומען.

— עס, נאַטאַשאַ, דעם קוכען. דו שפּיעל זיך מיט דער קאַץ — זאָג איך צום קינד, וועלענדיג אָבציהען דעם קינד'ס אויפמערקזאַמקייט פון אונזער געשפּרעך.

— ניין, עס מאַכט נישט אויס. דאָס קינד ווייסט סיי-ווי-סיי נישט פון וואָס מיר רעדען. זי ווייסט, אַז איך בין איהר זיידע און זי איז מיין אייניקעל, און קיין זאך קאָן שוין דאָס נישט ענדערן. זי ווייסט גאָרנישט וועגען וואָס מיר רעדען. אַמאָל, אַמאָל, קען זיין, וועל איך איהר דאָס זאָגען — און אפשר נישט. מיר וועלען זעהן ווי עס וועט אויספאַלען. ווער קען זאָגען די צוקונפט — אפשר וועל איך נאָך דערלעבען צו דעם — אַודאי נישט — זאָגט דער יוד ווי נאָכקלערענדיג, און דאַן האָקט ער איבער.

הכלל, איהר ווילט דאָך וויסען ווער דאָס קינד איז, ווי אַזוי איך האָב עס גע'גנב'עט? האָרכט אויס.

פון באָריסאָוו האָט איהר דאָך געהערט. און וועגען דער גרויסער שחיטה, וואָס איז דאָרט געווען, ווייסט איהר דאָך שוין אויך. האָט איהר דאָך אַודאי געהערט פון וואַסיל כוואָסטאָוו.

וואַסיל כוואָסטאָוו איז געווען אַ היימישער יונגערמאַן ביי

אונז אין שטעדטעל, דעם רייכען גוישען קצב'ס זוהן, אַ גימנאַזיסט געווען. מיט יודישע באַרינשעס אין שטאָדט-גאָרטען שפּאַציר'ען געגאַנגען, ווען מוזיק האָט געשפּיעלט, מיט יודישע בחורים צו איין חברה סאָציאַליסטען געהערט, אין אידישע הייזער אַריינגעקומען — אַן אינטעליגענט, וואָס מ'האָט גערופען. דערנאָך איז ער אַוועק אין דער גרויסער שטאָדט, וואו אַלע געהען אין אוניווערזיטעט. צו וואָס? דער גוטער יאָהר ווייסט איהם, אַ לאַנגע צייט האָט מען פון איהם נישט געהערט און נישט געזעהן. אין סאָלדאַטען געווען, זאָגט מען, אין מלחמה-צייט, אויסגעצייכענט זיך, אַן אָפיצער, צו וואָס? ערשט, אין יענע גוטע יאָהרען, ווען מיר האָבען אויף דער אוקראַינע געהאַט יעדען טאָג אַנ'אַנדער רעגירונג, מיר הערען — כוואָסטאָוו איז צוריק דאָ! און נישט אַליין. מיט אַ באַנדע שטעהט ער הינטער דער שטאָדט, די שטעדטלעך אַרום שוין איינגענומען, זאָגט מען, פאַר'ן העטמאַן. איצט איז ער געקומען נעמען זיין אייגענע געבורטס-שטאָדט. צונעמען איז נישט געווען ביי וועמען, אַ חוץ ביי יודען, אין אַ טאָג צוויי כוואָסטאָוו איז דאָ מיט זיינע לייט, אונזערע הערצער זענען אונז אויסגעגאַנגען. מיר האָבען שוין געהערט וואָס כוואָסטאָוו האָט געטהון מיט די שטעדטלעך אַרום. די האָר שטעלען זיך אונז קאַפּויער פאַר שרעק, די הערצער פאַלען אַרויס. נאָר מיט אונז פיהרט ער זיך נאָך לייטיש אויף — פאָרט זיין געבורטס-שטאָדט. ער שיקט רופען די בעלי-הבתים אין ראָטהויז אויף אַנ'אַסיפה. ער וויל זיך מיט אונז דורכרעדען. אַ ברירה האָבען מיר געהאַט? מיר זענען געקומען. ער האַלט פאַר אונז אַ גאַנצע לעקציע וועגען אוקראַינע און וועגען דעם, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע וועלט, און וואָס איז געווען זאָלען מיר פערגעסען, און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען, און ער קלאַפּט זיך צו מיט דעם לעדערנעם באַטעק אין די כאָלעוועס פון זיינע הויכע שטיוואַלעס — און אין דרויסען האָט זיך עס דערווייל אָנגעהויבען. איהר האָט דאָך שוין אַוודאי געהערט דערפון — פיער טעג און פיער נאַכט האָט עס געדויערט. עס נעהמט

אַ לאַנגע צייט ביז מען קוילעט אויס אַ גאַנצע שטאָדט מיט יודען. די געוואַלדען זענען אויפגעגאַנגען עד לב השמים, ביז זיי זענען איבערגעריסען געוואָרען — אַ גאַנצע שטאָדט אומגעבראַכט. ער אַליין האָט עס אָנגעפיהרט. איהר הערט — ער אַליין, אַנ'אינטעליגענט, זעקס קלאַסען גימנאַזיום, מיט יודישע באַרינשעס אין שטאָדט-גאָרטען אַרומגעגאַנגען — און מיט אייגענע הענד, זאָגט מען, קליינע קינדער — איהר פערשטעהט.

איך מיט מיין ווייב ליגען מיר פערשפּאַרט, מיר הערען די געוואַלדען אַרום, און אונז מיידט אויס דער טויט. איך וואונדער זיך נאָר פאַרוואָס דער טויט מיידט אונז אויס. דערנאָך איז מיר שוין אַלסדינג רעכט געוואָרען. אָבער צוערשט, איהר פערשטעהט, מיר ליגען, ליגען און וואַרטען און מען קומט נישט. מיר הערען די געשרייען ביים שכן געגענאיבער דער גאַס. מיר ר'כטען זיך יעדען אויגענבליק, מיר וואַרטען דע־רויף און מען קומט נישט. דאָס וואַרטען, דאָס וואַרטען... אוי, רבונו של עולם, קרעכצט אָב דער יוד און שטעלט זיך אָב אויף אַ ווייל'ע.

הכלל, איין מאָל איז מען יאָ געקומען, ווען מיר האָ־בען זיך שוין אַמ'וועניגסטען געריכט דערויף. די געשרייען און די געוואַלדען האָבען זיך שוין געהאַט איינגעשטילט. מיר האָבען שוין געקלעהרט ווי די טויב ביי נח'ן אין דער תבה, אַרויסצוגעהן זעהן וואָס הערט זיך אויף דער וועלט, צי דאָס וואַסער האָט זיך שוין איינגעשטילט... וואָרים כל זמן מען לעבט — לעבט מען, און מען דאַרף חיונה אויך. הכלל, איין מאָל אין אָווענד, ווען מ'האָט זיך אַמ'ווינציגסטען געריכט דע־רויף, הערען מיר אַ שטאַרק קלאַפּען אין טיר. צוערשט, גאָר־נישט. מיר מאַכען זיך נישט וויסענדיג: זאָלען זיי מיינען אין דרויסען, אַז מען איז שוין געווען. מען וויל זיך אָבער נישט איינשטילען. דאָס קלאַפּען אין טיר ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, און מען רופט דוקא אויס מיין נאָמען, אימיאַ און אָטיעטשסטוואָ, וואָס וועל איך וואַרטען? איך וועל צוגעהן צו

דער טיר און פרעגען ווער איז דאָרט. האָס ווייב בעט זיך: שלמה, וואָס וועט זיין? זיי וועלען עאָך סיי ווי סיי אריינקו-מען. הכלל, איך בין אַרויס:עקראָכען פון אונטערן בעט און בין צוגעגאַנגען און געפרעגט: ווער איז דאָרט?

— כוואָסטאָוו, איליא איוואַנאָוויטש. מיט „אימיא אָטיע-טשסטוואָ".

קענט איהר אייך פאָרשטעלען ווי מיר האָבען זיך גע-פיהלט. איך קוק אָן מיין ווייב, מיין ווייב קוקט מיך אָן.

— האָב נישט קיין מורא, — שרייט ער אריין פון יענער זייט טיר — אין אַ פריוואַטער געלעגענהייט.

איהר פערשטעהט, אַ פריוואַטער אַנגעלעגענהייט. ווי אַנ-דערע אידען איז ער געקומען אין אַן אַלגעמיינער זאַך, און צו מיר קומט ער אין אַ פריוואַטער זאַך.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען. איך האָב איהם אַליין אויפ-געעפענט די טהיר — וואָס וועל איר וואַרטען? אַז ער וועט זי אויפרייסען וועט זיין בעסער.

שטעלט אייך פאָה אונזער איבערראַשונג. כוואָסטאָוו קומט אריין, איינער אַליין, אָהן אַ באַנדע, אָהן אַ רעוואָלווער, נאָר הינטער איהם שלעפט זיך נאָך עפעס אַ ווייבעל איינגעהילט אין אַ טוך.

— סאַלאָמאָן מאָיסעוויטש — זאָגט ער צו מיר מיט „אימיא אָטיעטשעסטוואָ" אַזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט גע-ווען — איך בין געקומען צו דיר אין אַ פריוואַטער אָנגעלע-גענהייט. איך בין געקומען צו דיר בעטען אַ טובה.

איהר קענט זיך צאָרשטעלען מיין פנים דענסטמאָל — כוואָסטאָוו קומט ביי מיר בעטען אַ טובה. און ווען? ווען אַ שטאָדט מיט אידען ליגט אויסגעקוילעט פון זיינע הענד.

— זעצט זיך, — זאָג איך קוים אַלעבעדיגער, אָבכאַפּענ-דיג דעם אָטעם.

—„די פרוי דאָ, וויזט ער אויף דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען הינטער איהם (איהר פנים האָבען מיר נישט גע-זעהן, זי איז געווען פערשטעלט מיט אַ טוך) איז מיין כלה,

און זי איז אין די הויכע חדשים, זי דאַרף יעדען טאָג גע-בוירען, איך מוז אַוועק פון שטאָדט היינט ביינאַכט, די רויטע שטעהען שוין ביים וואַסער, מאָרגען פריה קומען זיי אַריין מיטנעהמען מיט זיך קען איך זי נישט אין דעם צושטאַנד, ווי זי איז. איבערלאָזען ביי אונזער איינעם, קען איך אויך נישט. אַז די רויטע וועלען זי געפונען, וועלען זיי מאַכען אַ ענדע פון איהר, מיט דעם נייגעבוירענעם צוזאַמען. איך בין געקו-מען צו דיר, איך קען דיך פון לאַנגע יאָהרען, איך קען דיין ווייב, איך קען דיין גאַנץ הויז, איך ווייס, אַז דאָ וועט זי זיין זיכער, אידר וועט אויפפאַסען אויף איהר, זי וועט דאָ געבוירען דאָס קינד, און דאָ וועלען די רויטע נישט זוכען. איך בעט דיך, טהו אַ מענשליכע זאַך און ראַטעווע מיין קינד.

און איידער מיר האָבען נאָך צייט זיך אַרומצוקוקען, צו בעטראַכטען, צו בעקלערען וואָס דאָ איז געשעהען, און כוואָס-טאָוו ליגט שוין צו די פיס פון מיין אָרים ווייב, און האַלט זי פעסט ביי די העגד און בעט זיך:

— מוטער אייגענע, האָב רחמנות, און טהו גאָט'ס געבאָט.

איהר פערשטעהט, כוואָסטאָוו ליגט צו די פיס און בעט זיך. ביי וועמען? ביי אַ אָרימען יודען, וואָס זיין לעבען איז אין זיינע הענד.

מיר ווייסען נישט וואָס דאָ טהוט זיך מיט אונז. מיין ווייב, עליה השלום, אין ליכטיגען גן עדן זאָל זי זיין, רופט זיך נאָך אָן:

— צוליעב דעם האָסטו אונז לעבען געלאָזט?

און איך האָב נאָך צייט איר צו דערמאָנען מיט אַ בליק —

— חנה!

וואָרים, קודם-כל זענען מיר נאָך אין זיינע הענד.

— איך ווייס, זאָגט ער, אַז איך האָב מיך פאַר אייערע

פערזינדיגט. אַ ביסעל האָט מען בעדאַרפט און אַ ביסעל האָט מען זיך צושפּיעלט.

„צושפּיעלט", איהר הערט? מיט הונדערטער לעבענס, מיט ווייבער און קינדער. דאָס האָב איך שוין נישט געקענט אויסהאַלטען, און איך רוף זיך אָן:

— צושפּיעלט זיך, זאָג איך, מיט מענשליכע לעבענס — „צושפּיעלט זיך!"

— און דו ווערסט דאָך נישט דערפאַר יעצט נקמה נעמען, — זאָגט ער צו מיר.

— ניין, — זאָג איך — דו האָסט רעכט, דו האָסט רעכט. אַ יוד נעמט נישט קיין נקמה. גוט, זאָג איך, לאָז זי איבער ביי אונז, און איך שווער דיר צו ביי גאָט. אַז וואו מיר וועלען זיין, וועט זי זיין, מיר וועלען זי בעהאַנדלען ווי אַ אייגענע טאָכטער, — אַזוי זאָל אונז גאָט העלפען.

איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב דאָס געטהון, נאָר איך גלויב, אַז דאָס האָט גאָט אַריינגעלעגט די ווערטער אין מיין מויל אַריין; אַז דאָס האָט מיר גאָט געהייסען אַזוי האַנדלען מיט אונזערע שונאים. און איך בין צופרידען דערפון, און איך דאַנק גאָט דערפאַר.

און דאָס זעהט איהר — ווייזט ער אָן אויפ'ן מיידעלע — איז כוואָסטאָוו'ס קינד.

„נאַטאַשאַ!" דאָס האָט איהר די מוטער אַזוי אַ נאָמען געגעבען, רופען מיר זי אויך אַזוי. — און דער יוד געהט צו און גלעט דעם קינד די בלאָנדע גוי'שקע הערעלעך.

— עס, קינד, עס צום געזונד, — זאָגט ער צו איהר אויף רוסיש, און גלעט איהר אַ לאַנגע צייט די הערעלעך.

אויפ'ן צווייטען טאָג זענען זיי אַריינגעקומען, די רויטע. מען האָט געזוכט אין די שטובען, אין די קעלערס, אויף די בוידימס א שפור פון זיי. פערברענט וואָלטען זיי לעבעדיגערהייט, אַ תל געמאַכט פון יעדען „ווייסען". אַ קלייניגקייט, ווי די גוים האָבען זיך צווינכפּוועט אין יענער צייט! קיינעם איז אָבער נישט איינגעפאַלען ביי אונז צו זוכען

כוואַסטאָוו׳ס כּלה. אין רעכטען ברען פון הונגער האָט זי דאָס קינד געהאַט. מילא, ווי ווייט מיר האָבען געקענט האָבען מיר געטהון. מיין ווייב, עליה השלום, האָט זיך דאָס לעבען איינגעשטעלט, אַליין געוועזען די העבאַם, אַליין די וועכטערין, אַליין די וועשין — מורא געהאַט צו רופען אַ מענשען אין שטוב אַריין, אַז מען זאָל נישט געוואָר ווערען. און דאָ איז עס נאָך געוועזען אַ שווער צוקינד-געהן אויך, אַנ׳ערשטלינג. ווי אַזוי מיר האָבען דאָס צושטאַנד געבראַכט און זי ערהאַלטען ביים לעבען — ווייס איין גאָט. אָהן מילך, אָהן צוקער. וואָס רעד איך — אָהן ברויט! אַ קליינִיקייט אין יענע יאָהרען אין רוסלאַנד; אָך, גלויבט מיר, אַז גאָט אַליין האָט געוואָלט, אַז עס זאָל לעבען בלייבען. ער אַליין האָט עס אַזוי געמאַכט. עס איז עפּעס דאָ אַ זאַך דערביי, וואָס גאָט וויל, אַז עס זאָל אַזוי זיין.

נאָך אַ האַלב יאָהר איז די מוטער אַוועק. עס איז נאָך נישט געוועזען ענטוועהנט. אַ קוויטעל האָט זי אונז איבערגעלאָזט, אַז זי וויל אונז נישט פערשווערען, און זי לאָזט איבער דאָס קינד אַזוי לאַנג ביז זי וועט געפינען אַן אָרט פאַר זיך און זיך איינאָרדנען, וועט זי קומען דערנאָך.

איהר קומט דערנאָך? אַזוי איז זי געקומען.

עס איז אַוועק אַ יאָהר און נישט קיין וואָרט.

מען זאָגט, זי איז גאָר איצט מיט אַ קאָמיסאַר אין טיעף רוסלאַנד. יאָ, אַזוי ווי זי איז אַמאָל געוועזען אַ „ווייסע״, איז זי איצט אַ „רויטע״.

דערנאָך איז מיין ווייב אַוועק. נאָר דאָס איז שוין גאָר אַ קאַפּיטעל פאַר זיך. צווישען די גרענעצען, איהר פערשטייט, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, אין אַ קאַלטער ווינטער-נאַכט אין שניי — אויף דער גרענעץ צווישען פּוילען אין רוסלאַנד.

איצט פערשטעהט איהר שוין, פאַר וואָס דאָס קינד איז ביי מיר אַזוי טייער? זי איז דאָך איין איינציגע ביי מיר. נאַטאַשקאַ — גלעט דער ייד איהר קעפּעל — פון גאַנץ באַדיסאָוו איז דאָס געבליבען. און צובויגענדיג זיך צו מיר,

זאָגט ער מיט אַ ווילדער גרימאַסע, פערבייסענדיג זיין אוי-בערשטע ליפּ: דאָס איז מיין נקמה. מיין נקמה אָן די גוים פאַר די באָריסאָווער קדושים — כוואָסטאָוו!

— נו, שטאָ, נאַטאַשאַ, מיר ווע́לען געהן? — פרעגט ער דאָס קינד.

— מיר ווע́לען געהן, דיעדושקאַ, — ענטפערט אָב נאַ-טאַשאַ ווי אַ גרויסע. און נעמט אָן דעם יודען ביי דער האַנד —.

עס איז גאָרנישט געווען?

אַ געשריי אין דער גאַס. אַ געקלומפּער פון אויסגעהאַקטע שויבען. דאָס געשריי לעשט זיך אויס. עס ווערט שטיל, ווי די שטילקייט פון שוואַרצען וואָלקען, וואָס דעקט דעם הימעל צו פאַר׳ן געוויטער.

אין שטוב דרעהט זיך דער אַלטער טאַטע אַרויף און אַראָפּ מיט דער לאַנגער באָרד; געהט צו צו דער טיר און פּרובט דעם אייזערנעם פּרענט, וואָס פאַרלעגט די טיר. זיינע ציטערדיגע פינגער טאַפּען דעם שלאָס, ער דרעהט זיך אַוועק מיט אַ היסח הדעת און געהט צו צום טיש, מישט אויף צופעליג א ספר, און טאַפּט די בלעטער מיט די ציטער-דיגע פינגער.

אַ ווינקעל, ביים קאַמער פון קוילען און האָלץ, איז פאַרשטעלט מיט אַ פּאַטשיילע און מיט אַ קאָלדרע. דאָרט, הינ-טער דער פּאַטשיילע און דער קאָלדרע, באַוועגט זיך עפּעס. דער יוד קוקט אויף דעם בעהאַלטענעם ווינקעל — ער יוצרט בלייך און שווייגט. פון הינטער דער פּאַטשיילע שווייגט מען אויך...

מען קלאַפּט אין טיר.

די בלייכע, לאַנגע, שטייפע דראָטענע האָר פון דעם יוד׳ס באָרד ציטערען. דער יוד שווייגט. און פון הינטער דער קאָלדרע שטילט זיך איין די באַוועגונג.

מען קלאַפּט שטאַרקער אין טיר. אַ שיכור׳דיג, אומפּאַר־שטענדליך קול אין דרויסען.

דער יוד צוקט זיך. קראַמפּהאַפט טאַפּען די ציטערדיגע פינגער אין די בלעטער פון ספר, די בלייכע ליפּען ציטערען, און עס הערט זיך דאָס בעוועגען פון די אָהנצייכניגע וואָנסעס, ווי זיי ריהרען אָן איינע דאָס אַנדערע ווי ביים עסען...

די טיר קרעכצט, שרייט שפּרינגט אויף.

אַ ציטער איבער דער געגרינצעלטער הויט, וואָס בע־קליידט אַ ביינערנעם סקעלעט. פינגער קלאַמערען זיך, דראָ־טענע האָר פון אַ באָרד בעוועגען זיך: „אוי, טאַטע אין הימעל!"

אין מיטען שטוב בלייבט שטעהן אַ חיה׳דיג געשטאַלט אויף צוויי שטאַרקע בעשטיוועלטע פיס, קוקט זיך אום מיט קינדער־שמייכעל אויגען נאַאיוו און ער שטוינט. פאַרשפּרייט אַ פּאָר צעשפּאָלטענע גראָבע ליפּען. עס בעווייזען זיך גרויסע, געלע ציין, און שוואַרצע נעגעל פון אַ ברודיגע־האַנט קראַצען זיך אין אַן אונראַזירטער בעוואַקסענער גאָמבע, וואָס איהר באָרד איז צוויי וואָכען אַלט.

— וואו האָסטו די טאָכטער, יוד? האַ?

אַ פּאָר צעשראָקענע אויגען סטאַרטשען אויס, ווי זיי וואָלטען זיך אַרויסגעזוכט פון די אויגען־לעכער. דאַרע, ציטערדיגע פינגער פון בלייכע, לאַנגע ביינערדיגע הענט ציהען זיך אויס, ווי זיי וואָלטען וועמען בעשיצען געוואָלט.

הינטער דער פאַטשיילע און דער קאָלדרע אין ווינקעל שטוב גיט עפּעס זיך אַ קאָרטשע איין, א פאַלד מאַכט זיך אין דער פאַטשיילע — עפּעס וואָס בעוועגט זיך.

אויגען בעהעפטען זיך מיט אויגען, ווי די בליקען וואָלטען זיך געריבען מיטאַנאַנדער.

געלע גרויסע ציין בעווייזען זיך — בעווייזען זיך ברייט, מיט אַ לאַך און די אונראַזירטע גאָמבע בעוועגט זיך אין לאַכען.

עס שפּרייט זיך אויס די לאַנגע, הויכע פיגור פון דעם

יוד אין זיין גאַנצער גרויס, און די דינע הענד פערשפּרייט ער פאַר דער פּאַטשיילע, בעשיצענדיג דאָס בעהאַלטענע ווינקעל מיט זיין לייב.

אויגען טרעפען זיך מיט אויגען, ווי זיי וואָלטען זיך געריבען מיטאַנאַנדער. עפּעס וואָס פינקעלט אויף אין אַ האַנד. אַ קלאַפּ — אַ געשריי — אַ קרעכץ — אַ פאַל אויף דער ערד...

מיט איין מאַך מיט דער האַנד רייסט אַ האַנד אַרונטער די פּאַטשיילע — די קאָלדרע פערפּלאָנטערט זיך צווישען מענער און פרויען פיס — אַ געשריי, אַ ציטערדיג, דין מיידעלש קול אין שרעק, וואָס ווערט אויסגעלאָשען אין מיטען...

אין אַ קורצער צייט אַרום הויבט זיך אויף דער אלטער פאָטער פון דער ערד. ער קוקט זיך אום מיט שרעק אין דער ליידיגער שטוב און ווערט פערציטערט פאַר דער שטילקייט, וואָס געהט אַרום מיט שטילע טריט אין שטוב... ווי די שטילקייט, וואָס געהט אַרום אין אַ שטוב, פון וועלכער מען האָט אַ מת אַרויסגעפיהרט... ער בלייבט אַ מינוט שטעהן. ער דערמאָנט זיך אָן עפּעס, געהט מיט ציטערדיגע טריט צום ווינקעל צו, זוכט צווישען דער פּאַטשיילע און קאָלדרע און הויבט מיט געוואַלד דאָס ליגענדע מיידעל אויף... נעמט פון איהר פּנים אַוועק די קאָלדרע, אין וועלכע זי האָט עקשנות׳דיג דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט. ווישט מיט דער האַנד די נאַסע אַנגסטען און דאָס פערטריקענטע בלוט אָב, און זאָגט מיט אַ ציטערדיגע שטים, ערנסט און זיכער, ווי מען טהוט אַ גרויסע ערנסטע שבועה:

— מיין טאָכטער, עס איז גאָרנישט געווען. גאָרנישט!

בילדער פֿון פּוילן

„יקום פורקן”

פון אַלע גוים איז ער געווען דער בעסטער — דער אַפּטייקער פון שטאָדט. אַ גוי, וואָס האָט זיך נור ליעב גע־האַט צו חבר'ן מיט יודען. נאָכמעהר: פאַר אַ יוד האָט ער זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען. פּשוט די „כפרה געווען”. ווי יודען האָבען געזאָגט אויף איהם.

גערעדט יודיש ווי וואַסער, געשאָטען מיט יודישע ווער־טלעך, נור אַזעלכע יודישע ווערטלעך, וואָס קיין יוד האָט נישט געוואוסט פון זיי, וואָס ער האָט פון ערגעץ וואו אַרויס־געקריגען, פון געהיימע קוועלען וואָס יודען ווייסען גאָר נישט פון זיי. אז אַ יוד איז אַריינגעקומען צו איהם אין דער אַפּטייק נאָך ריצעבאייל, האָט ער איהם געקאָנט געבען אַ פרעג, צווישען אַ פולער אַפּטייק מיט מענשען, פריצים, יודען און פויערען:

— וואָס איז, מאָשקע, דיין ווייב איז נישט געזונד, „מכשפה לא תחיה”, — און דערביי געגעבען אַ וואונק צום יוד מיט איין אויג, דאָס הייסט: מיר ווייסען שוין וואָס דאָס מיינט.

דער יוד האָט פאַר מורא צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און דערביי זיך געטראַכט: זאָלסט מיר אַזוי וויסען פון דיינע הענד און פיס, ווי איך וויים, וואָס דאָס מיינט.

און דערביי איז ער געווען אַ גוי אַ ערנסטער, אַ מטופל

מיט קינדער, אַ טרויעריגער. אַ פערטהוּצנער. שטענדיג געווען פערנומען מיט זיין פראָפעסיע, צו בעדיענען די שטאָדט און די גאַנצע אומגעבונג מיט מעדיצין, און כל׳ערליי באַבסקע רפואות, וואָס דאָקטוירים און כשוף-מאַכערינס האָבען פערשריבען פאַר קראַנקע.

אין דעם פענסטער פון דער אַפטייק זענען געווען אויסגעשטעלט אין סלאָיקעס אַלערליי קרייטעכצער, און פערטרוקענטע שלאַנגען און אינערליכע טיילען פון חיות, פון וועלכע מען האָט געמאַכט רפואות. און חדר-יונגלעך זענען געקומען פאַר דער ק-פענסטער אָבלערנען זיך, וואָס איז אַ פיפערנאָטער און וואָס עס איז אַ היישעריק.

שטענדיג האָט מען איהם געזעהן פערטוען אין פאָרבערייטען רפואות, רייבען אין פערשידענע מאָדעלען פון פלעשלעך. און האָט ער געמעגט זיין גאָך ווי פערטהון און פערנומען, און אַז אַ חדר-יונגעל איז אַריינגעקומען נאָך אַ רפואָה, אראָבגענומען דאָס היטעל און איז געשטאַנען מיט׳ן נאַק---, קאָפּ און ציטערינדיגע פאות, האָט דער אַפטייקער איבערגעלאָזט זיינע פלעשלעך מיט זיינע מערזעלעך און שטויסלען. אַפּויער געגאַנגען פון אַפטייקער-טיש (מענשען האָבען געקוקט, געמיינט, ווער ווייס וואָס פאַר אַ וויכטיגע זאַך דער אַפטייקער האָט צו טהון) און איז צוגעגאַנגען צום חדר-יונגעל און האָט מיט איין פינגער איינגעגראָבען זיך אין זיין בייכעל און געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— בבא קמא, בבא מציעא — אַ וואַזשנע מציאה. — און איז צוריקגעגאַנגען צום אַפטייקער-טיש און האָט ווייטער געטהון זיין אַרבייט.

אזא שוואַכקייט איז עס געווען ביים אַפטייקער, אַז ער האָט דערזעהען אַ יודען, האָט ער געמוזט זאָגען אַ יודיש ווערטעל.

זעלבסטפערשטענדליך, איז דער אפטייקער געווען אַ מליץ-יושר פאר יודען ביי די קריסטען. ער האָט זיי פערענטפערט פאר׳ן גלח, פאַר׳ן ריכטער, פאַד די שענע בעלי-

בתים, מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַן׳עקספּערט אין יודישע זאַכען, און אַז עס האָט זיך עפּעס געמאַכט וועגען יודען, איז מען באַלד געקומען צום אַפּטייקער.

אַ ביילים-פּראָצעס, אָדער אַן׳אַנדער פּראָצעס. אָדער אַן׳עלילת-דם איז אויפגעשוואוּמען אין די צייטונגען, — דעמאָלס האָט מען זיך געווענדעט צום אַפּטייקער נאָך בעשייד. ער האָט געוואוּסט פון אַלע פערבאָרגענע סודות, וואָס ס׳טהוט זיך ביי יודען. אַלץ, וואָס שטעהט געשריבען אין זייערע פערבאָרגענע ספרים, פון אַלע כשוף-שפּרוכען, און אַלע פערבאָרגענע קללות אויף קריסטען, פון אַלע שבועות און חרמות, קיין זאַך איז פאַר איהם נישט געווען פערבאָרגען, ער האָט אַלעס ערקלערט, בעשייד געזאָגט. אַלעס האָט ער געקאָנט פערשטעהן און אויסטייטשען, און פערענטפערט יודען, ווי ווייט ער האָט געקאָנט.

נאָר איין זאַך האָט ער ביי יודען נישט געקאָנט פאַרשטעהן און דאָס איז דער: „יקום פורקן“.

אַז ער איז געשטאַנען מיט יודען און גערעדט וועגען יודישקייט, און אַרויסגעוויזען זיין בקיאות אין יודישקייט, אַז אַלעס איז שוין געווען ריכטיג און שען און גוט, — פלעגט ער מיט אַמאָל געבען אַ וואונק מיט אַ גנביש אויגעל צו די יודען.

— און וואָס איז „יקום פורקן“?

עס האָט נישט געהאָלפען קיין תירוצים און קיינע אויסטייטשונגען. דער אַפּטייקער האָט זיך צו אַלעס צוגעהערט, ווי אַזוי די יודען פערענטפערען דעם „יקום פורקן“, און מען האָט געמיינט, אַז מען איז שוין גאָר מיט איהם פערטיג. פלעגט ער אויף גאָר דאָס לעצט זאָגען:

— אָבער יקום פורקן בלייבט יקום פורקן! הע! האָט ער בעגעבען אַ וואונק צו מיט׳ן אויג.

וואָס עס האָט זיך נישט געמאַכט מיט יודען, וואָס פאַר אַ מעשה עס האָט זיך נישט געטראָפען, איבער וואָס די ציי-

טונגען האָבּען נישט געשריבּען און געקלאָגט זיך איבּער יו־דען, דער אַפּטייקער האָט דערויף געהאַט איין תירוץ:

— דאָס איז אַלעס דער „יקום פורקן" שולדיג.

— וואָס אַזעלכעס?

— אַלעס דער יקום פורקן.

טיילמאָל אַז ער האָט אָנגעטראָפען אַ יודען אויף דער גאַס איינעם אַליין, אָדער אַ יוד איז צו איהם אַריינגעקומען אין אַפּטייק, און עס האָט זיך געמאַכט, אַז קיינער איז פּונקט אין אַפּטייק ניט געווען, פלעגט דער אַפּטייקער אַרויסגעהן פון אַפּטייקער-טיש, צוגעהן צום יודען, און אַיינרוימען איהם שטיל אין אויער, אַז קיינער זאָל נישט הערען:

— יקום פורקן!

און דערביי געבען אַ וואונק מיט די אויגען.

אַפּטמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער אַפּטייקער האָט איבּערגעלאָזט אַ פולע אַפּטייק מיט מענשען וואַרטען אויף רפואות, פלעגט אָנטהון די קאַפּאָטע און נעהמען אַ שטעקען און אַרונטערגעהן צום רב פון שטעדטעל צו פערפיהרען מיט איהם אַ געשפּרעך וועגען „יקום פורקן".

— איך בין געקומען צו אייך, פּאַניע ראַבּין, אַז איהר זאָלט מיר ערקלערען דעם ריכטיגען מיין פון „יקום פורקן".

עס העלפט נישט דעם רב'ס טענות און מענות. זיין גאַנץ קענטעניש אין פּויליש, זיינע גאַנצע בקיאות אין יו־דישע זאַכען. דער גוי בלייבּט ביי דאָס זייניגע. אויסהערעני־דיג דעם רב'ס אַנטוואָרטען, גיט ער אַ ווייז מיט'ן פינגער אויף די גרויסע ספרים, וואָס שטעהען ביי'ם רב אין אַלמער, און אַ זאָג מיט אַ וואונק מיט די אויגען:

— יקום פורקן!

און געהט צוריק צו זיין אַרבּייט אין דער אַפּטייק.

דער אַפּטייקער האָט זיך אַזוי אַריינגעלאָזט אין דעם „יקום פורקן", אַז אַפּטמאָל קאָן ער שוין ביי נאַכט נישט שלאָפען, כאַפּט זיך אויף און לויפט אַרונטער אין בית המדרש

אריין, און ער שטעהט בייַ'ם ערשטען מנין און הויבט אָן שרייען:

— יקום פורקן!

ער כאַפּט חדר־יונגלעך פון גאַס און גיט זיי געלד, אַז זיי זאָלען איהם אויסזאָגען דעם אמת'ן מיין פון „יקום פורקן".

אין מאַרק־טאָג שטעלט ער יודען קצבים, יודען פי־שער, יודען, וואָס שלעפּען אייער און היהנער — אַז זיי זאָלען איהם זאָגען:

— וואָס עס הייסט יקום פורקן.

די יודען זענען גוט, נור דער „יקום פורקן" איז אין אַלעם שולדיג, פּרייט שוין דער אַפּטייקער פאַר גוים אין שטעדטעל.

זיין סוף איז:

היינט לויפט אַרום אַ משוגענער גוי אין שטעדטעל, מיט אַ פּערוואָקסענעם קלטענוואַטען קאָפּ האָר, און חדר־יונגלעך רופען איהם נאָך:

— „יקום פורקן!"

דאָס קעלבעל

די גאַנצע זון פון שטעדטעל האָט זיך אויסגעגליטשט און אויסגעצויגען איבער משה מלמד׳ס טרעפּלעך, און איבער די טרעפּלעך איז געווען אויסגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט אַ האַלב שטעדטעל מיט יודען. די יודען האָבען געזאָגט ווערטלעך, און פון אָפענעם פענסטער אַרויס האָט זיך געהערט משה מלמד׳ס קלאָגענדיג-זינגענדיג קול אויס-טייטשען אַ פּסוק תהלים צו אַ חדר-יונגעל: „אשרי" געלויבט זאָל זיין, „איש" דער מענש, „אשר" — וואָס, „לא ישב" ער זיצט נישט „לצים" — מיינט מען צווישען די לעדיג-געהער, אויף משה מלמד׳ס טרעפּלעך".

— האָסט געהערט, וואָס דער רבי האָט געזאָגט? האָט זיך אָנגערופען חיים קצב.

— זאָל ער נישט זיצען, זאָל ער לויפען — וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אַז איך וועל שוין לויפען — וועל איך האָבען פּרנסה?

— אַז איך וואָלט געוואוסט, אַז איך וועל אַהיימברענגען מיין ווייב אַ גילדען, וואָלט איך...

נאָר נטע האָט נאָך נישט אויסגערעדט דאָס וואָרט, איז ער געבליבען שטיל, פערכאַפּט. אויסגעשטראַהלט די אויגען, און געפרעגט:

ווּאוהין לויפט דאָס ברוך אַזוי?

פון דערווייטענס האָט מען געזעהן אַ יוד, ווי אַ שטיק שיין פערשפרייט דאָס ציצה-כנפות אַרויס פון די צוויי שפּאַל-טען קאַפּאָטע, לויפט פון זיין געוועלבעל. —

און אַז נטע האָט נאָך נישט פערענדיגט דעם לעצטען זאַץ, האָבען זיך אַ האַלב טוץ יודען אויפגעכאַפּט פון די טרעפּלעך און זיך אויך געלאָזט לויפען אין מאַרק.

נטע נאָך זיי.

פון וועג איבער דער קירכע האָט מען אין וואָלקען פון שטויב, וואָס אַנ'אַדורכפאָהרענדע פוהר האָט אויפגעהויבען, געזעהן אַרויסקומען אַ פּויער, טרייבענדיג אַ קעלבעל, און איי-דער דער גוי האָט זיך אומגעקוקט, האָבען איהם שוין דאָס האַלבע טוץ יודען אַרומגערינגעלט, שלעפּענדיג מיט איין האַנד דאָס קעלבעל צו זיך, און מיט דער אַנדערער אויסגע-שטרעקט צום גוי:

— וויפיל?

דער גוי איז צומישט געוואָרען, בייז געוואָרען און מיט'ן שטעקען, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, האָט ער געקלאַפּט איבער די הענד פון די יודען:

— לאָזט אָב, גאָט-פערשאָלטענע!

די יודען האָבען אָבער איהם געשלעפּט, דאָס קעלבעל איז שוין נישט געווען. עס איז שוין געשטאַנען אַ פערפאַלענעס, אַ בעהאַלטענעס, ווי אַ קרבן צווישען די יודישע קאַפּאָטעס, און די יודען האָבען געריסען דעם גוי פון אַלע זייטען ביי די לאַצען, בייס גאַרטעל, ביי די פּאָלעס, ביי די אַרבעל:

— וויפיל?

ברוך האָט געשריגען הויך אויפ'ן קול:

— וואָס שטעקט עטץ אָן א גוי די קעהל?

— איך בין אַ שותף?

— דו ביזט אַ שותף.

— און וואָס וועל איך קריגען אָבטרעט-געלד?

— אַ גילדען וועט געגנג זיין — זעה נאָר די מציאה!

— וואָס, איך האָב נישט קיין ווייב מיט קיין קינדער צו ערנעהרען?

— און מלמד-געלד בעדאַרף איך נישט צאָהלען?

— וואָס ווילסטו, פון ווען אָן האַנדעלסטו מיט קעלבער?

— מיט וואָס זאָל איך האַנדלען, מיט בריליאַנטען?

— דאָס פעלעכעל איז מיינס? איך וויל נור וויסען איין זאַך. אָבער דאָס פעלעכעל איז מיינס?

— עס איז דיינס! עס איז דיינס!

— און איך בין אַ שותף?

— ביסט, ביסט.

— און אַ „זייטעל" וועל איך קריגען?

— חיים אַ זייטעל, מיט משה'ן אין שותפות.

— און איך וויל נור דאָס לינג און לעבער, בלויז דאָס לינג און לעבער. — וועל איך קריגען צי ניין?

— וועסט קריגען. וועסט קריגען.

— געדענק, געדענק, איך בין אַ שותף! —

— משה און חיים דאָס פעלעכעל, נטע און ברוך איין זייטעל, שלמה און גדליה דאָס צווייטע זייטעל. זבולון — דאָס לינג און לעבער, גדליה-משה די פיסלעך — רעכענט אַ יוד אויס אויף די פינגער.

דאָס קעלבעל איז געשטאַנען אין מיטען די שוואַרצע קאַפּאָטעס, אַ פערלאָרענעס ווי אַ קרבן, ווען די יודען האָבען זיך צעטיילט מיט'ן פעלעכעל לעבעדיגערהייט. און דער פויער, ווי דאָס קעלבעל, איז געווען אַ צומישטער און אַ פערדרעהטער און נישט געוואוסט, וואָס די יודען טהוען.

באַלד זענען די יודען פערשוואונדען און עס איז איבערגעבליבען נאָר איינער צו קויפען דאָס קעלבעל.

— זעהסט דאָך, אַז זיי ווילען נישט קויפען. די שטאָדט אַ אָרעמע, ווער האָט היינט געלד אויף פלייש.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, אַ גילדען אַרויף אַ גילדען אראָב, — און דער יוד שרייט שוין אין מאַרק אַריין.

— משה, צאָהל געלד!

באַלד האָבען אַ האַלב טוץ יודען אין שוואַרצע קאַפּאָטעס געטריבען אַ קליין קעלבעל אין שעכט-הויז אַריין.

דער פויער איז געבליבען שטעהן אין מיטען מאַרק, אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען און נאָכגעקוקט די שוואַרצע יודען אין די שוואַרצע קאַפּאָטעס, ווי זיי טרייבען דאָס קליי־נע פערלוירענע קעלבעל, און אין זיין פויערישען מוח איז אויפגעשוואומען אַ פראַגע:

— ווי אַזוי קאָן אזאַ קליין קעלבעל שפּייזען אַ גאַנצע שטאָדט מיט יודען?...

צאַר ניקאָליי און טראָצקי

צאַר ניקאָלאַי האָט זיך פערמאַכט ביי זיך אין צימער, פערשטעלט די פענסטער מיט די גאַרדינען, צוגעגאַנגען צו דער אייזערנער קאַסע, אויפגעעפענט און אַרויסגענומען אַכט טויזענד קערבלעך, רוסישע געלד. נישט קיין פינף הונדערט רובעל שטיק, ווי מען איז עס שפעטער געוואוינט געווען צו זעהן, ווען עס האָט שוין גאָר קיין ווערט נישט געהאַט, נאָר פינף רובעל-שטיקער, צעהן רובל-שטיקער, פינף און צוואַנציגערס און הונדערטער. גוט געלד, פון גוטע צייטען, איבערגעצעהלט די איינצעלנע פעקלעך, אַלעס האָט געשטימט גוט. צאַר ניקאָלאַי האָט געקוקט אויף דעם געלד. יעדעס פעקעל איז איהם געווען בעקאַנט, יעדען באַנקנאָט, יעדען צעהן רובל-שטיק, יעדען פינף און צוואַנציגער און יעדען הונדערטער געדענקט און געוואוסט פון וואַנען ער קומט, ווי אַזוי ער האָט איהם געקריגען, און ווי אַזוי ער האָט איהם איינגעהאַלטען. ער האָט אָנגעקוקט דאָס געלד און געקרעכצט, גענומען אַ פּאַק פּאַפּירען-געלד אין האַנד אַריין, און געזאָגט צום ווייב, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט שטיל ווי אַ טויב אויפ'ן ראַנד פון בעט און מורא געהאַט אַרויסצולאָזען פון זיך אַ הויך.

— וואָס מיינסטו, שרה, דאָס וועט נאָך אַמאָל צוריק געלד ווערען?

— ווער ווייסט? — האָט שרה אָבגעענטפערט מיט אַן׳ אונטערטעניג רחמנות־בעטענדיג שמייכעלע, וואָס זי האָט זיך ערוואָרבען פון לאַנג, אומגעהענדיג מיט איהר מאַן.

— און איך זאָג, אַז עס וועט נאָך זיין צוריק געלד. הונדערט קאָפּיקעס אַ קערבעל, גוט ווי גאָלד.

דאָס ווייב האָט געשוויגען.

— העי? וואָס האָסטו געזאָגט? — פרעגט ער דאָס ווייב.

— אודאי אַזוי, וואָס דען נישט אַזוי?

— האָט דאָס ווייב אָבגעענטפערט אין איילעניש, מיט שרעק, איהר בעקאַנט צוטאַקעווען אויף אַלעם, וואָס ער זאָל נישט זאָגען, — וואָס איז איהר געקומען פון לאַנגער געוואוינהייט און וואָס זי האָט עס פערגעסען אין ערשטען אויגענבליק. צוליב דעם האָט זי זיך דערשראָקען.

צאַר ניקאָלאַי האָט דאָס ווייב אָנגעקוקט אַ מינוט, ווי ער וואָלט זיך איבערלעגט. זאָל ער איהר יאָ מאַכען אַ פאָר־וואורף, וואָס זי האָט זיך פערשפעטיגט מיט איהר ווערטעל, אָדער נישט. ער האָט נאָר געגעבען בלויז אַ מאַך מיט דער האַנד. עס לוינט זיך נישט מיט אַ ווייב צו רעדען, געגעבען אַ קרעכץ אויף דער היינטיגער צייט, און פערשלאָסען די קאַסע מיט אַ קנאַק.

— און איך זאָג, אַז עס וועט נאָך ווערען געלד, אַזוי ווי עס איז געוועזען. — העי?

— אודאי אַזוי, וואָס דען נישט אַזוי? — האָט דאָס ווייב דאָס מאָל פלינק אונטערגעכאַפּט איהר ווערטעל.

צאַר ניקאָלאַי איז צופרידען געוועזען.

וואָרים וואו־וואו, ביי זיך אין דער היים איז צאַר ניקאָלאַי נאָך געוועזען צאַר און אַלעס האָט געמוזט שטעהן פאַר איהם „סמירנאָ”, נאָר אַזוי ווי אין שטוב איז קיינער נישט מעהר געוועזען, נאָר דאָס בלויזע ווייב, די איבעריגע, די קינדער, זענען פריה אַנטלאָפען פון דער היים, ווען זיי האָבען נאָר געקענט, איז צאַר ניקאָלאַי געוועזען אַ צאַר פאַר׳ן בלויזען ווייב. דאָס ווייב איינע אַליין איז נאָך געשטאַנען פאַר איהם

„סמירנאָ". נאָר ווען צאַר ניקאָלאַי איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָט ער באַלד זיך געכאַפּט און דערזעהן, אַז די צייטען האָבען זיך געענדערט. אַלעס האָט איהם אין דעם דערמאָנט, שוין די הייזער אַרום איהם.

ר׳ברכיה׳ס מויער, וואָס שטעהט אין שכנות מיט זיינער, בעלאַנגט איצט צו יוסף קצב׳ס אַ יונג, וואָס איז רייך גע-וואָרען ביי די דייטשען, צושטעלענדיג פאַר זיי פלייש. ר׳ ברכיה אַליין געהט איצט אַרום איבער די הייזער און בע-טעלט אויף שבת, און פאַר זיין מויער אויף די טרעפּלעך שטעהט איצט דער קצב-יונג מיט די הענד אין די הויזענ-טאַשען און די גאָלדענע קייט איבערגעלייגט איבער זיין וועסט. — ווי הייסט ער דער יונג, חיים צי משה? אַרומגע-לאָפען מיט די דינסט-מוידען. פון קיך האָט צאַר ניקאָלאַי איהם געטריבען שבת נאָך מיטאָג, ווען דער יונג איז אריינ-געקומען צו זיין דינסט-מויד. איצט שטעהט ער פאַר ברכיה׳ס הויז און שאָקעלט צו איהם מיט׳ן קאָפּ.

— גוט מאָרגען, ר׳ מרדכי.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר, — ענטפערט אָב צאַר נ׳ קאָלאַי. אַ ברירה האָט מען?

— געהערט שוין דאָס נייעס, ר׳ מרדכי?

— ניין. וואָס פאַר אַ נייעס?

— דער רב קלייבט זיך דאָך אַוועקצופאָהרען איבער די יום-טובים אין באָד אַריין.

— אין באָד אַריין? וואָס עפּעס אין באָד אַריין?

— ער איז קראַנק, זאָגט ער.

— אַזוי?

— און ווער וועט האַלטען די דרשה שבת תשובה?

— די דרשה שבת תשובה, — וואונדערט זיך צאַר ניקאָלאַי און טראַכט זיך: — וואָס בעדאַרף ער האָבען אַ דרשה שבת תשובה, אָהן אַ דרשה קען ער נישט אויסקומען, דער קצב-יונג. געוואוינט צו דרשות... נאָר זאָגען דאָס וועט

ער דאָך נישט. שטעהט צאַר ניקאָלאַי און שאָקעלט מיט די פּלייצעס.

— איך מיש זיך שוין גאָרנישט אַריין. איך זאָג גאָר-נישט. גאָרנישט, — און לאָזט איהם שטעהן, און געהט ווייטער.

אָנגעקומען אין מאַרק, טרעפט ער אַ רעדעל שטעהן, אַלטע בעלי-בתים, נייע בעלי-בתים, נגידים, וואָס זענען געוואָרען אָרימע לייט און אָרימע לייט, וואָס זענען געווארען נגידים. צייט עס איז געוואָרען די פערדרעהטע וועלט „קאָפּ אַראָב, פיס אַרויף“, האָט צאַר ניקאָלאַי פיינד געהאַט צו מישען זיך אין רעד-לעך: מען ווייסט שוין נישט מעהר מיט וועמען מען טרעפט זיך אָן, אויסגעמיטען מענשען און געגאַנגען זיך זיין וועג. דאָסמאָל האָבען זיי איהם צוגעוואונקען, צוגערופען פון דער ווייטענס, אלטע גוטע פריינד, ר׳ נטע, מיט וועמען ער פלעגט אַמאָל בשותפות אַ וואַלד קויפען, ר׳ עוזר אָשער׳ס, וואָס האָט אַ שטאָדט אין שוהל איך שכנות מיט איהם. היינט זענען זיי אַלע נעבעך גרויסע אָרימע לייט און קלעבען זיך אַרום די ניי-אויפגעקומענע בעלי-בתים אַ פּאָר מאַרק צו פערדינען.

— ר׳ מרדכי, זייט מיר מוחל, — איהר האָט שוין געהערט דאָס נייעס?

— עס איז שוין נישטאָ קיין נייעס, — וואָס קען זיין פאַר אַ נייעס, אַז אַלעס איז שוין געוועזן. — מלחמה, צרות, וואָס קען זיין פאַר אַ נייעס, אַז אַפילו דער קייזער איז שוין געוואָרען אויס קייזער. קען נאָך זיין נייעס?

— דאָך אַזאַ מין נייעס מעגט איהר הערען.

— וואָס פאַר אַ נייעס?

— איהר ווייסט, וועמען די יודען האָבען אויסגעקליבען אין מאַגיסטראַט אַריין? — טראָצקי׳ן.

— ווער איז טראָצקי? — פרעגט צאַר ניקאָלאַי פער-וואונדערט.

— איהר ווייסט נישט ווער טראָצקי איז — זענט איהר דאָך גאָרנישט קיין היגער. — ברוך קאַשענמאַכערס יונג, דער קאַמאַשענמאַכער. אַלע האָבען זיך פערייניגט אויף איהם, און

איהם האָבען זיי דאָס אויסגעקליבען, אַז ער זאָל זיצען אין ראַט-הויז צוזאַמען מיט די פּריצים און דעם גלח — און זאָל זיין אַ מליץ-יושר פאַר יודען.

צאַר ניקאָלאַי האָט זיך ווייניג-וואָס געוואונדערט, און די נייעס האָט ביי איהם נישט אַרויסגערופען דעם עפעקט, וועלכען אַלע האָבען ערוואַרטעט. פערטרעטונג אין שטאָדט-ראַט איז געווען ביי איהם אַ נייע זאַך, וועלכעס איז נישט געווען אין די אַלטע צייטען פון פאַר דער מלחמה. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז. די נייע זאַכען האָבען איהם נישט אינטערעסירט. ער האָט אין זיי נישט געגלויבט און זיי בעטראַכט פאַר מלחמה-אומגליקען, ווי מגפות, הונגער, ווי דאָס שלעכטע געלד און אַנדערע בייז.

— וואָס איז דער חילוק, ווער עס וועט דאָרט זיצען. וואָס איז עס אַזאַ מין וויכטיגע זאַך, ווער עס וועט דאָרט זיצען, אַז מען בעדאַרף דערפון מאַכען אַזאַ טאַראַראַם? ווער איז דאָס דער פּאַרשוין?

— וואָס רעדט איהר, ר׳ מרדכי. ער ווייסט נישט ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך טראָצקי. די יונגען בעטראַכטען דאָך איהם פאַר אַ טראָצקי׳ן. ער וועט דאָך פערפינסטערען אונזערע אויגען.

— ווער איז דאָס דער טראָצקי? וואונדערט זיך צאַר ניקאָלאַי, וואָס מען רעדט דאָס פון איהם אַזוי פיעל.

— איהר ווייסט נישט ווער טראָצקי איז, איהר לעזט נישט די צייטונג?

— וואָס איז דאָ צו לעזען היינט. אַמאָל איז געווען אַ צאַר, אַ קייזער, האָט זיך געלוינט צו לעזען. אָבער וועגען וואָס איז היינט דאָ צו לעזען. איבער וועמען זיי שרייבען דאָס, די צייטונגען, וואָס עס לוינט זיך אַזוי צו לעזען — איבער לאָבוסעס.

— דאָס איז דאָך זייער אָנפיהרער אין דער וועלט, און דאָס, וואָס דער טראָצקי איז דאָרט אין פּעטערבורג, איז ער, ברוך קאַשענמאַכער׳ס יונג — דאָ.

נאָר צאַר ניקאָלאַי׳ען האָט די גאַנצע זאַך נישט אינטע־רעסירט. ער האָט נאָר געגעבען אַ צוק מיט די אַקסלען און אַ מאַך מיט דער האַנד.

— פאַרדרעהען זיי זיך זייער קאָפּ און הענד און פיס.

נאָר באַלד איז צוגעקומען צום רעדעל פאַן אָסטראָוסקי, דער אַפּטייקער פון שטאָדט, וועלכער האָט זיך פון תמיד אָן געחבר׳ט מיט יודען און דערפאַר האָבען איהם די יודען גע־קרוינט מיט דעם נאָמען „דער גוטער גוי“.

דער אַפּטייקער האָט זיך געמישט אין קהל׳שע זאַכען און איז געווען אַ גרויסער „קאָך־לעפעל“.

— וואָס איהר יודעלעך, האָט שוין קיינעם נישט גע־האַט צו שיקען אין שטאָדט־ראַט, נאָר טראָצקי׳ן, גוטס וועט ער אייך ברענגען.

— מיר האָבען איהם געשיקט? וואָס זענען מיר שולדיג, אַז די יונגען מיט די מוידען — האָבען די יודען אָנגעהוי־בען זיך צו פערענטפערען פאַר׳ן גוי.

— און אַז מען האָט דעם צאַר ניקאָלאַי אַליין אַראָב־געוואָרפען פון בענקעל, וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערען, קען שוין אַלצדינג פאַסירען, — האָט זיך אָבגערופען צאַר ניקאָלאַי אַליין.

דער אַפּטייקער האָט געמאַכט אַ גרימאַסע און האָט מיט אַ בייזען בליק פערלאָזט די יודען.

פון יאָהרען און יאָהרען איז צאַר ניקאָלאַי געווען דער איינציגער מושל אין קהל. זיין וואָרט איז געווען אַ געזעץ. זיין בליק איז געווען אַן אָנזאָג. זיינע הויכע, לאַנגע, שטייפע ברעמען האָבען גערעדט. אַז זיי האָבען זיך אויפגעהויבען איז געווען אַ קשיא, אז זיי האָבען זיך געלייגט — איז געווען אַ תירוץ. די ממשלה האָט ער נאָך איבערגענומען פון טאטען זיינעם, צוזאַמען מיט דער ירושה פון גרויסען זלאבאטשער וואַלד און די צוויי מוירען פון שטאָדט. עס האָט געציטערט פאַר איהם רב און דיין, חזן און שוחט. און די

שמשים און די גבאים זענען געקראָכען אויף אַלע פּיער׳
אז זיי האָבען איהם דערזעהן. אָהן איהם האָט מען נישט
געוואַגט אַ נאָגעל אין וואַנד אַריינצושלאָגען אין אַ קהל׳שען
בנין. אָהן איהם האָט דער חזן נישט געוואַגט זיך צום עמוד
צו שטעלען, דער רב זיין דרשה אָנצוהויבען. מיט איין וואָרט,
נישט בחינם האָט מען איהם געקרוינט מיט׳ן נאָמען „צאַר
ניקאָלאַי״ איבער גאַנץ ישראל.

דורך די לעצטע יאָהרען, זייט די מלחמה און דער
רעוואָלוציע, האָט זיך די גאַנצע וועלט איבערגעקערט. צאַר
ניקאָלאי האָט זיך געמוזט צוגעוואוינען צו פיל נייע זאַכען.
צו נייע שכנים, צו נייע הייזער, צו נייע מושלים, צו נייע
געלד, צום נייעם שטייגער לעבען. דער וואָס איז געווען
אויבען, דער איז אונטען, און דער וואָס איז געווען אונטען
דער איז אויבען. צאַר ניקאָלאַי האָט זיך מעהר נישט גע-
וואונדערט. זייט מען האָט דעם צאַר געקאָנט אַראָבוואַרפען פון
בענקעל, האָט אַלצדינג געקענט געשעהן. און ער האָט געהאַט
איין וואָרט: אַז מען האָט דעם צאַר אַראָבגעוואָרפען — פאַרוואָס
זאָל מען מיך נישט קענען אַראָפּוואַרפען. אָבער אין האַרצען
האָט צאַר ניקאָלאַי געגלויבט, אַז עס וועט נאָך אַלעס צוריי
ווערען. די וועלט וועט צוריק ווערען וועלט, דער צאַר וועט
צוריקקעהרען און דאָס אַלטע געלד וועט צוריק ווערען געלד
און פונקט אַזוי ווי ער האָט געהאַלטען זיינע רובלעס פּער׳
שלאָסען אין זיין אייזערנער קאַסע, נישט געוואָלט זיי איבער
טוישען און געגלויבט, אַז עס וועט נאָך צוריק ווערען געלד,
אַזוי האָט ער געגלויבט, אַז די גאַנצע וועלט וועט נאָך צוריק
ווערען וועלט. און עס וועט זיין ווי עס איז געווען.

וואָרים ביי זיך, אין זיין אייגענער ממשלה — אין
שטאָדטישען קהל, איז נאָך צאַר ניקאָלאַי געווען צאַר. טאַקע
דער רב איז נישט דאָס, וואָס איז געווען אַ מאָל. ווען ער
וויל לערענט ער מיט די בחורים אַ שיעור, ווען ער וויל
שלאָפט ער, וויל ער, פאָהרט ער זיך גאָר אין אַ באָד אַריין.
געהערט אַז אַ רב זאָל פאָהרען אין אַ באָד, אָדער לאַנדסלייט

פערבעטען איהם קיין אַמעריקאַ — לאָזט ער איבער די שטאָדט און פאָהרט זיך אַוועק אויף אַ יאָהר קיין אַמעריקא. און דער חזן איז נישט דער חזן, וואָס איז געווען, ער האַנדעלט אין מאַרק, קויפט דאָלאַרען פון די פאָהרער, אדער פערקויפט זיי דאָלאַרען — און שבת שטעלט ער זיך אַוועק ביים עמוד. אפילו די שמש׳ים זענען נישט דאָס זעלבע. זיי ריידען גאָר אַנדערש היינט צו אַ בעל־הבית. ער ווארט גאָרנישט ביז איך זאָל איהם צוערשט זאָגען „גוט מאָרגען“, און פון די שוחטים איז דאָך אָפגערעדט, מאַכען זיי אָפּ יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַ נייעם פרייז אויף שחיטה, אַז נישט שחט׳ן זיי נישט. געהערט, אַז שוחטים זאָלען נישט וועלען מקיים זיין קיין מצוות. נאָר דאָך האָט נאָך אַלץ צאַר ניקאָלאי געגלויבט, אַז עס וועט נאָך אַלץ צוריק ווערען — וועלט וועט נאָך צוריק ווערען וועלט. וואָרים נאָך איז צאַר ניקאָלאי געווען אַ צאַר ביי קהל, און פאַר זיין וואָרט האָט מען געציטערט.

פון די סוחרים איז דאָך אָפגערעדט, ווער זענען היינט סוחרים? לאָבוסעס, גנבים, שיק־יונגען. מיט דעם נייעם געלד האָט צאַר ניקאָלאי נישט געקענט האַנדלען. געהערט געלד! היינט איז עס אַזוי פיל און מאָרגען איז עס אַזוי פיל; אַמאָל אַ רובעל — איז געווען אַ רובעל. היינט אַ רובעל, מאָרגען אַ רובעל און איבערמאָרגען אַ רובעל. צום נייעם געלד האָט זיך צאַר ניקאָלאי נישט געקענט צוגעוואוינען. עס איז צערונען אונטער די הענד, ווי זאַלץ אין וואַסער, די אַנדערע, די יונגע, קענען אַזוי מאַכען, אַז וואָס מעהר דאָס געלד צערינט — אַלץ בעסער איז עס פאַר זיי, וואָס ווייניגער דאָס געלט האָט די ווערט — אַלץ רייכער ווערען זיי. און ער, וואָס ווינציגער עס איז ווערט דאָס געלד, אַלץ אָרימער ווערט ער. האָט ער באַלד געמוזט אַרויסגיין פון די עסקים. איבערגעלאָזט פאַר דער גאַס, פאַר שלעפערס און גנבים. געלעבט האָט ער פון דעם, וואָס ער האָט אַלעמאָל פערקויפט אַן אַנדער שטיק נחלה. אַמאָל אַ שטיק וואַלד פון גוטע צייטען, אַ האַלב הויז, אַ ליי־

דיגען פלאַץ. אַז ער האָט פערקויפט אַ נחלה, איז ער מיט אַמאָל געוואָרען אַ מיליאָנער, נאָך איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער געוואָרען צוריק אַן אָרעמאַן. ער האָט עס נישט אויסגעגעבען, געהאַלטען עס אין זיין אייזערנער קאַסע — ווי ער איז שטענדיג געוואוינט געווען צו האַלטען געלד, און איבערנאַכט האָט עס פערלוירען דעם ווערט.

בחנם האָבען איהם גוטע פריינד געראַטען געגעבען עצות, ווי אַזוי ער זאָל איינהאַלטען זיין געלד— צאַר ניקאָלאַי האָט עס נישט פערשטאַנען.

— וואָס הייסט עס וועט נישט ווערען, עס איז דאָך געלד, — דער אָדלער שטייט דאָך דערויף.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אַז פון דעם געלד איז טאַקע גאָרנישט געוואָרען, האָט ער געזאָגט, מיט אַ נקמה-שמייכעלע:

— היינטיגע געלדער, אַזוי ווי די סוחרים, אַזוי איז זייער געלד.

אַזוי האָט „צאַר ניקאָלאַי" דורך די יאָהרען פערקויפט איין שטיק נחלה נאָך דער אַנדערער, ביז ער איז איבערגעבליבען ביי איין הויז, געלעבט פון דעם, וואָס די לאָקאַטאָרען, וועלכע האָבען פאַר יאָהרען און יאָהרען נישט געצאָהלט קיין דירה-געלד, האָבען איהם פון רחמנות וועגען צוגעוואָרפען אַ ביסעל פון די נייע געלדער, פאַר וועלכע דאָס ווייב פלעגט קאָכען אָרעמע מאָהל-צייטען, נאָר די נשמה אויפצוהאַלטען.

צאַר ניקאָלאַי איז אַרומגעגאַנגען אין אָרעמע, אָפּגעטראָגענע בגדים, וואָס איז איהם איבערגעבליבען פון די אַלטע גוטע צייטען. אין צעריסענע העמדער, לאַטעס געלייגט אויף לאַטעס, געשלאָפען אויף צעריסענע לייללעכער — נאָר צאַר ניקאָלאַי איז נאָך געווען צאַר. ער האָט זיך בעטראַכט פאַר דעם איינציגען ווירדיגען בעל-הבית פון שטאָדט. אין אָווענט, נאָך דעם אָרעמען מאָהלצייט פון פאַסטנע קאַרטאָפעלעס, פלעגט ער זיצען מיט שטאָלצקייט צו דער אייזערנער קאַסע און

ארויסגעהמען די אַלטע רוסישע רובלעס, קנאַקען זיי מיט דער האַנד, און זאָגען מיט אמונה:

— און איך זאָג, אַז דאָס וועט נאָך צוריק ווערען געלד, אַזוי ווי עס איז געווען אַמאָל. הע?

— אודאי אַזוי, וואָס דען נישט אַזוי? פערזוימט נישט דאָס ווייב אונטערצוזאָגען, פון וואָס „צאַר ניקאָלאַי" איז צופרידען.

נאָר באַלד איז געוואָרען אַן ענדע צו „צאַר ניקאָלאַי'ס" ממשלה און געשעהן איז עס ווי תמיד, דורך „טראָצקי'ן".

טראָצקי האָט זיך נישט בעגניגענען געלאָזט בלויז מיט די גוי'אישקע זאַכען, צו ווערען אַ מאַכער אין שטאָדט-ראַט, נאָר ער האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו מישען אין קהל'שע זאַכען. געוואָלט וויסען, וואָס אין טאָפּ קאָכט זיך.

אַמאָל איז דער שמש געקומען רופען „צאַר ניקאָלאַי'ען" אויף אַנ'אסיפה, אין קהל-שטיבעל.

— ווער האָט דאָס געלאָזט רופען אַנ'אסיפה, איך ווייס גאָרנישט פון דעם — האָט זיך צאַר ניקאָלאַי פערוואונדערט.

— דאָס האָט געלאָזט דער נייער דאָזאָר רופען — „טראָצקי".

— טראָצקי? — וואונדערט זיך צאַר ניקאָלאַי. פון ווען אָן איז דאָס טראָצקי געוואָרען אַ דאָזאָר אין שטאָדט און לאָזט רופען אַסיפות?

— וואָס טהוט זיך מיט אייך, ר' מרדכי, — זאָגט דער שמש צום צאַר, איהר ווייסט נישט, טראָצקי איז דאָך געוואָרען אויסגעקליבען אין די לעצטע וואַהלען פאַר אַ דאָזאָר.

— געקליבען, ווער האָט דאָס געקליבען? ווער האָט געהייסען קלויבען? וואָס הייסט מען האָט געקליבען? — בייזערט זיך צאַר ניקאָלאַי.

— ר' מרדכי, דער דאָזאָר טראָצקי האָט מיך געשיקט רופען אייך צו אַנ'אַסיפה, און געלאָזט אייך זאָגען, אַז אויב

איהר וועט נישט קומען, וועט ער איבערנעהמען די ממשלה אָהן אייך.

צאַר ניקאָלאַי איז געבליבען שטעהן. איהם איז שוין נישט געפעלען דעם שמש'ס אַנטוואָרט. פון ווען אָן ענטפערט דאָס אַ שמש אַזוי אַ בעל־הבית? צאַר ניקאָלאַי איז בייז געוואָרען און האָט זיך אָנגערופען צום שמש:

— הער נאַר, — פון וועז אָן רעדסטו עס אַזוי צו מיר — דאָס האָט דיך טראָצקי אַזוי אויסגעלערענט ריידען צו אַן עלטערען בעל־הבית? דו האָסט אַפנים פערגעסען, ווער עס גיט דיר פרנסה, געה זאָג דיין טראָצקי'ן, אַז ער קען זיך מאַכען אַסיפות מיט זיינע יונגען און דינסט־מוידען. איך ווייס נישט ווער ער איז, איך קום נישט אויף אסיפות, וואָס די טראָצקיס, אָדער אַל־די שווארצע יאָהר, ווי זיי הייסען דאָרט, פערדופען.

— אויב אַזוי, זיצט אייך אין דערהיים, מען קען מאַכען אַן אַסיפה אָהן אייך. עס זענען דאָ נאָך אַנדערע דאָזאָרצעס.

— וואָס האָסטו געזאָגט, דו שגץ איינער, טראָצקי'ס משרת. שרה, גיב מיר דעם שטעקען. אַרויס פון מיין שטוב.

— איהר מיינט, אַפנים, אַז עס איז נאָך די אַלטע צייטען, ווען איהר זענט געווען צאַר ניקאָלאַי, קיין צארען זענען שוין מעהר נישטאָ היינט, — זאָגט דער שמש און קלאַפּט צו די טהיר הינטער זיך.

צאַר ניקאָלאַי איז געבליבען זיצען אַ פערשטיינערטער פאַר כעס. זיינע באַקען האָבען זיך געבלאָזען. צוערשט זענען זיי רויט געוואָרען, דערנאָך בלייך, ווי קרייד. זיינע ברעהמען האָבען זיך אויפגעהויבען און געבליבען שטייפע, אויסגעשטעלטע ווי שפיזען, ער איז געזעסען אַ מינוט פינף נישט בעוועגענדיג זיך, דאָס ווייב האָט געציטערט, מורא געהאַט צו עטעמען. פלוצים האָט ער זיך געגעבען אַ הויב אויף, און גערופען מיט'ן הויכען קול:

— שרה גיב מיר די קאַפאָטע, די יום־טוב'דיגע קאַפאָטע

מיט'ן שטעקען גיב מיר, — איך וועל ארונטערגעהן זעהן, ווער עס פעררופט היינט אסיפות.

— מרדכי, וואס טויג דיר דאס? זיי וועלען דאך, חלילה, — וואגט דאס ווייב מיט טויט-שרעק זיך אנצורופען.

נאר באלד ווערט זי איבערהאקט דורך די גרויסע, ברייטע שפיצענדיגע ברעהמען, וואס האבען זיך אויפגעהויבען ביים צאר ניקאלאי'ס אויגען.

— שרה!

און שרה האט שוין גארנישט גערעדט, נאר ארויסגענומען די יום-טוב'דיגע קאפאטע, איהם אנגעטהון, און געגעבען איהם דעם שטעקען אין דער האנד אריין.

ווארום ביי זיך אין שטוב איז צאר ניקאלאי נאך געווען צאר ניקאלאי.

ארונטערגעקומען אין קהל'שען שטיבעל, זעהט ער, ווי עס זיצט טראצקי מיט א קאמי-וואיאזש היטעל איבער דער גרויסער שווארצער טשופרינע אויבען-אן, צו רעכטס פון איהם, דער רב, לינקס פון איהם — אנ'אנדער שעהנער בעל-הבית, און טראצקי האלט פאר זיי א פאפיר, פון וועלכע ער לעזט פאר זיי ארויס א גאנצען פלאן, ווי אזוי איבערצומאכען און איבערצודרעהען די גאנצע קהלה מיט אלעם צוזאמען. און אלע דאזארצעס און בעלי-בתים ארום טיש צוגעבויגען הערען זיך צו צו זיין „תורת משה" און שאקלען צו מיט די קעפ. און דעם רב מאקעוועט איצט צו טראצקי'ן אזוי ווי א מאל צו איהם, און שאקעלט זיך דערביי פרום צו, און גלעט זיך ביים קאזע-בערדעל, און וויל איבערצייגען טראצקי'ן, אז אין הלכות רעוואלוציע איז ער אויך א בקי, און לאזט זיך אריין מיט טראצקי'ן אין זייער הויכע ענינים. און דא שטעהט צאר ניקאלאי ביים טיש, איינער אליין, קיינער בעמערקט איהם נישט, אז ער איז אריינגעקומען. אמאל, ווען צאר ניקאלאי איז געקומען אויף אנ'אסיפה, האבען זיך אלע אויפגעהויבען פאר איהם, און אנגעוויזען איהם דעם שענסטען פלאץ, אויבען-אן

ביים רב, און איצט זיצט דאָרט טראָצקי, און ער, צאַר ניקאָלאַי שטעהט ביי דער טהיר.

זיינע באַקען זענען ווידער געוואָרען אָנגעבלאָזען, צו־ערשט רויט און דערנאָך ווייס ווי קאַלך. זיינע ברעהמען האָבען זיך אויפגעשטעלט ווי שפּיזען. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, געגעבען אַ קלאַפּ אין טיש, אויפגעהויבען דעם שטעקען און געוויזען אויף טראָצקי׳ן.

— איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, אויב ער דאַרף דאָס אַלעס — ווייזט ער אָן אויף טראָצקי׳ן — אַ רב, אַ שוחט, א מקוה. וואָס, אַזא פרומער יוד איז ער, ער דאַווענט יעדען טאָג, אייער טראָצקי, ער געהט אין מקוה אַריין, ער עסט נאָר בלויז פון בעל׳ע שחיטה -- אַז ער בעדאַרף זיך מישען אין יודישע ענינים?

די בעלי־בתים מיט׳ן רב האָבען ערשט איצט בעמערקט צאַר ניקאָלאַי׳ן, און טייל האָבען איהם אָנגעבאָטען זייער פּלאַץ.

— אָ, ר׳ מרדכי איז דאָ, — נעהמט פּלאַץ, ר׳ מרדכי.

נאָר טראָצקי איז געבליבען רוהיג און קאַלט און זיך אָנגערופען צום פּאָרזיצענדען, צום רב, וועלכער האָט געפיהרט די אסיפה.

— פּאַניע פּאָרזיצענדער, ווער איז דער יוד?

— איהר קענט איהם נישט, דאָס איז דאָך ר׳ מרדכי.

— ווער איז דאָס דער ר׳ מרדכי, — פרעגט טראָצקי. וואָס, אַ דאָזאָר אויסגעקליבען געוואָרען, מיט וויפיל שטימען? מיר האָבען גאָרנישט געהערט דערפון.

— אויסגעקליבען איז ער נישט געוואָרען, נאָר עס איז דאָך ר׳ מרדכי, אַ קלייניקייט ר׳ מרדכי, — האָבען יודען גע־טענה׳עט. אַ דאָזאָר פון יאָהרען.

— ר׳ מרדכי אַהין, ר׳ מרדכי אַהער — זאָגט טראָצקי גאַנץ רוהיג — איז ער נישט אויסגעקליבען געוואָרען, איז ער נישט קיין דאָזאָר, און איך פאָדער איך אויף, פּאַניע פּאָרזי־

צענדער, אַז איהר זאָלט הייסען דעם יודען, אַז ער זאָל פערלאָזען די פערזאַמלונג, אַז נישט פסל איך די פערזאַמלונג.

— וואָס הייסט ער איז געוואָרען אויסגעליבען, אָדער נישט אויסגעקליבען, עס איז דאָך ר׳ מרדכי, אַן׳אַלטער דאָזאָר פון יאָהרען און יאָהרען, פון טאַטען נאָך, — טענה׳ן די יודען.

— וואָס איז געוועזן, איז געוועזן — זאָגט טראָצקי גאַנץ רוהיג, היינט איז אַ נייע וועלט — ווער עס איז אויסגעקליבען איז אויסגעקליבען, און ווער עס איז נישט אויסגעקליבען, איז נישט אויסגעקליבען. מעג ער זיין צאַר ניקאָלאַי אַליין. האָב איך רעכט? — פרעגט טראָצקי דעם רב.

— נאָך די נייע כללים איז עס אודאי אַזוי — זאָגט דער רב מיט אַ כשר פרום רחמנות פנים׳ל, — נאָך דער נייער אָרדנונג פיהרט מען זיך אַזוי, פסק׳ענט אָפּ דער רב נאָך אַמאָל.

— וואָס הייסט עס איז דאָך צאַר ניקאָלאַי אַליין, ציטערען נאָך אַ פּאָר היימישע יודען.

— ר׳ יוד, איך פאָדער אייך אויף, אַז איהר זאָלט פערלאָזען די פערזאַמלונג, אַז נישט וועל איך הייסען אייך אַרויספיהרען דורך די שמשים; מעגט איהר זיין דער צאַר ניקאָלאַי אליין — זאָגט טראָצקי.

צאַר ניקאָלאַי איז ערשטוינט געבליבען. ער האָט אויפגעבלאָזען זיינע באַקען ווי אַמאָל, און געגעבען אַ הויב אויף זיינע גרויסע ברעהמען און אויסגעשטראַהלט זיינע גראָהע אויגען, ווי ער פלעגט עס אָפּטמאָל טהון אויף זיינע געגנער. נאָר צום ערשטען מאָל, זייט צאַר ניקאָלאַי איז צאַר ניקאָלאַי. האָט זיך טראָצקי נישט דערשראָקען, נישט פאַר זיינע אויפגעשפיצטע ברעהמען און נישט פאַר זיינע גראָהע אויגען. טראָצקי האָט איהם געקוקט דרייסט אין די אויגען אַריין און געוויזען מיט דעם פינגער אויף דער טהיר.

צאַר ניקאָלאַי האָט דערזעהען, אַז טראָצקי שרעקט זיך נישט פאַר זיינע ברעהמען, האָט ער זיי אַראָפּגענידערט און

אָהן אַ וואָרט אויסצורײדען, האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז אַרויסגעגאַנגען פון קהל׳ס שטוב מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

צאַר ניקאָלאי איז אַהיים געקומען, אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך איבער דער שטוב ארויף און אַראָפּ געדרעהט, מיט׳ן שטעקען געהאַלטען אויפ׳ן הינטען, נישט קיין וואָרט אויסגע-רעדט צום דערשראָקענעם ווייב. פּלוצים איז ער צוגעגאַנגען צו דער אייזערנער קאַסע און אַרויסגענומען די רוסישע רו-בעלס, צוזאַמענגעקנייטעלט זיי אין זיינע הענד, אריין אין קיך, און געוואָרפען זיי אין פייער אַריין.

— ניין, שרה, עס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין צוריק קיין געלד. שרה האָט דאָס מאָל נישט געוואַגט אונטערצוכאַ-פּען איהר געוועהנליכען „אַודאי אַזוי".

אין אָוועגד האָט „צאַר ניקאָלאַי" היץ געקראָגען, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געשטאָרבען.

דער מזל׳דיגער

(הומאָרעסקע)

זעהר אַ שטילער, אַז ער רעדט – הערט מען איהם קוים. און אַז ער געהט — זעהט מען איהם קוים. אַ הויכער, אַ ברייטבייניגער, און דאָך זעהט מען איהם קוים אָן. אַ ווייסער, אַ בעשפּרינקעלט פּנים מיט זומער-פלעקלעך, און אַ ברייטע געלע באָרד, וואָס שטאַרצט אַרויס פון ביידע באַקען ווי וואָנסעס ביי אַ גרויסען פיש. עפּעס פישעדיגעס איז דאָ אין דעם יוד, די ווייסקייט פון זיין הויט איז אומנאַטירליך, ווי זי וואָלט געקומען פון שטענדיגען וואַשען זיך אין די וועלען. אַ גוטער — ביז גאָר, ער קען בטבע נישט אָבזאָגען אַ מענשען, אַז מען בעט איהם עפּעס. און הייסען הייסט ער ר׳ נחמן ווייגבערג. אָט דעם נחמן ווייגבערג האָט גאָט אויסגעקליבען, אַז ער זאָל זיין אַ מזל׳דיגער. איהם און נישט קיין אַנדערען.

זיין מזל האָט זיך אָנגעהויבען פון גרויסען געווינס.

עס איז אַזוי געווען:

יאָהר איין יאָהר אויס האָט די גאַנצע שטאָדט געשפּילט אויף לאָטעריע. ווער האָט נישט געשפּילט? עס האָבען געשפּילט עלטערע בכבודיגע יודען, וואָס האָבען קלייטען אין דער גאַס, און ווייבער, וואָס האָבען שטענדערס אין מאַרק. יונגען, וואָס בעדאַרפען שטעהען צו די זעלנער און מיידען, וואָס בעדאַרפען חתונה האָבען. אין וואָס האָט מען נישט גע-

שפּילט? מען האָט געשפּילט אויף די גרויסע פינף און זיבעציג, און אויף אַלערליי „בראָנשווייגער'ס", און היינט זענען צוגעקומען היימישע „צעטלעך", וואָס די רביים האָבן געמאַכט פאַר זייערע ווייבער'ס וועגען — און גאָרנישט. אַמאָל האָט עמיצער געוואונען אויף אַ צעטל אַ פּאָר גילדען, אָבער אָנגעזעהען האָט מען עס נישט. מאַכט זיך אַמאָל אין מיטען דער נאַכט, אין אַ זומער-נאַכט, שבועות-צייט, און דאָס שטעדטעל שלאָפט מיט די גאַטקעס אין דרויסען — קומט אָן צולויפען פון עק גאַס ברוך שפּיליטער — דער קאָלעקטאָר מיט אַ דעפּעשע אין האַנד, סאַפּענדיג אָהן אָטעם, ווי ער וואָלט געלאָפען אַ שרפה אָנזאָגען, און קלאַפּט אָן אין נחמן וויינבערג'ס לאָדען:

— נחמן, די „פינף און זיבציג"! — און ווייטער האָט ער שוין נישט געקענט רעדען. ער איז געבליבען אָהן אָטעם.

מילא ברוך שפּיליטער האָט מען לייכט אָבגעמונטערט.

דערפאַר איז אָבער נחמן וויינבערג אַוועקגעפאַלען און איז געבליבען אין חלשות פון דער גוטער בשורה. מען האָט געמיינט, אַז ער עקט זיך, חלילה.

צומאָרגענס אין דערפריה, באַלד נאָכ'ן דאַוונען, האָבען זיך ביי נחמנ'ען אין שטוב פערקליבען אַ האַלבע שטאָדט יודען מיט ווייבער און קינדער. משפחה, בעקאַנטע און גלאַט פרעמדע, וועלכע זענען געקומען מזל-טוב אָבגעבען. מען האָט „געטרונקען" לעקעך און בראָנפען און געוואונשען זיך. דער בעל-שמחה אַליין אָבער איז געלעגען אין בעט, און מען האָט איהם צוגעלייגט צום האַרץ נאַסע האַנדטיכער און דער פעלדשער האָט איהם געגעבען צו שמעקען פערשיעדענע פלעשלעך מיט „שמעק-וואַסער", וואָרום דער יוד האָט אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך פון דער בשורה.

אַז עס איז איהם נאָר בעסער געוואָרען, איז ער אַריינגעפאָהרען מיט'ן קאָלעקטאָר קיין וואַרשא אָבנעהמען די אַפּוֹת קא.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז עס איז נישט

גבווען ווי דאָס געשריי אין שטאָדט. נחמן וויינבערג האָט נאָר געהאַט אַנ'אַכטעל פון „צעטעל", און פון זיין אַכטעל איז איהם איינגעפאַלען אין דער לעצטער מינוט פאַר „נעילה", א טאָג פאַר'ן ציהען, אָבצוגעבען ברוכ'ן צוריק א פערטעל. ברוך האָט עס איינגעשליידערט אַ גויאישען שוסטער, פון וועלכען דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט גרויס עגמת-נפש געהאַט. וואָלט עס כאָטש אַריינגעפאַלען אין יודישע הענד...

און כאָטש די שטאָדט האָט פערמאָגט גוטע רעכענמייס־טערס, וואָס האָבען „אויף דער האָר" אויסגעחשבונט וויפיעל עס וועט אויספאַלען אויף נחמנ'ס צעטעל, אַ „אַכטעל", פון וועלכען מען האָט אַראָבגעגעבען אַ „פערטעל", און יעדער איי־נער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וויפיעל נחמן ברענגט אַהיים פון וואַרשא, ביז צום גראָשען, דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נחמן ברענגט אַהיים פון וואַרשא דעם מלכ'ס אוצרות. קיינער האָט נישט געוואוסט, ווען נחמן איז געפאָהרען און ווען נחמן איז געקומען צוריק, און לייזער קאָוואַל האָט גע־קאָוועט נייע אייזערנע שטאַנגען אויף נחמנ'ס טהירען און לאָדען...

מען זאָגט, אַז אַזעלכע געלדער האַלטען זיך נישט לאַנג. איך ווייס נישט אויף וויפיעל דאָס איז אמת אַלס אַ כלל, — נאָר ביי נחמנ'ן האָט עס זיך באַלד אַרויסגעוויזען פאַר וואָהר. געוואוסט האָט מען, אַז נחמן האָט אַהיימגעבראַכט פון וואַרשא דאָס גרויסע געווינס — האָט עס יודען נישט רוהען געלאָזט. אַ שטאָדט מיט מענשען זענען געלעגען ביינאכט אויף זייערע געלעגערס און נישט געשלאָפען, נאָר געהאַלטען אין איין קלערען פּלענער — וואָס פאַר אַ תכלית מען קאָן מאַכען מיט נחמנ'ס געלד. די אויסטערלישסטע און די מאָדנעסטע געשעפטען זענען איהם געוואָרען אָנגעשלאָגען, יודען האָבען אויסגעזוכט עסקים פון אונטער דער ערד און געבראַכט צו נחמנ'ן. איינער האָט איהם פאָרגעלייגט צו עפענען מיט איהם אַ בשותפות ציקאָריע-פאַבריקעל. יענער וועט געבען דעם „קאָפּ", נחמן — דאָס געלד. אַנ'אַנדער האָט איהם פאָרגעלייגט

אַ הייוועז-פאַבריקעל. אַ דריטער אַ פריץ מיט אַ וואַלד. אַ פער-טער פראָצענטער. די טהיר האָט נישט גערוהט ביי נחמנ'ן. אַ גוטער איז ער געווען, אַ שטילער פון דער נאַטור, און נישט געקענט קיינעם אָבזאָגען — האָט נחמן אויסגעהערט די פּלענער, צוקעמט זיך די ברייטע רויטע באָרד מיט זיין וויי-סער, מיט זומער-פלעקלעך בעשפרענקעלטער האַנד, און האָט נישט „אָבגעזאָגט". אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט דער נחמן, וואָס מען האָט איהם פאָרגעלייגט האָט ער נישט גע-זאָגט „ניין", נאָר „מיר וועלען זעהען", „אפשר יאָ". הכלל, עס זענען נישט פערביי אַ פּאָר יאָהר און יודען האָבען גע-מאַכט אַ תכלית פון גרויסען געווינס. אַביסעל איז איבערגע-בליבען אין ציקאָריע, אַביסעל אין הייוועז, — נאָר דער גרעס-טער טייל אין וואַלד ביים פריץ, וועלכער האָט באַנקראָטירט. היינט איז נחמן דער זעלבער אביון, וואָס ער איז געווען פאַר דעם גרויסען געווינס. פון די „פינף און זיבעציג" איז שוין לאַנג קיין שריד ופליט נישט געבליבען. קוים דערהאַל-טען זיך ביים שניט-קרעמעל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער מהומה און וואָס נאָך אַ האָר האָט דאָס געווינס אויך מיט-געשלעפּט מיט זיך, ווען עס האָט אָנגעהויבען צוריק אָבצו-ציהען. דאָס איינציגע, וואָס נחמנ'ען איז יאָ איבערגעבליבען פון געווינס, איז דאָס שוואַכע האַרץ, וואָס ער האָט זיך איינ-געשאַפט אין דער נאַכט, ווען ברוך איז געקומען צולויפען מיט דער דעפּעשע אין האַנד איהם אָנצוזאָגען די גוטע בשורה...

אַ שוואַך האַרץ און נאָך עפּעס.

אַ שם פאַר אַ מזל'דיגען.

פון דענסטמאָלט אָן האָט מען אין שטאָדט געגלויבט, אַז נחמן איז אַ מזל'דיגער. ער האָט אַ „גוטע האַנד". ער בעדאַרף זיך נאָר צוריהרען צו עפּעס, ווערט עס באַלד מיט גאָלד צוגלייך. ער האָט אַ גוטע האַנד, אַ גוט אויג. מיט איין וואָרט, אַ מזל'דיגער. אַ מענש, וואָס האָט געוואונען די „פינף און זיבעציג".

אָפטמאָל, ווען נחמן געהט אַ פערזאָרגטער איבער דעם

מאַרק פון שטעדטעל, פאַרנאַכט אין בית-המדרש אַריין צו מנחה-מעריב, דערפיהלט ער מיטאמאָל, אַז עס רייבט זיך ווער אָן אין זיין קאַפּאָטע. נחמן קוקט זיך אום און דערזעהט אַ יודענע אין אַ פאַטשיילע, וואָס קומט אַרויס פון מקוה-געסעל... די יודענע אונטער דער פאַטשיילע זאָגט אַרויס מיט אַ פאַר-שעהמט קול:

— זייט מוחל ר׳ נחמן, איהר זענט דאָך אַ מזל׳דיגער.

ווערט נחמן פערשעהמט, ווי די יודענע, און געהט ווייטער אין בית-מדרש-געסעל אַריין...

וואו עס איז דאָ אַ קראַנקער אין שטאָדט, איבער וועלכען מען האָט שוין אַלע שפּרוכען אָבגעזאָגט, תהלים אין שוהל, דאָס בית-הקברות אויסגעמאָסטען, משנה שם געווען, און דער פעלדשער האָט אַלע באַנקעס און פּיאַווקעס שוין אויסגעשטעלט און עס האָט גאָרנישט געהאָלפען — ברענגט מען צו שלעפען צו איהם דעם מזל׳דיגען. אפשר וועט נחמן העלפען מיט זיין „מזל״. אויף אַלע חתונות מוז ער זיין. אַז ער איז אויף אַ חתונה — זאָגט מען — איז דער זיוג אַ מזל׳דיגער. און ווער שמועסט נאָך ביי טעלער-ברעכען. קיין תנאים געהט נישט אַדורך אין שטאָדט, וואו נחמן זאָל נישט עסען קיין לעקעך. עס האָט זיך שוין געמאַכט אַמאָל אַ תנאים אין שטאָדט, ביי וועלכע נחמן איז נישט געווען (פּונקט גע-ווען אַוועקגעשלעפּט צו אַ קראַנקען), איז טאַקע דער שדוך אָבגעגאַנגען.

נאָר פאַרוואָס נחמן איז יאָ אַ גרויסע „סגולה״, איז עס פאַר געווינערינס.

מען זאָגט: אַזוי ווי מיט דער האַנד אָבגענומען. אַזוי ווי ער בעוויזט זיך נאָר ביים בעט פון דער געווינערין, קומט דאָס קינד אַליין אויף דער וועלט...

לאָזט מען איהם טאַקי נישט צורוה.

אָפטמאָל מאַכט זיך, אַז דער יוד זיצט אין זיין קרעטעל אַ פערזאָרגטער, אַ פער׳דאגה׳טער וועגען אַ וועקסעל,

וואָס ער האָט צו בעצאָהלען, בעווייזט זיך אַ יודענע אין דער טיר פון געוועלבעל מיט אַ געוויין:

— נחמן-קרוין, קומט אַריבער צו מיין שנור, שוין דעם צווייטען טאָג, ווי זי פּייניגט זיך, ליגט אין אַנגסטען און קען זיך נעבעך נישט העלפען.

— און וואָס וועל איך איהר העלפען? וואָס בין איך אַ הויבען?

— געב נאָר אַ קוק, עס קאָסט איהם טייערער, וואָס אַרט עס איהם, אַז ער וועט אַריבערגעהן? ער וועט עפּעס דערצו צולעגען? — אַז גאָט האָט איהם דאָך בעשאָנקען מיט מזל.

נעהמט נחמן דעם שטעקען (וואָס קען ער זיך העלפען?) און געהט אַריבער צו דער געווינערין. נעהמט מען נחמנ'נען און מען שליסט איהם איין אין אַ נעבען-צימער, מען שטעלט איהם אַריין לעקעך און בראָנפען — און מען לאָזט איהם זיצען. געהט אַדורך אַ שעה, צוויי, עס רוקט שוין אָן דער פּאַרנאַכט, נחמן וויל אַהיימגעהן. אין דער היים וואַרט דאָס ווייב מיט זיין הויזגעזונד. קלאַפּט ער אָן דורך דער טיר:

— וואָס, נאָך נישט?

— נאָך אַביסעל, נחמן לעבען, נאָך אַ ווײלע. אָט באַלד, באַלד וועט גאָט העלפען. — ענטפערט מען איהם אָב פון דער צווייטער טיר.

ברענגט מען נחמנ'ען וויעטשערע פון דער היים, און מען שטעלט איהם אין דער „וואַך" אַריין. — עסט ער אָב אַליין. וואָס קען ער זיך העלפען, אַז גאָט האָט איהם בעשאָנקען מיט מזל.

ווערט שפּעט, מען בעדאַרף שוין באַלד שלאָפען געהן, נחמן איז מיד פון טראָגען דעם „מזל" אויף זיך אַ גאַנצען טאָג — קלאַפּט ער ווידער אָן אין דער טיר.

— וואָס, חיה-רייצע, נאָך נישט?..

— נחמן לעבען, וואָס זאָל מען טהון, אַז איהר זענט

דאָך אַ בר-מזל, און מען בעדאַרף אייער הילף. — גאָט וועט באַלד העלפען. בעט מען זיך ביי איהם דורך דער טיר. אויפצועפענען האָט מען מורא, אַז דער יוד זאָל נישט אַ הויימלויפען.

וואַרפט מען איהם אַריין אַ קישען, ציהט ער זיך אויס אויף אַ שטוהל און זיצט פערשלאָסען אַ גאַנצע נאַכט און וואַרט אָב, אַז זיין מזל זאָל העלפען. די געווינערין זאָל ברענגען דאָס קינד אויף דער וועלט...

און אַז גאָט העלפט און די קימפעטאָרין געווינט דאָס קינד, לאָזט מען ערשט נחמנ׳ען אַרויס פון זיין תפיסה.

— זעהט איהר, האָט איהר דאָך טאַקע געהאָלפען, גאָט צוערשט און אייער „מזל" דערנאָך.

— געוואַלד, וואָס האָט איהר צו מיר? -- שוין, שוין אויס מזל, איך בין דער זעלבער דלפון, וואָס פריהער — בייזערט זיך דער נישט-אויסגעשלאָפענער יוד. בייזערען ביי-זערט ער זיך נישט. — נחמן קאָן זיך בטבע נישט בייזערען, נאָר ער זאָגט מיט אַ בעטענדיגער געבראָכענער שטימע...

— שוין, שוין אויס מזל־דיגער. — מיין מזל — אויף אַלע מיינע שונאים...

האַלט זיך דער יוד אונטער מיט דער האַנד ביי זיין שוואַך האַרץ, — דאָס איינציגע, וואָס איז איהם איבערגע-בליבען פון געווינס, — און געהט אַ היים זיך אויסשלאָפען...

אַ גאַסט פֿון יענער וועלט

(הומאָרעסקע)

אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, האָט זיך פֿערלאָפֿען מיט דעם יודען פֿאָלגענדע פֿאַסירונג. דער יוד איז אויף עפּעס וואָס קראַנק געווען, אויף וואָס מען געדענקט שוין אַליין נישט. זעהר קראַנק געווען, אַזוי, אַז מען האָט געמיינט, אַז ער עקט זיך שוין חלילה. האָט מען געשיקט נאָך שלמה'ן דעם אָבהייבער פֿון דער חברה קדישא. האָט שלמה געזעהן, אַז עס האַלט שמאָל, האָט ער געהייסען ליכט-אָנצינדען און האָט אָנגעהויבען צו זאָגען איבער איהם דאָס ריכטיגע. דאָס ווייב האָט זיך געשלאָגען קאָפּ אין דער וואנד און די קינדער האָבען געמאַכט געוואַלדען און יללות, אַז אַ האַלבע שטאָדט איז זיך געקומען צונויפגעלאָפען און שוואַרץ געמאַכט די גאַס פֿאַר'ן פֿענסטער. אַז מען האָט שוין איבער איהם אַלץ אָבגעזאָגט, וואָס מען בעדאַרף, האָט שלמה צוגעלעגט אַ פֿעדער פֿון אַ גאַנז צו זיין נאָז – האָט ער זיך שוין מעהר נישט געריהרט. האָט שלמה איהם פֿערמאַכט די הייטלעך איבער די אויגען און איהם איבערגעדעקט, מען האָט שוין געמיינט, אַז אַלעס איז אויס. ערשט ווען שלמה מיט נאָך אַ יודען זענען איהם געגאַנגען אָבהייבען אויף די פּאָר שטרויען, וואָס מען האָט אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע פֿאַר איהם, האָט דער יוד' געגעבען אַ ניס אָב. קאָן מען זיך דאָך פֿאָרשטעלען, וואס דאָרט האָט זיך אָבגעטהון. זענען אַלע ארויסגעלאָפען פנ

שטוב פאַר שרעק, אפילו שלמה אַליין, וואָס האָט דאָך אַלע טויטע אָבגעהויבען און איז אַרומגעגאַנגען מיט געשטאָרבענע מעהר ווי מיט לעבעדיגע. — אפילו ער אַליין אויך. אַזאַ מעשה האָט זיך נאָך נישט געטראָפען. אַז מען איז אַריינגעקומען צוריק אין שטוב אַריין, האָט מען געטראָפען דעם יודען זי־צען אויף די פאַר שטרויען, וואָס זענען שוין פאַר איהם גע־ווען אויסגעשפרייט. אַרומקוקענדיג זיך מיט שוואַכע קוים גע־עפענטע אויגען אויף דעם ליכט, וואָס האָט געברענט פאַר איהם צוקאָפּענס, האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַך קול:

— שרה, אַביסעלע האָבערגריץ.

דערנאָך, אַז דער יוד איז גנעזען געוואָרען און מען האָט איהם דערצעהלט, וואָס עס האָט זיך געהאַט געטראָפען מיט איהם, האָט ער זיך טאַקי דערמאָהנט, אַז ער איז שוין אין הימעל געווען און דער מלאך דומה איז געקומען צו אים אין האָט אים געפרעגט: מה שמך? ווי הייסטו, ר׳ פעטער? און האָט איהם שוין געוואָלט געבען א כאַפּ ביי דער לאַץ: קום מיט מיר! האָט זיך אַריינגעמישט אַנ׳אַנדערער מלאך, וואָס איז געשטאַנען דערביי און האָט געהאַט זעהר אַ גוט פנים מיט ווייסע פליגלען. דערפון האָט ברוך משה (אַזוי האָט ער גע־הייסען דער יוד, וועגען וועלכען מיר פערצעהלען) געדרונגען, אז דאָס האָט געמוזט זיין דער גוטער מלאך גבריאל. האָט זיך דער מלאך גבריאל אָנגערופען: שאַ, כאַפּ נישט, מיר וועלען נאָך זעהען, צו ווע̇מען ער בעלאַנגט, צוערשט בעדאַרף זיין אַ משפט. אַ משפט בעדאַרף זיין פאַר׳ן רבונו של עולם. און פון דערווייטענס, אין אַ וואָלקען איינגעהילט, זענען געשטאַנען לייט אין תכריכים, אין טליתים איינגעוויקעלטע און האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ צום גוטען מלאך גבריאל.

— דאָס האָבען געמוזט זיין — האָט ער צוגעגעבען — מיינע „זכות אָבות״, וועלכע זענען מיר אַקעגען געקומען, וואָרום אַז איך בין זיך נישט טועה, האָב איך געזעהען צווי־שען זיי מיין טאַטען עליו השלום מיט מיין זיידען ר׳ חנא, וואָס איז געווען אַ גרויסער צדיק, און איינער פון זיי, מיין

טאַטע ע"ה, דאַכט זיך, האָט שוין אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנד אויף שלום עליכם. נאָר גוט געדענקען געדענק איך נישט – האָט ברוך משה פּערענדיגט זיינע רייד — מחמת עס האָט מיר ווער אַ שנעל אין נאָז געגעבען און געזאָגט: ברוך משה, מען בעדאַרף דיך נאָך דאָ נישט האָבען! און איך האָב די אויגען אויפגעעפענט.

אַזוי האָט דער יוד דערצעהלט, און צוגעלעגט ווי פאַר זיך:

— בין איך דאָך שוין, הייסט עס, געוועזן אויף דער צווייטער וועלט. אָוואַ! האָט מען אָנגעהויבען פאַר דעם יוד גרויס דרך ארץ צו קריגען און אַביסעלע מוראָ צו האָבען אויך. אַ מענש וואָס איז שוין געוועזן אויף יענער וועלט! אַז מען האָט געקאָנט, האָט מען איהם אויסגעמיטען. אַז מען האָט איהם געטראָפען אויף איין זייט גאַס, איז מען אַריבער־געגאַנגען אויף דער צווייטער זייט. און אַז מען האָט איהם שוין נישט געקאָנט אויסמיידען, – האָט מען זיך געאיילט איהם צו זאָגען „גוט מאָרגען", ווי מען וואָלט חלילה מורא געהאַט איהם צו דערצערנען. מען פלעגט זיך אונטערשמייכלען צו איהם. אָפּגעכאַפּט דעם „גוט מאָרגען", פאַר דרך ארץ וועגען און פאַר מורא, איז מען געשטאַנען אַ מינוט, און באַלד דערנאָך, אַז מען האָט נור געקאָנט, האָט מען זיך אַרויסגע־מאַכט...

ברוך מרדכי האָט געזעהען, אַז מען מיידט איהם אויס, אַז מען האָט מוראָ פאַר איהם, איז ער ביי זיך געוואָרען נאָך מעהר מורינו און מעהר תקיף. קוים האָט איהם ווער אויפ'ן שפּיץ פינגער אָנגעטרעטען, דאָס הייסט, נישט געגעבען איהם די עליה, וואָס עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז זי קומט איהם, נישט אָבגעטרעטען איהם דאָס אָרט אין דער מקוה, געשטעלט זיך אין זיינע ד' אמות אויפ'ן יאָהר־מאַרק, אויסגעדונגען איהם אַ זעקעל תבואָה אָדער אַ קערבעל קאַרטאָפּעל ביי אַ פויער, פלעגט ברוך מרדכי פערציהען שטאַרקער דעם גאַרטעל איבער זיין בויך, און זיך אָנגערופען:

— מיט מיר שפּיעלט מען זיך נישט: איך בין אַ מענש, וואָס איך בין שוין אויף יענער וועלט אויך געווען.

דערהערט דאָס וואָרט „יענער וועלט", פלעגט אַ שרעק און אַ פּחד אָנפאַלען אויף אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, און פערענטפערענדיג זיך מיט אַ מחילה'דיגער גרימאַסע, פלעגט מען זאָגען:

— איך האָב דען געמיינט עפּעס, חלילה? איך האָב דאָך גאָרנישט געמיינט — און מען פלעגט איהם געהן אויסען וועג.

איז ברוך געוואָרען אַ גאַנצער מחותן מיט „יענער וועלט", אַזוי ווי זי וואָלט געווען בעלאַנגען צו איהם אינגאַנצען.

ער האָט זי קיינעם נישט פערגינען. אַז ער האָט געהערט, אַז עס איז ווער געשטאָרבען, אַוועק אויף יענער וועלט, פלעגט ער זאָגען פלעגמאַטיש:

— שוין דאָרט געווען אויך, יענע וועלט שוין אויך געזעהן! און דערביי אַזוי פערקרימען מיט די ליפּען און אַזוי מיט ביטול געבען אַ מאַך מיט דער האַנד, אַזוי ווי די גאַנצע יענע וועלט וואָלט נישט ווערט געווען, מען זאָל איבער איהר אַ וואָרט פערלירען און ער ווייסט נישט וואָס מען מאַכט פון איהר אַזאַ צימעס.

און אַזוי ווי יענע וועלט איז געווען אַ מדינה, אין וועלכער ברוך מרדכי איז געווען אַ גאַנצער היימישער, פלעגט ער זיך אַוועקזעצען אין די זומער-פאַרנאַכטען אויף דער באַנק פאַר דער מקוה, ווינטער אין די אָווענדען ביים אויווען אין בית-המדרש, און דערצעהלען פון „יענער וועלט". ער האָט דאָרט געקענט יעדעס געסעל, מיט אַלעמען איז ער געווען היימיש. אויסגעבונדען מיט'ן „מלאך הדומה", מיט'ן מלאך גבריאל — מיט אַלעמען. און דערביי האָט ער דערצעהלט, ווי ער האָט זיי דאָרט אַריינגעשיט, וויפיל עס האָט נאָר געקענט אַריין אין זיי.

— איך — זאָגט ער — האָב נישט קיין מורא געהאַט

פאַר זיי, וואָרום אומעטום וואו מען קומט בעדאַרף מען נאָר האָבען אַ מויל צו רעדען, מען בעדאַרף זיך קענען אַדורכ־רעדען מיט אַ מענשען. דאָס איז דער עיקר.

און ברוך מרדכי האָט זיך געגעבען אַ שאַר אַרויף דאָס קליינע היטעל מיט'ן קליינעם דאַשעקעל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, אַ קראַטץ זיך געגעבען מיט די נעגעל אין דער פערפעדער־טער, פערשטויבטער באָרד אַריין, וואָס האָט געהאט אין זיך דעם גאַנצען שטויב פון מאַרק, און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צושפּילט און ער האָט אָנגעהויבן פערצעהלען פאַר'ן עולם אַזוי:

— אַלדאָס גוט געדאַכט, ווען שלמה האָט מיך שוין גע־האַט אָבגעהויבען, ליג איך מיר אַזוי און וואַרט, וואָס דאָ וועט זיין מיט מיר. קומט אָן יענער בחור, איהר ווייסט דאָך שוין ווער'מען איך מיין, מיט דעם גרייטען „מה שמך”? — און קוים ענטפער איך איהם נישט אָב באַלד, גיט ער מיך דאָך אַ כאַפּ פאַר דער לאַץ און אַ זאָג: קום מיט מיר! מיינט איהר דאָך, אַז איך האָב עפּעס מורא געהאַט פאַר איהם! איך האָב זיך עפּעס געשראָקען פאַר איהם? אסור! „העי נאַר”, זאָג איך צו איהם, דו ביזט דיר טאַקע אַ מלאך דומה, און דיין עובדה איז, צו פרעגען אַלע וואָס קומען דאָ אַריבער די גרעניץ — אויף אַ פּאַס. ווי מען קומט אין אַנ'אַנדערע מדינה אַריין. איך פערשטעה אַנ'עסק — זאָג איך, — מיר בעדאַרף מען נישט קיין פינגער אין מויל לייגען — זאָג איך, — נאָר צו שלעפּען האָסט דו נישט וואָס. וואָס מיינסט דו, אַז דאָ איז דיר יענע פערשאָלטענע וועלט, פון וואַנען איך קום? מיט סטראַשונקעס און זשאַנדאַרמען, וואָס אַ ליאַדע וואָס כאַפּט מען דיך אין ראָטהויז אַריין און מען זעצט דיך אין קאָזע אַריין. דאָ איז דער עולם האמת — זאָג איך, — דאָ איז נישט כאַפּ־לאַפּ. אַלעס געהט דאָ צו מיט אַ סדר און מיט אַ יושר? און מיט רעכטפערטיגקייט, אַזוי ווי עס שטעהט און „קו הישר”, מיך — זאָג איך, — וועסט נישט איבערשרעקען. איך קען די „פּראַוועס” — זאָג איך. — און טאָמער הויבסטו דאָ אָן מאַ־

בצן מיט מיר עפּעס לינקע געשעפטען, געה איך גלייך פאַר׳ן כסא כבוד און איך וועל דיך פערקלאָגען. איך גיב גלייך אָן אויף דיר. וואָרום איך בין עפּ׳ס אַ שטיקעל יחוס אויך. איך בין אברהם אבינו׳ס אַנ׳אייניקעל, אַ גע׳מל׳טער. און משה האָט מיט מיר אויך געלערנט די הייליגע תורה אויפ׳ן באַרג סיני. איך האָב — זאָג איך — אַ צד אין טיש. אַז דו האָסט עפּעס צו מיר, ווייז אַ „פּאָוויעסטקע”. וואָרום וואָס האָב איך מורא געהאַט פאַר איהם? — אַז קיין היהנער געפרעגעלט אין פּוטער האָב איך נישט געגעסען — און מיט קיין פּרות׳טעס בין איך נישט אַרומגעגאַנגען אין די סאַלאָנען טאַנצען — אַז מען ווייסט אַז מען איז כשר — רעדט מען דאָך גאַנץ אַנ־דערש. און אַרום שטעהען די „זכות אבות” אין די ווייסע תכריכים מיט די טליתים איינגעהילט, און שאָקלען צו מיט די קעפּ אויף מיר: אָט אַזוי משה ברוך — לאָז דיך נישט, גיב איהם!

— מיינט איהר, אַז ער האָט זיך נישט דערשראָקען פאַר מיר, דער מלאך הדומה? געהערט רייד — ווערט ער ווייכער. און ער זאָגט צו מיר: משה ברוך, איך שלעפּ דיך דען? — איך שלעפּ דיך נישט. — איך פאָדער דיך נאָר אויף צום משפּט. צו אַ דין תורה פאַר׳ן כסא הכבוד.

— פאַר אַ משפּט — זאָג איך, — האָב איך אויך נישט קיין מורא, אַז איך ווייס, אַז איך בין כשר... ווען מיר געהן — זאָג איך — איך קען, זאָג איך, מיט׳ן רבונו של עולם אויך האָבען אַ דין תורה. איך האָב נישט קיין מורא. קיין לעקעכלעך האָב איך נישט גענאַשט אויף דער וועלט. שווער געהאָרעוועט. ביטער געהאָרעוועט. זומער, זאָג איך, אָבגעברענט געוואָרען פון היץ, און ווינטער געפרוירען גע־וואָרען פון קעלט, און קיין קאַרטאָפלעס צו זאט נישט געגע־סען — און קינדערלעך אין חדר געהאַלטען. איך וועל איהם ווייזען, דעם רבונו של עולם, זאָג איך, מיינע אָבגעקלאַפּטע פּלייצעס פון די זעק, וואָס כ׳האָב געטראָגען איבער די דער־פ־ר. איך וו־ל איהם ווייזען, דעם רבונו של עולם, זאָג איך,

מיינע אונטערגעהאַקטע זייטען — וואָס די סטראַזשניקעס האָבען מיר געמאַכט, ווען זיי האָבען מיך געכאַפּט האַנדלען אָהן אַ פּאַטענט... — וועט מען מיך נאָך דאָ אויך שלאָגען? געבוג מיך שוין געשלאָגען אויף יענער וועלט, — זאָג איך. — איך וועל עס איהם זאָגען, דעם רבונו של עולם. וואָס האָב איך מורא? מיין פּעקעל דאַוונען מיט תהלים זאָגען האָב איך מיטגעבראַכט מיט מיר. — אָט דאָ האָב איך עס אונטער׳ן אָרעם. —

— מיינט איהר, אַז זיי האָבען זיך נישט דערשראָקען פאַר מיר, אַלע, די גאַנצע פמליא של מעלה? געהערט אַזעלכע רייד, ווערט שאַ, שטיל. וואָרום אַ מויל דאַרף מען האָבען, וואו מען קומט בעדאַרף מען אַ מויל האָבען, אַפילו אויף יענער וועלט.

געהערט מיינע גערעכטע רייד, קומט צו מיר צו געהן דער גוטער מלאך גבריאל און גיט מיר אַ שנעל איבער דער נאָז, און זאָגט צו מיר, אין אַ געלעכטער זאָגט ער צו מיר:

— ברוך משה, קאָנסט דיר צוריק אַהיימגעהן צו דיין ווייב און קינד — קאָנסט דיר צוריקגעהן. מען בעדאַרף דיך נאָך נישט דאָ האָבען. נעם איך אַראָב דאָס היטעל, און גיב זיך אַ פערנייג און איך זאָג דזשענקויע (אַ דאַנק), וואָרים אַ חזיר בעדאַרף מען סיי ווי סיי נישט זיין — און געה מיר מיין וועג...

שפּעטער מיט יאָהרען, ווען ברוך משה איז שוין טאַקע מיט אַנ׳אמת געשטאָרבען, איז דער יוד אָבגעלעגען דריי טעג און דריי נעכט אויפ׳ן טויטען בעט. און מען האָט מורא געהאַט צוצוריהרען זיך צו איהם. וואָרום ווער ווייסט! אפשר האָט זיך ברוך משה ווידער אַוועקגעשטעלט אויס׳טענה׳ן פאַר דער פמליא של מעלה און מען וועט איהם באַלד צוריקשיקען: „ביע גאָדיען״ — וואָרום אַ מויל צו רעדען האָט ער דאָך

דרייסיג יאָהר און אַ טאָג

פאַרטאָג. אין טוי-דורכגעווייקטען גראָז טרעטען פיס. צוליב דער פייכטקייט הערט מען זיי נישט, נאָר אַ ווייך שאָרכען פון אַ קלייד אויף די נאַסע גרעזער, וואָס בויגען זיך צו דער ערד אונטער דעם לאַסט פון די טראָפּענס וואַסער, וואָס הענגען אויף זיי.

די ערד איז נאָך פינסטער, זעהט מען נישט ווער דאָס איז. א סילועטקע פון א געשטאַלט פאַרווישט צווישען פיעל שאָטענס. אין אַ ווינקעל פון ים-הימעל צינדט זיך אונטער אַ רויטער באַלעם, וואָס ווערט באַלד פאַרטרונקען אין וועלען פון וואָלקענס. עס הויבט אָן צו גרויען אַשעדיג. פון פאַרפלאָסענעם חלבל הויבען אָן בולט'ער אַרויסצוטיילען זיך, ווי איבערראַשענדע ערשיינונגען, רויטע דעכער, רויטע ציגעל. ווענט פון הייזלעך. די שטאָדט איבערגעלאָזט פון הינטען. און אַ רויטע ספּאָדניצע, פייכט פון נאַסקייט, פאַלדעוועט זיך איין צווישען די פיס פון אַ ווייב אין האַסטיגען גאַנג...

אויף די הענד, הינטער'ן רויען שאַל דאָרט נאָהענט צום לייב, אין עפּעס וואָס באַהאַלטען, וואָס קיינער ווייסט נישט, נאָר זי אַליין...

וואָס רויער עס ווערט דער ניי-געבאָרענער טאָג, וואָס מעהר ענטפּלעקט עס ווערט פאַר דעם שיין דאָס לויפענדע ווייב, אַלץ שוואַכער ווערען איהרע פיס. אַפּנים פון אַן אָפּגעהעשעטען מענשען, דערשראָקענע אויגען און אַ וועהטאָג-

שרייענדיג מויל. קוקט זיך מיט שרעק אום ביי יעדער טריט אויף די הייזלעך, וואָס זי האָט געלאָזט הינטער זיך.

און פּלוצים אַנטפּלעקט זיך אין הויכע בעזעמלעך אויסגעבעט אַ רוהיגער שטאָלענער רוקען פון אַ שיפּערדיגען טייך, שלאָגט זיך אָפּ פון די וואָלקען פרייגעגעבענע זון.

דאָס ווייב בלייבט שטעהן. נאָר אויף אַ מינוט. באַלד קריכט זי צווישען די הויכע, באַוואַקסענע בעזימלעך, ביז זי ווערט אין די העלפט פאַרשטעלט. דרעפּטשעט, דרעפּטשעט צווישען די הויכע באַוואַקסענע בעזימלעך, ביז איהרע נאַקעטע פיס ריהרען אָהן דעם זוים פון טייך.

עס קומט די שרעק און צינדט אונטער איהר האַרץ. דאָס גאַנצע לייב ווערט צוגעקלעפּט צום פייכטען העמד מיט אַנגסטען פון שרעק. און ווידער שניידען זיך די פיס אונטער איהר לייב און זי לאָזט זיך אַראָפּ צום זוים פון טייך און ווערט איינגאַנצען פאַרהילט צווישען די בעזימלעך פון ברעג און אָפּגעמעקט פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

דענסטמאָל ענטפּלעקט זיך פון הינטערן שאַל אויף איהרע נאַקעטע הענד אַרויט, לעבעדיג, נאַקעט קינדישעס לייב פון אַ טאָג די אַלט. זי נעמט אַוועק די אויגען דערפון, זי וויל עס צודריקען צו דער נאַקעטע ברוסט און קען נישט. האַלט זי עס אויף דער פלאַכער האַנד. יעדען ,אויגענבליק קען זיך עס אַראָבגליטשען פון דער פלאכער האַנד, אַריינפאַלען אין וואַסער אַריין. זאָל זי עס? זאָל זי עס נישט? זי זיצט פערשטיינערט אונטער איהרע אונטערגעשניטענע פיס. די אויגען מיט׳ן קאָפּ אַוועקגעדרעהט אין אַ זייט. דאָס האַרץ שטעהט שטיל, די אַנגסטען קלעפּען אויפ׳ן לייב. און דאָס נאַקעטע קינד צאַפּעלט זיך אויף איהרע נאַקעטע הענד. אַזוי זיצט זי אַ מינוט, צי אַ שעה. ווער קאָן מעסטען די צייט? ביז מיט אַמאָל גיט זי אַ קלאַמער דאָס נאַקעטע, צאַפּעלדיגע קינד צו איהר נאַקעטער ברוסט, הילט די ברוסט מיט׳ן קינד אין טוך איין. און מיט אַ מאָל דערפיהלט זי קעלט אין איהר לייב און בח אין איהרע פיס. הויבט זי זיך אויף פון איהר געזעס

צווישען די הויכע צווייגען-בלעטער און געהט צוריק מיט אַ בעהאַלטענעם וועג אין שטאָדט אַריין.

איהר האַרץ קלאַפּט שוין נישט מעהר. די פּיס שניידען זיך שוין נישט אונטער איהר, און איהר לייב איז שוין נישט מיט אַנגסטען בעקליידעט. צו איהר נאַקעטער ברוסט קלעפּט זיך יעצט אַ נאַקעט צאַפּעלדיג קינדער-לייב...

מיט דרייסיג יאָהר און אַ טאָג שפּעטער, אין אַזאַ פריי-הען, גראָהען מאָרגען, צווישען די נאַסע גרעזער געהט אַ יונגערמאַן פון דרייסיג יאָהר מיט אַ טאָג אַלט. געהט, ווי זיין מוטער, שכור׳לעך, נור זיין שטאַרקער קערפּער שאָטעלט זיך אַהין און צוריק, די פּיס שניידען זיך אונטער איהם. קיין אַניסט באַדעקט נישט זיין לייב, און ער קוקט זיך נישטאום ווי אַמאָל זיין מוטער מיט שרעק, צו די רויטע שטאָדט-דעכער ער געהט מיט פעסטע טריט, מיט אַ געדאַנק אין קאָפּ און מיט אַ קללה אויף די ליפּען. זיינע שטאַרקע פּיס טרעטען אומ׳רחמנות׳דיג די אונטערטעניגע בעפייכטע גרעזער, וואָס האָבען אין די ערשטע זונען-שטראַהלען אָנגעהויבען אויפצו-ריכטען זיך פון דער ערד. זיינע שטאַרקע אָרעמס פּעכטען זיך אויס אַ וועג צווישען די הויך בעוואַקסענע בעזים-ריטער פון ברעג. און ווען זיינע אויגען דערזעהן די געגליווערטע מע-טאַלענע טייך-וועלען, הויבט ער זיין פויסט אויף געגען הימעל און געגען דער ערד און מיט אַ קללה אויף זיין מוי-טער, דערפאַר וואָס זי האָט עס נישט געטון, גיט ער אַ שפּרונג אין טייך אַריין, דאָס וואַסער גיט אַ שפּריץ, אַ געשריי— און באַלד דעקען די מעטאַלענע פערגליווערטע טייך-וועלען צו דרייסיג יאָהר לעבען מיט איין טאָג.

געגענאיבער דער ברייט-אויפגעהענדער זון שטראַהלט זיך דער רוקען פון טייך מיט זיינע געקעסטעלטע שיפּען, וואָס דאָס פרישע ווינטעל מאַכט אויף זיין אויבערדעק...

יאָסקע שמש

(אַ היסטאָרישע געשטאַלט פון מיטעלאַלטער)

אין דער אַלטער הייליגער שטאָדט וואָרמס האָט מיט דורות צוריק געלעבט אַ יוד, וואָס מען האָט איהם גערופען יאָסקע שמש. זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען דער אַלטער פרומער יוסף, נאָך יוסף הצדיק, און שמש איז ער געווען אין דער הייליגער שוהל פון וואָרמס, וועגען וועלכער מיר האָבען אַ מסורה, אַז זי שטעהט נאָך פון די צייטען פון בית-המקדש אָן. נאָר דאָס האָבען די קינדער פון וואָרמס איהם פערצויגען דעם נאָמען, דערפאַר ווייל ער איז געווען זעהר צוגעלאָזען צו זיי. יעדען פריהמאָרגען פלעגט יאָסקע אַרומגעהן אין די יודישע הייזער און צונויפזאַמלען די קינדער און זיי אָבפיהרען אין די חדרים אַריין מיט שעהנע געזאַנגען פון קאַפּיטלען תהלים, און יעדען פאַרנאַכט פלעגט ער זיי צונויפנעמען פון די חדרים און אַ היים-פיהרען צו זייערע מוטערס אין די שטובען אַריין, מיט די זעלבע תהלות ותשבחות.

אין דער וואָרמסער שוהל, נעבען דעם איינגאַנג, שטעהען צוויי גרויסע צדקה-פושקעס, איינגעמויערט אין צוויי מאַרמאָרנע זיילען, וועגען וועלכע מען זאָגט, אַז דאָס האָבען די יודען פון ארץ-ישראל, אין די צייטען, ווען דאָס בית-המקדש איז נאָך געשטאַנען, אַריינגעשיקט פון הייליגען לאַנד די צוויי צדקה-פושקעס אין דער וואָרמסער שול, כדי מען זאָל אין זיי זאַמלען געלד פאַר׳ן בית-המקדש. צווישען די צוויי שטיינער-צדקה-פושקעס פלעגט יאָסקע בין מנחה למעריב צונויפנעמען די קינדער און זיי פערצעהלען מעשיות. די נסים, וואָס די אַלטע קהלה

ווארמס האט איבערגעלעבט דורך די אלע יאָהרען פון איהר גרויען אַלטער, ווי אין יעדען דור און דור זענען אויפגעשטאַנען רשעים זי איינצושלינגען, און גאָט האָט יעדעס מאָל בעוויזען אַ נס און אָבגעראַטעוועט די הייליגע קהלה פון וואָרמס פון אונטער־געהן. ער האָט זיי דערצעהלט די מעשה פון די צוויי גענז וואָס די שעפער־יונגען האָבען מיטגעפיהרט מיט זיך, ווען זיי האָבען זיך געלאָזט נאָך ירושלים צו בעפרייען דעם קבר פון זייער משיח, און האָבען פערלענדט אַלע יודישע קהילות, וואָס זיי האָבען אָנ־געטראָפען אויף זייער וועג. דורך די צוויי געגז האָבען זיי געקאָנט וויסען די בעהעלטענישען, אין וועלכע יודען האָבען זיך אויס־בעהאַלטען פון זייערע הענד, ווייל די צוויי געגז זענען געווען בעשוואוירען פון אַ כשוף־מאַכער מיט כשוף, און ווען די שעפערס זענען אריינגעקומען אין אַ שטאָדט, האָבען זיי אַרויסגעלאָזט פליהען די צוויי געגז, און אויף וועלכען דאַך די געגז האָבען זיך אָבגעשטעלט, דאָרט, האָבען זיי געוואוסט, זענען יודען בעהאַלטען. אין דער שטאָדט מאינץ האָבען זיך די געגז אָבגעשטעלט אויפ׳ן דאַך פון זייער קירכע, דעם דאָם. וואָרום דער ביסקופ פון מאינץ האָט פאַר גרויס אויסלייז־געלד אויסבעהאַלטען די יודען אין די קעלערס פון מאינצער דאָם.

אין די טרויעריגע פאַרנאַכטען פלעגט ער זיי אויך דער־צעהלען די מעשה פון דעם ארון פון דעם בעריהמטען צדיק מר אַמרון, וואָס איז געקומען צו שווימען אויפ׳ן רהיין אין אַ שיפעל צו קעלן־צו. די גויים האָבען געוואָלט דעם ארון אַרויסציהען פון וואַסער, כדי מקבר צו זיין אין זייערע קירכעס — האָבען זיי נישט געקאָנט, ווייל דער ארון איז זעהר שווער געוואָרען. נאָר די יודען האָבען דעם ארון לייכט געקאָנט אַרויסציהען, ווייל מר אמרון איז געווען פון דער שטאָדט קעלן און ביי דער פטירה האָט ער אָנגעזאָגט זיינע תלמידים, אז זיי זאָלען איהם ברענגען צו קבר־ישראל אין זיין געבורטס־שטאָדט, אין קעלן, און אז די תלמידים האָבען איהם געפרעגט: „רבי, ווי אַזוי וועלען מיר דאָס טהון? די וועגען זענען דאָך נישט זיכער און די גויים וועלען דאָך, חלילה, אייער הייליגען גוף פערשוועכען״ — האָט ער זיי

אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען דעם ארון מיט זיין קערפּער אַריינלעגען אין אַ שיפעל און דאָס שיפעל לאָזען שווימען איבער׳ן זייך רהיין, וועלען שוין די וועלען פון רהיין אַליין צוברענגען דעם ארון אין דער שטאָדט קעלן און ער וועט דאָרט בלייבען שטעהן. און אַזוי איז טאַקי געווען.

אָדער יאָסקע האָט זיי נאָך דערצעהלט די מעשה פונם יו־דישען פויפסט, צו וועמען דער פאָטער איז געקומען צו חלום; אָדער די מעשה פון דער הייליגער מוטער פון רש״י, וועלכע, בשעת זי איז געווען מעוברת מיט איהם, האָט זי אַ ריטער גע־וואָלט איבערדרייטען מיט זיין פערד — האָט זי זיך אָבגעשטעלט ביי אַ וואַנד, האָט זיך די וואנד אויסגעהוילען און אריינגענומען אין זיך און בעשיצט זי פון פערד׳ס טריט. און דער חלל אין דער וואַנד איז איבערגעבליבען פאַר אַ זכר ביז׳ן היינטיגען טאָג. און נאָך אַזעלכע מעשיות און נסים, וואָס שטעהן בעשר־בען אין זיין ספר „מעשה נסים״, וואָס יאָסקע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך.

אַזוי פלעגט יאָסקע דערצעהלען די קינדער יעדעס מאָל אַנ׳אַנדער מעשה, און ער האָט שוין אַזוי צוגעוואוינט די קינדער צו זיך, אַז זיי פלעגען פאָדערן ביי איהם די מעשיות יעדעס מאָל ווען זיי האָבען איהם געטראָפען. געזעהן איהם אין גאַס — פלע־גען איהם די קינדער נאָכלויפען און נאָכרופען: „יאָסקע, יאָסקע, דערצעהל אונז אַ מעשה״ — און פריהער איהם נישט אָבגעלאָזט, ביז יאָסקע האָט זיי נישט צוגעזאָגט, אַז היינט פאַרנאַכט, צווישען מנחה און מעריב, וועט ער זיי דערצעהלען אַ נייע מעשה. צווישען מנחה און מעריב האָבען שוין די קינדער געוואַרט אויף איהם, און קוים איז נאָר דער חזן אויסגעגאַנגען דאָס קדיש־זאָגע, אַזוי האָבען שוין יאָסקען געשלעפּט ביי דער פּאָלע, געצויגען איהם צו די צוויי עמודים פון די צדקה־פּושקעס און אַרומגעזעצט זיך אַרום איהם. און יאָסקע האָט שוין געהאַט אַזאַ נאַטור, אַז קוים האָט ער געזעהן די קינדער אַרום זיך מיט אָפענע אויגען און מיילער, פלעגט איהם באַלד קומען אויפ׳ זכרון אַ נס פון דער אַלטער שטאָדט וואָרמס, וואָס ער האָט עס אַמאָל געהערט אין זיין קינדהייט דערצעהלען פון דעם אַלטען דור, וואָס האָבען די

מעשיות אַליין איבערגעלעבט אויף זייער אייגען לייב, — וואָרום וואָרמס איז געווען אַן׳אַלטע קהלה און איז געווען געפּרובט מיט יסורים. און יאָסקע האָט געשילדערט און אויסגעמאָלט פאַר די קינדער די זאַכען און די געשעהענישען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געשטאַנען לעבעדיגע פאַר זיינע אויגען. יאָסקע האָט זיך אַזוי אַריינגעטהון אין דער מעשה, וואָס ער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט פערגעסען, ווער ער איז און וואָס ער איז, אַז ער איז דער שמש פון דער שוהל און ער וועט באַלד בעדאַרפען קלאַפּען אין שטענדער און רופען מעריב דאַוונען. יאָסקע געפינט זיך איינגעשלאָסען אין טורעם צוזאַמען מיט ר׳ מאיר פון ראָטענבערג; יאָסקע איז איינער פון די צוויי פרעמדע, וואָס קומען אין אַ עת-צרה אין שטאָדט אַריין און נעמען אויף די זינד און לאָזען זיך פערברענען לטובת הכלל; יאָסקע איז אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים; יאָסקע איז אויפן וועג קיין רוים צום פּויפּסט. בחנם רופט שוין דער פרנס מיט געבייזער: „יאָסקע, יאָסקע, צייט מעריב צו דאַוונען". דאָס איינציגע שנור-ליכטעל פאַר׳ן בעלעמער צאַנקט שוין, די אַלטע שוהל הילט זיך שוין אינגאַנצען איין אין די צוויי געדיכטע שאָטענס, וואָס עס וואַרפען פון זיך די צוויי גרויסע זיילען. צווישען די צוויי זיילען איז יאָסקע פערטונקען אינגאַנצען אין פינסטערניש. די קליינע קינדער-אויגען בלישטשען ווי שוואַרצע פערלדיגע שטערען אַרום איהם, און יאָסקע שוועבט ערגעץ-וואו אין אַנדערע וועלטען, און די קליינע קינדער נאָך איהם...

נישט שטענדיג איז יאָסקע פערטהון אין פאַנטאַסטישע מעשיות. נאָך מעריב, ווען יאָסקע קומט אַהיים, נאָכדעם ווי ער האָט מיט שווערע שליסלען שוין פערשלאָסען די שווערע טירען פון דער שוהל, נעהמט יאָסקע דאָס טעפעל גריץ, וואָס קאָכט זיך אויף דעם דרייפוס און קריכט אַראָב אין קעלערס, קלעטערט אויף בוידעמס. ער ווייסט שוין, וואו עס בעהאַלט זיך אויס אַ פרעמדער אורח, וועלכער האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אין גהעטאָ אַריין און בעהאַלט זיך אויס פאַר׳ן פרנס מיט די פני, אָדער ער טראָגט עס אַרויף אויפ׳ן שוהל-בוידעם, וואו עס האלט זיך אויף אַן׳איינזאַמער פערבאָרגענער חולה, וואָס דער פרנס האָט אָבגעשלאָסען,

כדי די שטאָדט זאָל נישט געוואָהר ווערען, אַז עס געהט חלילה אום אין דער גהעטאָ אַ קראַנקהייט און די גאַנצע קהלה פון שטאָדט אַרויסיאָגען.

איינמאָל האָט אין וואָרמס געטראָפען, אַז אַ שרעקליכער עפּוש האָט פערכאַפּט די גאַנצע גהעטאָ. עס איז נישט געווען קיין קראַנקער. מענשען, וועלכע זענען בייטאָג אַרומגעגאַנגען אין גאַס, האָט מען אויפדערנאַכט געפונען געשוואָלענע אין די בעטען. אַ פּחד אין אַ אימה האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וואָרמסער קהלה. מען האָט זיך געשראָקען צו בעגעגענען איינער מיט'ן אַנדערען. די שטאָדט האָט אָבגעשלאָסען די גהעטאָ אויף זיעבען שלעסער, בעוואַכט אלע טויערען מיט היטער, און מיט שטראָף פון טויט בעשטראָפט יעדען פערזוך אַרויסצוקריגען זיך פון די טויערען פון דער גהעטאָ. אויף די גהעטאָ-טורעמס האָבען אויסזעהער מיט האָרן-טראָמפּייטען אויפגעלאַרעמט די איינוואוינער פון שטאָדט, ווען עס האָט נאָר ווער פון די אָבגעשלאָסענע יודען געוואָגט צו דערנעהנטערען זיך צו די גהעטאָ-טויערען, כדי אַרויסצוקריגען זיך פון דער פער'עיפּוש'טער גהעטאָ — פּונקט אַזוי ווי אַ געפעהרלי-כער שונא וואָלט זיך צו דער שטאָדט גענעהנטערט זי צו בע-לאַגערן.

אינעווייניג, הינטער די מויערן פון דער גהעטאָ, האָט דער טויט אונגעשטערט געטהון זיין פערדערבליך ווערק, נישט אויס-מיידענדיג קיין שטוב און קיין משפחה. די רבנים האָבען פאַר סכנה-וועגען אָבגעשלאָסען די גרויסע שוהל און פערוועהרט צו דאַווענען בציבור, כדי יודען זאָלען זיך נישט צוזאַמענקומען אויף איין אָרט און איינער זאָל נישט אָנשטעקען דעם אַנדערען. אַ חוץ דעם איסור וואָלט מען זיך סיי-ווי-סיי נישט צוזאַמענגעקומען. דאָס לעבען איז איינגאַנצען אָבגעשטאָרבען אין דער גהעטאָ. יעדער האָט זיך פערמאַכט אין זיין אייגענער שטוב און געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט אין קאַמער אָנגעגרייט פון פריהער. אַזוי איז מען געזעסן איינגעמויערט אין די שטובען וואָכען-לאַנג, חדשים-לאַנג, ביז דער עיפּוש האָט זיך איינגעשטילט, נישט גע-וואַגט אַרויסצוגעהן איבער דער שוועל פון דער טהיר. די טויטע

האָבען די אייגענע אין דער שטיל ביינאַכט אויפ'ן בית־החיים גע־ברענגט, און דאָרט האָט זיי די חברה־קדישא, אָהן זייער רעכטס צו טהון, מקבר געוועזן אין ברידער־קברים. דער איינציגער, וועל־כער האָט זיך ארויסגעוואַגט אין אַזאַ צייט פון זיער טהיר פון זיין קליין הייזעל — איז געווען יאָסקע שמש. מעהר ווי אַנ'אַנ־דערש מאָל איז דער רויך זיך צוגאַנגען איבער דער שטוב פון דעם דרייפוס, אויף וועלכען עס האָבען זיך איצט געקאָכט פולע טעפליך מיט פערשיעדענע גריצען, ווייל יאָסקע פלעגט די טעפ־ליך אַרומטראָגען צו פערלאָזענע חולאים, וואָס האָבען נישט גע־האַט קיין אייגענע, וואָס זאָלען זיך אויף זיי אַרומקוקען. יאָסקע האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר'ן עיפוש. יאָסקע איז געקראָכען אין די שטובען אַרום, ווי דער עיפוש האָט צום שוואַרצסטען גע־בושעוועט, און וועמען געבראַכט אַ לעפעל געקעכטס, וועמען אַ רפואה פון רופא; דעם קראַנקען פערבונדען אַ מכה, אַנ'אַנדערן — געריבען מיט זאַלבען; אַ טויטען אונטערגעהויבען, און אַ לעבע־דיגען — געטרייסט.

איינמאָל, ווען יאָסקע געהט אַזוי אין דער טיעפער נאַכט, אין דער שלעכטער צייט, איבער די קראַנקע שטובען אַרום, מיט זיינע טעפליך גריץ — הערט ער פון אַ לאָדען אַרויס אַ ווייבער־קרעכצען. מן הסתם, האָט יאָסקע געמיינט, האָט דער עיפוש זיך אַריינגעכאַפּט אין דער אומגליקליכער שטוב, און ער קאָן מיט עפּעס־וואָס בייהילפיג זיין. לאָזט ער איבער אַלע אַנדערע חולאים, פאַר וועלכע ער שלעפּט די טעפליך, און געהט־אַריין אין דעם שטובעל, פון וואַנען עס הערט זיך דאָס ווייבער־קרעכצען. קומט ער אַריין, זעהט ער — אַ פרוי ליגט אין בעט און קרעכצט ביי־טער, רופט איהר מוטער צו הילף און קיינער איז נישטאָ, ווער עס זאָל איהר וואָס העלפען. דערשרעקט זיך יאָסקע, וואָס מען האָט געלאָזט אַ פרוי איינע אַליין אין אַזאַ ביטערער צייט [illegible] געסט ער, אַז ער איז אַ מאַנספערשוין און קומט צו [illegible]ום בעט און פרעגט זי:

— גוטע פרוי, וואָס איז אייך? קאָן איך אייך [illegible] וואָס בייהילפיג זיין?

נעהמט די פרוי און דעקט זיך מיט דעם ליילעך דאָס פּנים צו, און זאָגט צו איהם:

— ווי אַזוי קאָנט איהר מיר בייהילפיג זיין, אַז איהר זענט אַ מאַנספּערשוין? איך בעדאַרף אַ פרוי, וואָס זאָל מיר העלפען געווינען, דען איך בין געקומען אויף מיין צייט.

האָט יאָסקע אָבגעענטפערט:

— ווייבליין, ווייבליין, זייט נאָר רוהיג, איך ברענג אייך גלייך אַ הייבאַם.

איז יאָסקע אַרומגעלאָפען פון איין שטוב אין דער אַנדע־רער און אַנגעקלאַפּט אין די טהירען, אין די פענסטער פון די הייבאַמען. בחנם האָט ער געפאָדערט, אַז זיי זאָלען געהן דער פרוי העלפען. קיין ווייב האָט זיך נישט אַרויסגעוואָגט פון שטוב אַרויס אין אַזאַ צייט. יאָסקע האָט געקלאַפּט אין אַנדערע טהי־רען — קיינער האָט איהם נישט געוואָלט ענטפערן. האָט יאָסקע געטראַכט, אַז די צייט איז אַזאַ ביטערע און קיין מענש וואגט זיך נישט פון שטוב אַרויסצוגעהן — וועט מיר גאָט מוחל זיין. וואָרום עס האנדעלט זיך אין אַ מענשליך לעבען.

איז יאָסקע פלינק אַהיים געגאַנגען. אין אַ ווינקעל, הינטער אַ ליילעך, זענען נאָך געהאָנגען זיין ווייבס קליידער, — זי איז פריהער פון איהם אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, און האָט איהם איבערגעלאָזט אַן׳אַלמן. און די קליידער טהוט זיך יאָסקע פורים צום פורים־שפּיעל אָן, ווען ער געהט מיט די בית-המדרש־בחורים אין יידישע שטובען אַרום, אויס המנ׳ען דאָס געלעכטער צו מאַ־כען און מרדכי׳ן מיט אסתר׳ן „צו ליבען און צו פריידען”. האָט ער זיך אָנגעטהון דעם ווייבס קלייד מיט אַ הויב אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ ווייסען שלייער דאָס פּנים פערהאַנגען, ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענער צייט, כדי די באָרד און פאות צו פער־שטעלען, און געזאָגט צו גאָט:

— גאָט, דו גאָט, דו ווייסט, אַז איך טהו דאָס נישט פאַר שפּאַס און פערגעניגען וועגען, נאָר כדי אַ מענשענס לעבען צו ראַטעווען.

האָט יאָסקע גענומען אַלע די כלים, וואָס די ווייבער בענו־

צען ביי קינדער־אָבנעמען, וואָרום זיין צו גאָט געגאַנגענע פרוי איז אַליין אויך געווען אַ הייבאַם, און יאָסקע האָט גענומען אַלע מכשירים: דעם גרויסען קעסעל, דאָס קינד צו באָדען, אויף זיין רוקען, און די גרויסע שער, דעם נאָפּעל איבערצושניידען, אונטער זיין אָרעם, און איז געגאַנגען צו דער געווינערין, געשטעלט זיך אין דער טהיר און געזאָגט אזוי:

— געווינערין, געווינערין, האָב קיין אַנגסט און קיין פּיין, דען עס קומט עס קומט אַ זונהדעלע שיין...

האָט די געווינערין זיך געשטוינט און געפרעגט:

— ווער האָט אייך צו־ווייסען געטהון, — אַז עס איז געקומען מיין צייט? האָט די „הייבאַם" אָבגעענטפערט:

— יאָסקע דער שמש איז געווען ביי מיר און האָט מיר בעפויהלען צו אייך, דען עס איז געקומען אייער צייט.

האָט די געווינערין איינגעזעהן, אַז עס איז נישט לילית די מכשפה, וואָס איז געקומען צו איהר אין שטוב אַריין, האָט זי באַלד געשריגען און געקלאָגט:

— הייבאַם, הייבאַם, קומט געשווינד, דען איך פערליער באַלד מיין קינד.

אַכט טעג האָט יאָסקע פערבראַכט ביי דער געווינערין אין געשטאַלט פון אַ פרוי. די געווינערין האָט געבוירען אַ געזונד קינד, וואָס האָט די מוטער זעהר אָבגעשוואַכט, און זי האָט בעדאַרפט האָבען אויפזעהן און פּפלעגע אַ סך. האָט יאָסקע גע־קאָכט פאַר איהר געקעכטס, איהר געלעגער צורעכט געמאַכט, דאָס קינד געוויקעלט און געבאָדען, ביז עס איז געקומען דער אכטער טאָג, ווען מען האָט דאָס קינד יודישען בעדאַרפט.

איז יאָסקע געגאַנגען אַהיים, אראָבגענומען פון זיך די ווייבער־קליידער און אָנגעטהון זיך צוריק אין מאַנספערשוינישע, גענומען דאָס מוהל־מעסער מיט דעם מוהל־בוך אין האַנד אריין און איז געגאַנגען צו דער געווינערין אַהיים, געשטעלט זיך ביי דער טהיר און געזאָגט אַזוי:

— געווינערין, געווינערין, זייט פרעהליך, דען אייער קינד וועט אַ יוד זיין.

האָט די געווינערין געפרעגט:

— פונוואַנען ווייסט איהר, אַז איך האָב אַ קינד צו יו־דישען? עס איז דאָך קיינער נישט געוועזען ביי מיר, וואָס זאָל איך צו וויסען טהון?

האָט יאָסקע אָבגעענטפערט:

— די הייבאַם איז געוועזען ביי מיר, אין מיין לאָדען אָנ־געקלאַפּט, אַז עס איז אַ קינד צום יודישען דאָ.

האָט די געווינערין איינגעזעהן, אַז עס איז נישט לוצי־פער, וואָס איז געקומען דאָס קינד פון איהר רויבען — האָט זי איהר טהייערען זוהן אין יאָסקעס אָרעם אַריין איבערגעגעבען, אַז ער זאָל פון איהם אַ יוד מאַכען, נאָך דעם יודישען דין און דת.

אַזוי איז יאָסקע *שמש* געוועזען די הייבאַם און דער מוהל אין איין צייט.

אינהאַלט:

דער רוף פון שטאָדט — — — — — — — 5
אויף אַ שיף — — — — — — — — — 91
דער קליינער דייטש — — — — — — — 109
אין שטויב — — — — — — — — 122
„משה כאַלופניק" — — — — — — — 135
נדן — — — — — — — — — — 150
ווער בעדאַרף זי — — — — — — — 159
דער לעצטער יוד — — — — — — — 171
יודישע נקמה — — — — — — — — 185
עס איז גאָרנישט געווען — — — — — — 199

בילדער פון פוילן

יקום פורקן — — — — — — — — — — 205
דאָס קעלבל — — — — — — — — — — 210
צאַר ניקאָלאַי און טראָצקי — — — — — — 214
דער מזלדיגער — — — — — — — — — 229
אַ גאַסט פון יענער וועלט — — — — — — 236
דרייסיג יאָר און אַ טאָג — — — — — — — 243
יאָסקע שמש — — — — — — — — — 246